STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01860

DI HOYPT SHTREMUNGEN IN DER LITERATUR FUN NAYNTSENTEN YORHUNDERT

Georg Morris Cohen Brandes

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געאָרג בראַנדעס

די הויפּט שטרעמונגען אין דער ליטעראַטור פון ניינצענטען יאָרהונדערט

באַנד 11

יונג־דייטשלאַנד

איבערזעצט פון

דר. יעקב גרינפעלד

מאַקס נ. מייזעל
אידישער פארלאג פאר ליטעראטור און וויסענשאפט
424 גרענד סטריט, ניו יארק,
1921

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL 200

Copyright, 1921
by
Max N. Maisel

אינהאלט:

(יונג־דייטשלאנד, אפטיילונג 2)

קאפיטעל 11. — העגעליאניזם — — — — — — — — — — — 5

קאפיטעל 12. — די נייע גרופע: ווינבארג, גוטשקאוו און לאובע — — — — — — — — — — — — — — — — — 18

קאפיטעל 13. — גוטשקאוו, לאובע און מונדט — — — — — — — 41

קאפיטעל 14. — ראהלער, בעטינא, שארלאטע סטיעגליץ — — 73

קאפיטעל 15. — פרידריך ווילהעלם דער פערטער פון פרייסען — 110

קאפיטעל 16. — די נייטראלע ליטעראטור — — — — — — — 139

קאפיטעל 17. — די פאליטישע ליריק, די פילאסאפישע רע־וואלוציע — — — — — — — — — — — — — — — — — 155

קאפיטעל 18. — די רעוואלוציאנערע פאעזיע — — — — — — 177

קאפיטעל 19. — 1848־טער יאהר — — — — — — — — — — 206

קאפיטעל 20. — דער סך הכל — — — — — — — — — — — 232

.11

העגעליאניזם.

די העגעליאנישע פילאזאפיע, צוזאמען מיט דער יולי־רעוואלוציע, האבען מיטגעריסען די גייסטיגע קרעפטען אין דעם שטורמישען לעבען פון דער מאדערנער געשיכטע און פאליטיק. מען דער 60־יעהריגער פילאזאף האט זיך אין זיין יוגענד באצויגען צו דארף ניט דריגגען דערפון, אז העגעל האט סימפאטיזירט מיט דער יולי־רעוואלוציע — פארקערט: די צושטימונג, מיט וועלכער די געשעהענישען פון דער גרויסער רעוואלוציע, האט ער ניט געקאנט ארויסווייזען אין באצוג צו דעם אריינרייסען זיך אין דעם פארנינפטיגען גאנג פון זאכען, וואס ער האט געהאלטען פאר ריכטיג. ער איז שוין פון לאנג אן געווארען זעהר קאנסערוואטיוו אין אלע פאליטישע פראגען.

נאר פונדעסטוועגען האט די יולי־רעוואלוציע געענדערט דעם גרונד־כאראקטער פון דער העגעליאנישער פילאזאפיע. דאס איז געווען דער היסטארישער פונקט, די היסטארישע איבערקעהרעניש, אין וועלכער מען האט זיך גענויטיגט, כדי צוצופאסען די פילאזאפיע צום לעבען. אפילו די לעהרע האט זיך אויסגעצייכענט דערמיט, וואס מען האט איהר געקאנט אויסטייטשען אויפ'ן פארקערטען אופן. פון דעם מאמענט אן איז זי געווארען איינע פון די עלעמענטען, וואס בויט איבער דאס גאנצע לעבען. מיר האבען שוין דאס געזעהן אין א ביישפיעל מיט היינע'ן, וועלכער האט ניט געקאנט דערמאנען ווענען העגעל'ס איבערגעהן אויף דער זייט

פון פּרייסישען קאָנסערוואַטיזם, ניט געפינענדיג פאַר איהם אַ פּאַרטיידיגונג: פאַר איהם איז העגעל פאַרבליבען אויף אַלע מאָל דער גרויסער פילאָזאָף פון דער נייער צייט, דער פול־מעכטיגער הער־שער אין קעניגרייך פון געדאַנק.

העגעל האָט ביז זיין אַנקומען קיין בערלין ניט געהאַט קיין ערפאָלג אין זיין פּעדאַגאָגישער טעטיגקייט. ער האָט געצויגען ווענינ אויפמערקזאַמקייט אין אַנדערע אוניווערזיטעטען און אין די יונגע יאָהרען האָט ער געדאַרפט פאַרלעזען פאַר אַ כמעט פּוסטע אוידיטאָריע פון דריי־פיער צוהערער. נאָר נאָך זיין אַריבערקומען קיין בערלין איז ער געוואָרען זעהר באַריהמט. אין געגענזאַץ צו שעלינג׳ען, וועלכער איז פריה רייף געוואָרען און פריה פאַרוועלקט געוואָרען, האָט העגעל, זייענדיג אַ פעסטערער אין זיין נאַטור און אַ לאַנגזאַמערער, דערגרייכט צו 48 יאָהר די וויכטיגסטע עפּאָכע פון זיין לעבען.

מען האָט אויף איהם געלעגט גרויסע האָפנונגען, וועלכע זיינען פאַרווירקליכט געוואָרען. זיין פאַרשטאַנד האָט זיך אויס־געצייכענט מיט אַ מעכטיגער קראַפט. העגעל איז אַריינגעוואַקסען מיט אַלע זיינע וואָרצלען אין זיין צייט און דאָך האָט ער געשוועבט איבער איהר, אַרויסווייזענדיג אַ טיפע באַקאַנט־שאַפט מיט אַלע אידעען פון זיין יאָהרהונדערט און אַרומטראַכטען זיי מיט דער ווירדיגער רוהיגקייט פון גייסטיגען אַריסטאָקראַט און מיט טיפער איבערציינונג. הונדערטער און הונדערטער צוהערער פלעגען קומען איהם הערען. אַלס אוניווערזיטעטישער פּע־דאַגאָג איז ער געווען אַן אָריגינעלער עקזעמפּלאַר פאַר צוהערער, וואָס פלעגען איהם זעהן דעם ערשטען מאָל. אין אוידיטאָריע פלעגט אַריינגעהן אַ פריה־אַלט־געוואָרענער מענש, איינגעהויקערט, באַטש, ווי עס פלעגט אויסווייזען, שטאַרק געבויט פון דער נאַטור, וועלכער פלעגט מאַכען פון דעם ערשטען בליק אַן איינדרוק פון אַן אַלטען עהרליכען בורזשוא. ער פלעגט אַרויפקומען אויף דער קאַטעדרע, פאַרטיפען זיך אין זיינע פּאַפּירען, דורכמישען זיי איינינע מאָל און זוכען עטוואָס אין די ערשטע אָדער אין די לעצטע שורות פון בלאַט. ער פלעגט זיך האַלטען זעהר פאַר־שעמט און צוריקגעצויגען; די שטריכען פון זיין פנים זיינען גע־

ווען צושוואומענע, דער פנים איז געווען אַן אויסגעמאַטערטער און אויסגעצערטער, ניט פון ליידענשאַפט, נאָר פון אָנגעשטרענגטער קאָפּ־אַרבייט. נאָר די פאָרם פון זיין קאָפּ איז געווען אַ שעהנע און אַ נאָבעלע, און ווען דער פנים, אויף וועלכען עס איז געווען דער שטעמפּעל פון אויסערגעוועהנליכער חכמה, פלעגט זיך ווענדען צו די צוהערער, פלעגט ער מאַכען דעם איינדרוק פון טיעפער און געטליכער ערנסטקייט.

ער פלעגט אַנהויבען רעדען, אָפּשטעלען זיך, אָפּהוסטען זיך, שטאַמלען און זוכען מיט גרויס שוועריגקייט דאָס פּאַסענדע וואָרט. ער האָט געהאַט אַ שטאַרקען שוואַבען־אַקצענט און אָפּגעהאַקטע ריטמלאָזע שפּראַך: ער פלעגט זיך שטענדיג פּראָפּלאָנטערען אין אַ לאַנגען זאַץ און זעהר זעלטען זיך געבען אַן עצה מיט איהם; מאַנכעסמאָל פלעגט ער זעהר לאַנג זוכען דאָס פּאַסענדע וואָרט, אָבער ער פלעגט עס סוף־כל־סוף געפינען; און דאָס וואָרט האָט זיך אויסגעדאַכט פאַר די צוהערער צו זיין דאָס געלונגענסטע, סיי ער פלעגט נעהמען פון די, וועלכע ער באַנוצט זיך שטענדיג, אָדער פון די, וועלכע ער פלעגט צוטראַכטען אין דעם מאָמענט. צוביס־לעכווייז זיינען די צוהערער געקומען צום באַשלוס, אַז אַזאַ שווערער אַרט רעדען איז בלויז אַ רעזולטאַט פון אַן אויסערגעוועהנליכער, אינערליכער קאָפּ־אַרבייט. עס פלעגען זיך טרעפען צייטענווייז מיעד־מאַכענדע ווידערהאָלונגען, נאָר אויב דעם צוהערער׳ס אויפמערק־זאַמקייט פלעגט ווערען אָפּגעשוואַכט, און ער פלעגט דורכלאָזען עטליכע פראַזען, פלעגט ער אַלס שטראָף פאַרלירען דעם פאָדים פון דעם געדאַנקען־גאַנג; ווייל אפילו אין ניט־וויכטיגע זאַצען פלעגט דער אָדער יענער געדאַנק אַרויסווייזען זיין איינזייטיג־קייט, באַגרענעצקייט, ווידערשפּרוכען און מען פלעגט דאַרפען לע־זען די ווידערשפּרוכען אָדער זיי פלעגען שוין זיין געלייזט, ווען דער צוהערער פלעגט געגעצען אַן אַ זייט.

דער אָריגינעלסטער שטריך ביי העגעל׳ן איז געווען די צו־זאַמענבינדונג פון צוויי עלעמענטען: די פּראַקטישקייט פון זיין ריידען — אַלץ וואָס ער פלעגט ריידען האָט געהאַט אַ דירעקטע שייכות צו דער זאַך, — און די שטרעבונג צו קלאָהרקייט, מאַכענדיג

דעם איינדרוק, אַז העגעל פלעגט אַלץ רעדען פאַר דעם צוהערער, כדי ער זאָל קאָנען גוט באַגרייפען דעם געגענשטאַנד 1).

אַ שלעכטער ערצעהלער איז געווען דער אָראַטאָר, אָבער אַן אויסערגעוועהנליכער דענקער און אויסטייטשער. די קינסטליכע אויסדריקע, וועלכע ער פלעגט נוצען, זיינען געווען נעבעלדיג, נאָר מען פלעגט זיך צוגעוועהנען צו דער טערמינאָלאָגיע, און דעם צוהערער פלעגט זיך אָפט אויסדוכטען, אַז ער שוועבט איבער דער ערד אין אַבסטראַקטע געדאַנקען, אויף אַזוי פיעל פיינע, אַז די דיאַליקטיק אין פלאַטאָנס „פאַרמענידען" איז געווען ניט שעהן גענוג אין פאַרגלייך מיט העגעל'ס דיאַלעקטיק: דער צוהערער פלעגט זיך אָפט אויסדאַכטען, אַז ער דרינגט אַריין אַלץ טיעפער און טיעפער אין סוזשעטען, וועלכע פלעגען ווערען אַלץ מעהר רעאַליס־טישע און ערדישע. דעם אָראַטאָרס שטימע פלעגט קלינגען שטאַר־קער, דער בליק, מיט וועלכען ער פלעגט אַרומכאַפען די גאַנצע אוידיטאָריע, איז געווען מעהר געוואַגט און מיט אַ מעהר זיכערען אויסדרוק, ווען ער פלעגט מיט עטליכע קורצע און שאַרפע ווערטער באַראַקטעריזירען די גייסטיגע באַוועגונג, די עפּאָכע, דאָס פאָלק אָדער אַ גרויסען מענשען, ווי צום ביישפּיעל, ראַמאָ'ס פלימעניק, וועגען וועלכען מען רעדט אין „פענאָמענאָלאָגיע", ניט אָנרופענדיג זיין נאָמען.

דער צוהערער, קומענדיג דעם ערשטען מאָל אין דער אוידי־טאָריע, און הערענדיג ווי דער באַריהמטער אָראַטאָר ענטוויקעלט באַגריפען אָהן שום ביישפּילען, באַגריפען געמיינשאַפטליכע פאַר אַלע ערשיינונגען אין דער וועלט פון נאַטור און גייסט און דער־פאַר פאַרקערפּערטע אין אַ געהיימניספולע און אויך אין דער־זעלבער צייט אַ סיסטעמאַטישע נעץ פון אַט דער נאַטור און גייסט, פלעגט קאָנען אָפט פיהלען ווי צו אַנטלויפען ווייט פון זיין לעה־רער און קיינמאָל ניט אומקעהרען זיך צוריק.

אָבער ער פלעגט זיך אומקעהרען, ווייל די שווערע אויסלעגונג פון דער לעהרע פלעגט אויף איהם צויבערהאַפט ווירקען, און זיינע

---

1) האָטאָ: פאָרשטאַדיען פאַר לעבען און קונסט. זייט 383. האַיום: העגעל און זיין צייט. זייט 392.

אויגען פליגען זיך עפענען. עס פלעגט זיך איהם צייטענווייז אויסדאַכטען, אַז אַ בליץ פון געדאַנק שניידט דורך די פינסטערניש. דער צוהערער פלעגט אַנהויבען צו פאַרשטעהן, אַז איינקלאַנג מיט דער פאַרזיכערונג פון דעם אָראַטאָר אַליין, אַז עס האַנדעלט זיך דאַ ניט וועגען אַ וואָסערע־ניט־איז סיסטעם, פונקט ווי אַנדערע סיס־טעמען; דער מענש האָט זיך געהאַלטען פאַר אַן אַנזאָגער פון אַן אַבסאָלוט אָריגינעלער וויסענשאַפט, וואָס נעמט אַרום דעם זיין, וואָס ערקלערט אַלץ, גאָט און די וועלט, און רעזומירט אַלץ, ווייל אַלע אידעען פון די פריהערדיגע דענקער געהען אַריין אין זיין סיסטעם, פונקט ווי אַלע נידעריגע פאָרמען פון חיות געפינען זיך אין דעם גאַנג פון דער ענטוויקלונג פון דעם מענשליכען שורש; דאָס גאַנצע פריהערדיגע האָט געשטרעבט און זיך געווענדעט צו איהם אַלס צו אַ ציעל, אַלע פריהעריגע שטרעבונגען האָבען זיך דורך איהם פאַרענדיגט, און פון יענער צייט אַז האָט מען נאָר געקאָנט רעדען וועגען אויספילען באַזונדערע טיילען פון דער גרויסער איינ־הייטליכער גאַנצקייט, וואָס ער האָט אָנגעצייכענט.

פון דאַן אַן פלעגט דער צוהערער ווערען פאַרצויבערט. די נע־בעלקייט פון דער טערמינאָלאָגיע האָט נאָך פאַרגרעסערט די פאַר־געטערונג פונ׳ם לעקטאָר. די שוועריגקייט פלעגט אַרויסרופען מעהר אינטערעס; עס איז געוואָרען אַ פראַגע פון עהרע אויפהויבען דאָס פּראָבלעם פון לעבען. מיט וואָס פאַר אַ געפיהל פון ענטציקונג פלעגט מען זיך, ענדליך, צושלאָגען צום פאַרשטעהן.

די לעהרע פלעגט ווערען פאַרשטענדליך: די גאַנצע וועלט פון געפיהלען — אַ מיראַזש; זיין תמצית — דער געדאַנק. ניט קיין באַזונדערער און פּערזענליכער, נאָר דער אַלגעמיינער. איך דענק, און מיט דער הילף פון דעם נויטווענדיגען פּראָגרעס פון מיין דענקען נאָך באַשטימטע און פעסטע געזעצען, דערנעהענטער איך זיך צום מולען פאַרשטעהן זיך אַליין און דער וועלט. איך באַטראַכט מיין אייגענעם געדאַנק און גלידער איהם פאַנאַנדער ניט אַלס מיינעם, נאָר אַלס אַ געמיינשאַפטליכען געדאַנק; איך שטעל זיך פאַר דעם גאַנצען מענשליכען פאַרשטאַנד צונויפגעקניפּט מיט מיינעם. נעהם פון איהם אַוועק דאָס אינדיווידועלע און

פּערזענליכע, וואָס זעהט אויס ממשות׳דיג, און אין דער אמת׳ן גאַרניט ממשות׳דיג, און איך זעה אין אַלע געדאַנקען בלויז איין און איינציגען געדאַנק, און אין דעם געדאַנק — דעם פּרינציפּ פון זיין. דאָס איז דער פונדאַמענטאַלער אינהאַלט, וואָס האָט געקראָגען דעם גרעסטען אויסדרוק אין דעם מענשען, דערזעלבער וואָס דרינגט דורך די וועלט און באַשאַפט איהר. דער פונדאַמענטאַלער אינ־האַלט, וואָס ווירקט און שאַפט בלינדערהייט אין דער נאַטור, ווערט באַוואוסטזיניגער אין מיר. דאָס אומבאַדינגטע, די אידעע, וועל־כע דאָס פאָלק רופט אָן גאָט, איז ניט קיין באַוואוסטזיניג אָדער אינדיווידועל ווועזען, ווייל באַוואוסטזיין און פּערזענ־ליכקייט צווינגען אונז צו דענקען, אַז עס עקזיסטירט עטוואָס אויסער דעם באַוואוסטזיין און פּערזענליכקייט, אָבער אויך דאָס עטוואָס קאָן ניט זיין אינגאַנצען אונבאַוואוסטזיניג. די דערקענונג פון גאָט דורך דעם מענשען, איז די זעלבסט־דערקענונג פון דער גאָטהייט. איך הער אויף צו לעבען אַלס איינצעלנער, צופעליגער מענש, און איך פיהל ווי דאָס אַלוועלטליכע לעבען לעבט און פּולסירט אין מיר.

די לאָגיק, וואָס דיענט אַלס אַ סכאָלאַסטישע דיסציפּלין, אָט די לאָגיק, וואָס מיט איהרע באַרבאַרישע נעמען שטעמפּעלט זי אָפּ יעדען היוצא לנו מזה אין אונזער פאַרשטאַנד, אָט די לאָגיק, וועלכע מען האָט שוין כמעט פאַרשטויסען, האָט ווידער אויפגעלעבט, אַלס די לעהרע וועגען אידעען פון זיין אין זייער געגענזייטיגער פאַרבינ־דונג און וועגען דער איינהייט, ווייל דער ערשטער געדאַנק האָט אַרויסגערופען דעם צווייטען, זיך צונויפגעגאָסען אין אַ נייעם און אַרויסגעפיהרט אויף דער סצענע זיין געגענזאַץ, וואָס האָט איהם אין דערזעלבער צייט דערגענצט. איין געדאַנק האָט על־פּי נויטווענ־דיגקייט אַרויסגערופען אַ צווייטען און אַזוי ווייטער. און אַזוי אַרום האָט זיך, פּונקט ווי אַ שלאַנג, וואָס בייסט דעם אייגענעם עק, אויסגעבילדעט אַ קייט פון וועלכער, ווי רינגען פון אַ דין רינג, עס טיילען זיך אָפּ די מלוכות פון נאַטור און גייסט.

אַלע וויסענשאַפטען האָבען אָנגעהויבען צו שעפּען פון דער נייער מעטאַפיזיק ווי פון אַ לעבען־קוואַל און אַלע זיינען זיי גע־וואָרען איינער. דאָס סיסטעם איז געוואָרען קלאָהרער אין די אויגען

פון די תלמידים, אַן איינענאַרטיגע, פאַרצווייגטע שטרענג סיסטעמאַ־טישע, וואָס ענטהאַלט אין זיך אַ אינערליכע אומענדליכקייט, אַ טעמפּעל פון גייסט, אַ גראַנדיעזע גאָטישע קירכע, וואו יעדער קליי־נער טייל איז עטוואָס גאַנצעס פאַר זיך, וואו יעדע קליינע טריאַדע האָט פּערזאָניפיצירט די גרויסע דריי־איינינקייט: דעם געדאַנק, די נאַטור און דעם גייסט.

געבויט אויף דעם גראַניט־ פונדאַמענט פון געדאַנק, האָט זי געשטרעבט דורך אַלע אַרקען און סלופּען פון דער נאַטור־קעניג־רייך אין די מלוכה פון גייסט, און האָט זיך פאַרענדיגט מיט אַ גראַנדיעזען ביזן הימעל טורעם, וועלכער איז באַשטאַנען פון דריי גאַרען: דער ערשטער — רעליגיע, דער מיטעלער — קונסט, און דער לעצטער גאָרען — די פילאָזאָפיע.

נאָר פאַר׳ן תלמיד איז דער מעטאָד געווען וויכטיגער איידער דאָס סיסטעם, ווייל איינענטליך דער מעטאָד, וואָס דעפינירט דעם גאַנג פון דער געדאַנקען־ענטוויקלונג, האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם שליסעל פון דער וועלט און הימעל. דער מעטאָד האָט גע־צוואונגען אַלץ צו פאַרשטעהן. דער מעטאָד האָט באַוויזען, אַז די וועלט־געשיכטע איז אַ פאַרפּלאָנטערטע דראַמע, די איינציגע גרוי־סע דראַמע פון פרייהייט. יעדעס פאָלק האָט געשפּילט אין איהר אַ ראָלע, און די אַלע ראָלען זיינען געווען ענג פאַרבונדען איינס מיט׳ן צווייטען.

העגעל׳ס סיסטעם איז געווען, אָהן צווייפעל, אַ גרויסע פּאָעמע פון געדאַנק, דורכגעבראַכען מיט וויסענשאַפטליכע באַווייזע. זיכער איז דאָס געווען אַ נייע פּאָעזיע, אָבער אַ מעהר דראַמאַטישע און אַ בעסער געבויטע איידער די, וועלכע שעלינג פלעגט פונאַנדערשפּרייטען; פון אָט אַ דער נייער פּאָעזיע איז אַרויס אַ נייע פאַר׳שכור׳ונג, אָבער אַ שעהנערע און אַ שטאַרקערע איידער די, וועלכע מען פלעגט אַרויסרופען דורך דער נאַטור־פילאָזאָפיע. אמת, אין אונזער צייט איז דאָס גאַנצע סיסטעם פאַנ־אַנדערגעפאַלען, אַ צו־דינער געוועהר פון דעם מעטאָד האָט זיך צובראָכען אין אונזערע הענט, איבערלאָזענדיג נאָך זיך בלויז עט־ליכע באַזונדערע גרויסע פונדאַמענטאַלע געדאַנקען, — אָבער דער, וואָס האָט אין זיין יוגענד דורכגעלעבט די העגעליאַנישע צייט

מיט דער גאַנצער עקזאַלטאַציע פון זיין יונגער נשמה, פאַרשטעהט די ענטציקונג, וועלכע האָט אין יענע עפּאָכע ארומגעכאַפּט די יונגע דורות און דעם כח, וואָס זיי האָבען געשעפּט פון יענע וועלט־אידעען.

צווישען העגעל׳ס תלמידים אין 1830טען יאָהר זיינען געווען אַזעלכע גרויסע דענקער, ווי אָטאָ, האַנס, מאַרהיינעקע, מישלע; כמעט אַלע גרויסע מענשען, וועלכע האָבען פון יענער צייט אָן ביז דעם סוף פון די פופציגער יאָהרען געשפּיעלט אַ ראָלע אַלס טאַלאַנטפולע פאַרשטעהער פון אַלערליי ספּעציאַליטעטען, ווי ראָזענקראַנץ און ווערדער, שטראוס און פישער, פייערבאַך, מאַרקס און לאַסאַל, זיינען געווען אונטער׳ן איינפלוס פון דער העגעליאַנישער פילאָזאָפיע. קוזען אין פראַנקרייך, הייבערג אין דענעמאַרק, ווערא אין נעאַפּאָל, האָבען איבערגעטראָגען די העגעליאַנישע לעהרע אין זייערע היים־לענדער.

פון דער קאַטעדרע פון דער אוניווערזיטעט אין בערלין, האָט זיך די העגעליאַנישע פילאָזאָפיע פאַנאַנדערגעשפּרייט איבער דייטשלאַנד און איבער דער גאַנצער וועלט. זעלטען, אָדער אפשר קיינמאָל האָט אַ גייסטיגע הערשאַפט אָנגענומען אַזאַ ברייטען כאַראַקטער. ווען העגעל איז אין 1831 געשטאָרבען פון דער כאָלערא, האָבען זיינע תלמידים פאַרגליכען איהם מיט אַריסטאָטלען, מיט אַלעקסאַנדער דעם גרויסען און אפילו מיט יעזוס.

וואָס אַנבאַלאַנגט דער שעהנער ליטעראַטור פון דער פאָלגענדער דעקאַדע, אין ספּעציעל דער אַזויגערופענער יונגער דייטשלאַנד, האָט העגעל׳ס פילאָזאָפיע געווירקט באַפרייענד, ווי אַ קראַפט, וואָס האָט געבראָכען דעם גלויבען אין דאָגמען און באַפרייט די איינצעלנע פערזאָן פון דעם דרוק פון דער רעגירונגס־קירך. מיר האָבען געזעהן, אַז אפילו אַזעלכע לירישע נאַטורען, ווי היינריך היינע, האָבען אַרויסגעוויזען אין דער באַציהונג אַ שוואַכע שאַטירונג פון העגעליאַניזם; שוין ניט ריידענדיג וועגען דעם, וואָס היינע האָט אַזוי געשליפען זיין שאַרפען מח אין דער העגעלשער שולע, אַז אפילו אין דער פאָרם פון זיין שאַרפזין מערקען זיך שפּורען פון דער העגעליאַנישער דיאַלעקטיק, וואָס שטעלט אַרוים קעגען יעדען געדאַנק זיין געגענזאַץ.

נאך א גרעסערע ווירקונג האט די העגעליאנישע פילאזאפיע, אלס א טייל פון דעם מאדערנעם העלעניזם, געהאט אויף די יונגע מחות. אין דער באציהונג האט העגעל ארויסגעוויזען א שטארקע־רען איינפלוס איידער געטע.

דער לעזער געדענקט זיכער דעם פלאץ אין דער אפהאנד־לונג פון היינע און בערנע, וואו היינע רעדט וועגען בערנע׳ס נא־זארעאישע באגרעניצטקייט. ער רופט דאס אן „נאזארעאיש", כדי, ווי ער דריקט זיך אוים, ניט צו געברויכען אידישע אדער קריסטליכע אויסדרוקען, ווייל ביידע האבען פאר איהם דיזעלבע באדייטונג און באצייכענען ניט דעם גלויבען, נאר דעם כאראק־טער; ער שטעלט דאס ווארט נאזארעאיש אלס א געגענזאץ צום ווארט העלעניש, וואס איז פאר איהם אן איינגעבארענע ווי אויך אן אויסגעארבייטע גייסטיגע ריכטונג און וועלט־אנשויאונג. מיט אנדערע ווערטער: אלע מענשען זיינען פאר איהם אדער נאזארעער, אדער העלענער, — אדער מענשען מיט צוריקגעהאלטענע שטרעבונגען, שונאים פון בילדליכקייט, קראנקהאפטע אנהענגער פון ראציאנאליזם, אדער מענשען מיט א ליכטיגען וועלט־בליק, שטאלץ מיט זייער ענטוויקלונג. ער רופט זיך אליין העלענער, — א נאמען, פון וועלכען יעדער דייטשער ראמאנטיקער וואלט זיך אפגעטיישעלט.

נאר אין דער הינזיכט קומט דער העלעניזם ארוים פון העגעלן. מיט זיין גאנצער גייסטיגער ריכטונג ווייזט העגעל ארוים א נייגונג אויסצופילען אלטע פארמען מיט א מאדערנעם אינהאלט, ווי מיר טרעפען עס ביי געטע אין זיין „איפיגעניע" און ביי טארוואלדסען אין זיין סטאטוע פון דער גראפיניע בראטינסקי אין גריכישער קליידונג. דאס איז ניט קיין צופאל וואס העגעל און טארוואלדסען זיינען — גערוקט בלויז אין איינינע חדשים — געבארען געווארען ביידע אין 1770. עס איז אויך ניט קיין צופאל וואס העגעל האט מעהר פארשטאנען די זייט פון געטע, וואס האט מעהר געצויגען צו גריכענלאנד.

העגעל, אלס ווירטעמבערגער, האט געשעפט זיין בילדונג פון צוויי קוועלען: פון דער אויפקלעהרונג פון 18טען יאהרהונדערט מיט איהר אויפשטאנד געגען דער טעאלאגיע, און פון דעם קלא־

סישען אלטערטום, וואס האט איהם נאך אין די שולען פון זיין היים פאראינטערעסירט. נאך אויף דער שול־באנק האט ער זיך פלייסיג אפגעגעבען מיט דער גריכישער שפראך און ליטעראטור און נאך אלס קינד האט ער אזוי ליעב געקראגען סאפאקל'ס „אנטיגאנע", אז ער האט עסגעהאלטען פאר א טיפיש־קינסטלערישען פראדוקט און אין זיינע ווערק פלעגט ער זיך אפט אומקעהרען דערצו. ער האט דאס שטודירען פון דער אלטער וועלט באטראכט אלס די אמת'ע אריינפיהרונג אין דער פילאסאפיע און האט שטופענוויז אויסגעארבייט זיין סיסטעם ענטשפרעכענד די סיסטעמען פון דער אלטער וועלט. זיין סיסטעם האט דיזעלבע שייכות צו דעם געדאנקען־גאנג פון אריסטאפאן, ווי געטע'ס „איפיגעניע" צו אוריפידי'ס „איפיגעניע", און ווי טארוואלדסען'ס „אלעקסאנדער'ס קריעג־צוג" באציהט זיך צו פארטענאן'ס פריזע.

זיין אורשפרינגליכע באציהונג צום קריסטענטום ווייזט זיך ארוים אין די עטודען און אויספארשונגען, מיט וועלכע ער פלעגט זיך פון יוגענד אן אויפ'ן געביט פון טעאלאגיע באשעפטיגען. דעם אינהאלט פון זיי האט היים איבערגעגעבען פון העגעל'ס מאנוסקריפטען. ער ווייזט דא אויף, אז די גריכיש־רוימישע רעליגיע איז געווען די רעליגיע פאר פרייע פעלקער, אז די אידעע פון פרייער געזעלשאפט איז געווען פאר די גריכען די העכסטע אידעע, דער אידעאל, פאר וועלכען זיי האבען געאפפערט זייער גאנצען לעבען און זייער ארבייט. דער קריסטליכער גאט איז געווען בלויז א סוראגאט פאר דער פארלארענער רעפובליקאנישער פרייהייט. זיי האבען ניט געהאט מעהר קיין מאכט, זיי האבען עס מעהר ניט געוואלט האבען; זיי האבען געקאנט בלויז וועלען און מתפלל זיין. און וואס מעהר דער מענש איז פארשקלאפט געווארען, אלץ מעהר האט ער זיך גענויטיגט אין א גאט אויסער זיך און איבער זיך. און העגעל פארענדיגט זיין מיינונג וועגען דעם, זאגענדיג, אז מיר דארפען פאדערען צוריק יענע מענשליכע אוצרות, וועלכע דער הימעל האט ביי אונז צוגענומען.

* * *

העגעל האט אין זיין יוגענד געקוקט אויף דעם אידישען אלטערטום דורך ברילען פון קלאסישער וועלט־אנשויאונג. די אלטע

געשיכטע פון אידען רופט ער אַן „אַ צושטאַנד פון אַבסאָלוטער
עסליכקייט“. די גרויסע טראַגעדיע פונ׳ם אידישען פאָלק, — זאָגט
ער, — איז ניט די גריכישע טראַגעדיע: זי רופט ניט אַרויס שרעק
און מיטגעפיהל, ווייל די געפיהלען שטאַמען בלויז פון דעם אַרויס־
גערופענעם על־פּי נויטווענדיגקייט גרייז פון דעם שעהנעם וועזען.
ווי איהר זעהט, פאָלגט ער נאָך די געשיכטע און דעם שיקזאַל פון
אידישען פאָלק אויף פון פאַן סאַפּאָקל׳ס וועלט־אַנשויאונג און
אַריסטאָטעל׳ס לעהרע. דער באַגריף פון גזוּעץ און שטראָף מאַכען
אויף איהם אַן אומאַנגענעמע ווירקונג. ער איז גרייט צו לאָזען
די קריסטליכע פאָרשטעלונג וועגען פאַרגעבען זינד, נאָר אונ־
טער אַ באַדינגונג זי צו פאַרטוישען מיט דער פאָרשטעלונג וועגען
פאַטום, וועלכער גיט זיך אונטער אַ דאַנק דער ליעבע. מיט אַנ־
דערע ווערטער: ער קאַן באַטראַכטען יעזוס׳עס ליידען אַלס עט־
וואָס שעהנעס בלויז דאַן, אויב ער קוקט אויף יעזוס׳ען פון דעמזעל־
בען שטאַנדפּונקט, מיט וועלכען ער קוקט אויף עדיפּ׳ן אין קאָלאָנע,
זעהענדיג אין איהם דעם אומשולדיגען, וועמען דער פאַטום האָט אַנ־
געגריפען, אָבער ניט דעם קרבן, וועלכען מען האָט געבראַכט פאַר
אַנדערע. פאַר איהם איז די אידישע און די קריסטליכע רעליגיע
די זעלבע זאַך, אייגענטליך: אַ מיאוס׳ער געגענזאַץ פון העלע־
ניזם.

ערקלערענדיג דעם דורכפאַל פון די לעהרע פון דער רעליגיע,
בלייבט פאַרט אין זיין באַוואוסטזיין יעזוס׳עס פערזענליכקייט און
זיין געשיכטע. יעזוס, אַלס פּערזענליכקייט, איז פאַר איהם דאָס,
וואָס די אַלטע וועלט איז געוועזן פאַר איהם, אַלס אַ פאָרם פון רע־
גירונגס־לעבען; אַ פּראַקטפולער געטליך־מענשליכער לעבען. אָט
דער יעזוס איז אייגענטליך ניט יעזוס, נאָר יעזוס־אַפּאָלאָ, ווי דער,
וועמען הייניע האָט שפּעטער באַשריבען אין זיין ליעד „פרידען“:
אַ מעכטיגע שאַפונג, וואָס טראָגט אַנשטאָט אַ האַרץ, אַ פלאַמענ־
דיגע, רויטע זון אין ברוסט. און ווען הייניע איז זיין באַוואוסטער
פאַררעדע צו „ראַמאַנסעראָ“ רעדט וועגען זיין לעצטען קניהען פאַר
דער „געבענשטער געטין פון שעהנקייט, אונזער טייערער הערשערין
פון מילאָ“, וועלכע קוקט אויף איהם מיט אַזוי פיעל מיטגעפיהל,
און אַ צעוועהטאָגטע, ניט קאָנענדיג איהם העלפען, דאַן זעהען

מיר ביי איהם דיזעלבע צונויפגיסונג פון פאַגאַניזם און קריסטענ־טום; ווייל דאָס איז אייגענטליך ניט ווענערא, נאָר ווענערא־מאַדאָנא.

העגעל איז דער פאָטער פון דעם פאַגאַניסטישען העלעניזם, אין וועלכען מען האָט באַשולדיגט דאָס יונגע דייטשלאַנד.

אין זיין פילאָזאָפיע הערשט אַ גייסט, וועלכער האָט געקאָנט באַשאַפען אַזאַ פּרינציפּ, ווי „עמאַנסיפּאַציע פון קערפּער", דעם אויסדרוק האָט היינע געבראַכט פון פראַנקרייך און אַריינגעבראַכט אין דער דייטשער ליטעראַטור. זיינע פאַרעהרער און אַנהענגער האָבען דאָס אונטערגעכאַפּט, ענטוויקעלט, און זיינע שונאים און באַשולדיגער האָבען זיך באַנוצט מיט דעם אויסדרוק אין זייערע שאַרפסטע, פול מיט שנאה, אַנפאַלען. דער אויסדרוק האָט געהאַט אַ לייכטזיניגע באַדייטונג ביי היינע'ן און אַ העסליך־ציניש ביי היינריך לאובען.

די באַפרייאונג פון „קערפּער" האָט פאַר דאַמאָלסדיגע יונגע טרוימער באַדייט בלויז אומקעהרען דער נאַטור איהרע געזעצען, און קעמפען געגען די פיינדליכע צו דער נאַטור קרעפטען. זיי האָבען געשטרעבט צו פאַרוואַנדלען די נאַטור־געזעצען אין אַ מאָס פאַר אונזערע ערדישע באַציהונגען, צו באַפרייען די נאַטור אַליין פון אַלערליי אונטערדריקונגען און פאַרבאָטען. (קאַרל גוצקאָוו: „ריקבליקע אויף מיין לעבען", ז. 135).

פאַר זייערע אויגען האָט זיך געטראָגען אַ נייער העלעניזם, דורכגעפיהרט אין העגעל'ס גייסט.

פאַר זיי האָט קיין באַדייטונג ניט געהאַט דאָס, וואָס העגעל איז צו דער עלטער געוואָרען דער גרעבסטער פּרייסישער קאָנסער־וואַטאָר, אָדער וואָס די העגעליאַנישע פילאָזאָפיע האָט אַנערקענט אַלס היילינגטום, אַלע עקזיסטירענדע אינסטיטוציעס און האָט אָפּ־געלייקענט די העכסטע מאָראַלישע אידעען, אַלס פאַגאַניזם. העגעל האָט ניט פאַרשטאַנען, ווי גרויס די קראַפט פון מאָדערנעם סקעפּ־טיציזם איז געווען.

זיינען פאַרבליבען אַ סך אינסטיטוציעס, וועלכע דער נאָר־מאַלער מענש פון יענער צייט האָט פאַרגעטערט און אין זיי גע־גלויבט? יעדענפאַלס זיינען עס געווען פיער: די קעניגליכע מאַכט,

די קירכע, הייראט און אייגענטום. אין באצוג צו זיי איז העגעל'ס לעהרע די פאלגענדע:

ער באזיכערט נים, אז די קעניגליכע מאכט איז א זיכערע גאראנטיע דורכצופיהרען אין לעבען גרויסע פאליטישע פלענער, ניין: פאר איהם איז א מאנארך די פארענדיגונג פון דעם רעגי־רונגס־בניין, און דאס ווידערשפרעכט אנדערע טיילען פון העגעל'ס לעהרע, אין וועלכע ער זאגט, אז דאס סוביעקטיווע, פערזענליכע, איז נאר די אקטיווע קראפט, וואס ענדיגט זיך שנעל; דערפאר דארף דער מאנארך אפטרעטען דעם ארט דער סואווערעניטעט פון דער רעגירונג. אין אזא פאל האלט זיך די קעניגליכע מאכט אלס הנחה צו דער עקזיסטירענדער ארדנונג. וואס איז דא צו באוואונ־דערען, וואס דער שפעטערדיגער דור האט געמאכט דערפון זיינע אייגענע שלוסען!

אין באצוג צו דער קירך האט העגעל באשאפען די באוועגונג, וועלכע איז שפעטער געווען דורכגעפיהרט אין פראנקרייך דורך זיין תּלמיד קוזען, ווען דער לעצטער איז געווען א מיניסטער. ער האט ערלויבט זיינע אנהענגער, ווי צום ביישפיעל, העשען, צו דערווייזען די איבעראיינשטימונג פון זיין לעהרע מיט דער ביבעל און מיט דעם קלויסטער־קריסטענטום; ער האט אפילו געלויבט אין זיין זשורנאל העשענ'ען פאר זיינע אפאריזמען. העגעל, וועלכער פלעגט אין זיין יוגענד, אין זיינע בריעף צו שעלינג'ען, אנפאלען אויף קאנט'ס פילאזאפיע, שטיצענדיג זיך אויף דעם, אז זיין פילאזאפיע פארטיידיגט דעם גלויבען; העגעל, וועלכער האט פארשוואוירען העלדערלינען קיינמאל נים צו מאכען שלום מיט דאגמען, ערלויבט זיך אין זיין פילאזאפיע פון רעליגיע א צווייבאדייטענדיגע שפיעל, פארוואנדלענדיג יעדע דאגמע אין א סימבאל־געדאנק און פארטיי־דיגענדיג זיי דערפאר. ווייל זיי האבען ארויסגעזאגט דיזעלבע אמת'ען וואס די וויסענשאפט, נאר אין פארם פון פארשטעלונג. וואס איז זיך צו וואונדערען, וואס זיינע תּלמידים האבען אויך פון דאנען געמאכט זייערע אייגענע לאגישע שלוסען?

וואס אנבאלאנגט הייראט, האט העגעל געזעהן אין איהר א וויכטיגען פאקטאר אין פאמיליען־לעבען, וואס קאן זיך כמעט פארגלייכען אין באדייטונג מיט פאמיליען־אייגענטום. ווי אזוי

קומט פאַר הייראַט — דאָס איז געווען פון קלענערער באַדייטונג; דעם מאָראַלישסטען וועג ווי צו הייראַטען, איז צו הייראַטען מיט דער הילף פון עלטערען. אין זיין עקעל צו דער פריהייט פון דער איינצעלנער פּערזאָן, האָט העגעל באַטראַכט פאַר העסליך דאָס, וואָס אַ מאַן וויל האָבען אַלס ווייב גראַדע די מיידעל, און ניט קיין אַנדערע. ער האָט גערעדט וועגען הייראַט האַלב ווי אַן אַלטער ספּאַרטאַק, האַלב ווי אַן אַלטער פיליסטער, און די יוגענד האָט איהם ניט נאָכגעפאָלגט אויף דעם וועג.

צו לעצט, אייגענטום, נאָך העגעל׳ס מיינונג, איז אינגאַנצען אַ זאַך פון דער פאַמיליע. בלויז דאַן, ווען דאָס אייגענטום באַלאַנגט ניט צו דער איינצעלנער פּערזאָן, קען מען זיך באַפרייען פון קליינ־ליכען עגאָאיזם. העגעל, פאַרשטעהט זיך, לייקענט אָפּ מיט אומ־צופרידענהייט אויך דעם קאָמוניזם. אָבער די שלוסען זיינען פאַר־בליבען אָפענע און עס איז געקומען אַ צייט, ווען די העגעליאַנער, ווי מאַרקס און ענגעלס, האָבען געקאָנט אַרויסדרינגען אַ רעוואָלוציאָ־נערע פילאָזאָפיע פון זייער לעהרער.

* * *

.12

די נייער גרופּע: ווינבאַרג, גוטשקאָוו און לאובע.

ווען פון דעם אַלץ אַרומנעהמענדען געדאַנק פון העגעל, דער נאָבעלער קונסט פון פּלאַטען, דעם ראַפינירטען וויץ פון אַ בערנע, היינע׳ס ליריש־סאַטירישען טאַלאַנט און דער קלאַסישער גאַנצקייט פון אימערמאַנ׳ס „אָבערהאָף“ קומען מיר צו, צו די מענער, אויף וועמען דער נאָמען יונג־דייטשלאַנד ווערט ספּעציעל אָנגעווענדעט, פילען מיר אין דעם איבערגאַנג אַ פאַלען, אין דעם קינסטלערישען זין — אַ פאַלען פון פאָלקאָמענע און פאָלשטענדיגע מייסטערס צו ניט־דערוואַקסענע און אומרייפע אָנפאַנגער. נאָך מעהר פיהלט מען דעם איבערגאַנג פון היינע׳ן ביז זיינע נאָכפאָלגער, ווי אַ פאַ־לען פון אַ גראַציעזער און געטליכער געוואַגטקייט, ביז אַ רויער, אינגעלשער אַרויסטרעטונג געגען אַלע פעסטע מנהגים און די גאַנ־צע קאָנווענציאָנעלע מאָראַל.

און דאַך האָבען די בעסטע פון די מענער, אין זייערע בעסטע מאָמענטען, געוויזען אַן איבערגעבענהייט, פון וועלכע היינע האָט גאָר קיין באַגריף ניט געהאַט.

צווישען די מענער פון יונג־דייטשלאַנד ווערען ניט אַריינגע־רעכענט היינע, בערנע און זייערע צייט־גענאָסען. (זיי ווערען באַטראַכט ווי די פּאַטערס פון יענעם קרייז.) און אויך ניט די גרופּע פון יונגע וויסענשאַפטס־מענער, וואָס האָבען זייערע מיי־נונגען אויסגעדריקט אין ריגע׳ס און עכטמייער׳ס „האַלישע יאַהר־ביכער". אויך ניט די גרופּע פּאָליטישע דיכטער, וואָס האָבען אין די פערציגער יאָהרען אויסגעדריקט אין דער ליטעראַטור די געפיה־לען וואָס זיינען פּראַקטיש אָנגעווענדעט געוואָרען אין די טאָטען פון 1848.

טראַדיציאָנעל ווערט דער נאָמען יונג־דייטשלאַנד אָנגעווענדעט אין א פיעל איינגעגרענצטען זין, ווי דער וואָס ווערט איהם געגעבען אין דעם בוך.

דער גרינדער איז געווען א זעהר ערנסטער, אָבער ניט קיין זעהר באַגאַבטער צפון־דייטשער שרייבער, רודאָלף ווינבאַרג. גע־באָרען אין אַלטאָנאַ אין 1803. אין 1834 האָט ער אונטער דעם קעמפּענדען טיטעל „אַן עסטעטישע באַוועגונג" (א טיטעל וואָס איז ערפונדען געוואָרען פון קאַמפּע, דער ארויסגעבער), פאַרעפענט־ליכט א רייה לעקציעס וואָס ער האָט געהאַלטען אין קיעל, און דורך וועלכע ער האָט פאַרלאָרען דאָס רעכט פון א לעקטאָר. טראָץ דעם, וואָס מיט זייער אומשולדיגען אינהאַלט און מיט דעם גע־מאַכטען טאָן האָט ער קיינעם ניט באַאַבזיכטיגט אויפצורייצען. צו דעם בוך, וואָס איז שוין איצטער שווער דורכצולייענען, האָט ער צוגעשריבען די ווידמונג: „צו דער יונגער דייטשלאַנד, ניט צו דער אַלטער, ווידמע איך דאָס בוך". דאָס איז פּאַקטיש אַלץ, וואָס מענשען געדענקען היינט פון ווינבאַרג׳ס לעקציעס. מיט יונג־דייטשלאַנד האָט ער באַצייכענט אַלע יונג־דייטשע גייסטער, וואָס האָבען אָפּגעבראָכען מיט די טראַדיציעס אין קונסט, קירכע, שטאָאַט און געזעלשאַפט, און האָבען זייער ליטעראַרישען טאַלאַנט געווידמעט דער רעפאָרם באַוועגונג, וואָס איז אויך געווען זייער אידעאַל.

עס איז ערשטוינט צו ווערען פון דער אומבאַשטימטקייט פון דעם פּראָגראַם וואָס ער האָט פאָרגעשלאָגען פאַר דער נייער ליטע־ראַטור. איהר וועלט אַנשויאונג דאַרף זיין געבויט אויף אַ האַרמאָ־נישער פאַראייניגונג פון זינליכקייט און פאַרשטאַנד. ער פּראָקלאַ־מירט דעם נייעם העלעניזם, אין וועלכען דאָס זינליכע וועט זיין דורכגעדרונגען מיט גייסט, ווי דאָס איז געווען ביי די גריכען, און דאָס גייסטיגע מעהר דורכגעדרונגען מיט דאָס זינליכע, ווי אין קריסטענטום. אָבער פאַר דער ליטעראַטור מוז דאָס לעבען ווידער געבאָרען ווערען, ניט פריהער ווי דאָס לעבען אַרום זיי וועט ווערען געזינטער און האַרמאָנישער, וועט דער יונגער דור קאָנען שאַפען אַ גרויס קונסט־ווערק.

אין דער דעקלאַראַציע און נביאות, ווי מיר זעהען, איז קיין נייעס ניט געווען. היינע האָט שוין דאָסזעלבע געזאָגט אויף אַ הונ־דערט פאַרשיידענע אופנים, הומאָריסטישע אָדער פּאָעטישע: אפילו מענצעל האָט, אין זיין ערשטער פּעריאָדע, דאָסזעלבע געזאָגט, מיט דער פיינקייט פון אַן אומערפאָלגרייכען דיכטער און אַ היציגען פּאַרטיי־מענש. דאָ איז דאָס געווען אויסגעדריקט אין אַ בלומענ־שפּראַך און מיט דער רעטאָריק וואָס פאַרפעהלט זעלטען צו מאַכען אַן איינדרוק אויף אומענטוויקעלטע מחות.

ניי איז נאָר געווען דער פאַקט, וואָס צום ערשטען מאָל האָט אַ רעפּרעזענטאַנט פון דעם יונגען דור, וואָס האָט היינע'ן געהאַלטען פאַר דעם גרויסען קינסטלער פון דער צייט, אויסגעדריקט די אי־דעען. און צום ערשטען מאָל איז געגעבען געוואָרען אַן אויסדרוק צו דער טעאָריע, אַז פּראָזע איז די ליטעראַרישע פאָרם פון דער נייער צייט, און איז פון אַ גרעסערען ווערט ווי די פּאָעזיע. ווינ־באַרג'ס עסטעטישע טעאָריעס האָבען זיך אויסגעלאָזען אין דער פאַרהערליכונג פון היינע'ן, וועמען ער האָט פּראָקלאַמירט אַלס דעם גרויסען, אַלס דעם גרעסטען פּראָזאַ־שרייבער. די דייטשע פּראָזאַ, דערקלערט ער, אונטער דעם איינפלוס פון דער פראַנצוי־זישער, איז נאָך ניט פאָרמירט געוואָרען. שילער'ס סטיל רופט ווינבאַרג אַן, די פּאַראַד־שפּראַך, און געטע'ס, די שפּראַך פון קע־ניגליכען הויף. אַלע פריהעריגע שרייבער, אפילו יאַן פּאָעל, האָבען געלעבט, לויט ווינבאַרג'ען, אין אַ כישוף־קרייז, ווייט פון דעם וועלט־

שטורם. וואָס אונטערשיידט די פּראָזע פון אַ היינע, אַ בערנע, אַ מענצעל, אַ לאַובע, פון די פריהעריגע שרייבער איז, לויט זיין מיינונג, דער מאַנגעל אין רוהיגקייט, געלאַסענקייט. אָבער אַט דער מאַנגעל מאַכט זיי גרעסער, גיט זיי די גרויסקייט פון לעבען. ספּעציעל ווערט היינע געלויבט, פאַר צוריקהאַלטען זיך פון דעם „מאָמענטאַלען כבוד" פון אַ לירישען דיכטער, כדי צו קאָנען שפּיעלען אויף דעם קאָלאָסאַלען קאָסמישען אינסטרומענט וואָס ליעגט אין די הענט פון דעם מייסטער פון דער דייטשער פּראָזאַ.

צוערשט שליסט זיך אַן מונדט, און דאַן לאַובע, אַן דער פאַר־הערליכונג פון דער פּראָזאַ אויף דעם חשבון פון דער פּאָעזיע. קיין איינער פון זיי איז ניט געוועזען אימשטאַנד אַנצושרייבען אַן ער־טרעגליך ליעד. נאָך מעהר דערפאַר, ווייל מיט דעם האָבען זיי אויך פּראָטעסטירט געגען דער שוואַבישער שולע אין דער פּאָעזיע. די פוילע נאָכפאָלגער פון דעם אולאַנדישען צווייג פון ראָמאַנטי־ציזם. מונדט האָט זיכער דעם נייעם קולט פון דער פּראָזאַ דער־הויבען צו דער הויך פון אַ נייער תורה. ווי ווענינג טאַלאַנט וויג־באַרג האָט געהאַט קאָן מען זעהן אין זיין צווייטען בוך, „צו דער נייעסטער ליטעראַטור", אַ זאַמלונג פון שוואַכע עסייען. דער איינ־ציגער פאַרדיענסט פון דעם בוך איז זיין מוטיגע און ערליכע אַרויסטרעטונג פאַר היינען אין דער צייט ווען געגנער, וואָס האָ־בען איהם מקנא געווען און מאַרגלישע פּרעדיגער האָבען אַרויס־געוויזען אַ גרויסע געגנערשאַפט צו איהם.

וויגבאַרג האָט דעם נאָמען „יונג־דייטשלאַנד" אַרויסגעבראַכט, אָבער נאָך אַלץ האָט דאָס ניט באַצייכענט קיין באַשטימטע גרופּע שרייבער. מערקווירדיג איז, וואָס צום ערשטען מאָל איז דער נאָ־מען אָנגעווענדעט געוואָרען אויף די פּערזאָנען, וואָס זיינען פון דעם פאָלק פאַרדאַמט געוואָרען, און געגען וועמען די ברוטאַלע מאַכט פון געזעץ איז אָנגעווענדעט געוואָרען.

די פאַקטען זיינען פאָלגענדע: אַ צאָהל יונגע שרייבער, וואָס האָבען ביסלעכווייז אָנגעפאַנגען באַמערקט צו ווערען, וועלכע זיי־נען ניט געווען פאַרבונדען איינע מיט די אַנדערע, אָבער וועמעס געמיינזאַמער שלאַג־וואָרט איז געווען גייסטיגע באַפרייאונג, זיי

האָבען זיך געהאַלטען ווייט פון קריסטענטום און האָבען גע'חלומ'ט פון אַ נייער פּאַנטעאיסטישער רעליגיע, פאַר דער נייער צייט. אַ סך פון זיי האָבען געפאָדערט, אונטער דעם נאָמען „די עמאַנ־ציפּירונג פון קערפּער", אָדער די „ווידעראויפלעבונג פון דעם קער־פּער", די אָפּשאַפונג פון די טראַדיציאָנעלע מאָראַלישע געזעצען, און מעהר פרייהייט אין די געזעצען וואָס באַציהען זיך אויף דער פאַראייניגונג און שיידונג פון די צוויי געשלעכטער. דער אויסדרוק פון דעם פאַרלאַנג און דער פאַרלאַנג אַליין, איז געוועזען ביי אַזאַ מענש ווי לאָובע, געשמאַקלאָז פּעיקוריש, ביי אַזאַ מענש ווי גוטש־קאָוו — גוצלאָזיגקייט און מאָדנע קראַנקהאַפט. ביי אַנדערע, ווי מונדט, נעמט דאָס אָן די פאָרמע פון אַ קאַמף, וואָס ער רופט אומבאַשטימט אַן די עמאַנציפּירונג פון די פרויען, און וואָס איז אָבער בלויז געווען די פאָדערונג פאַר דער זעלבסשטענ־דיגקייט פון דעם היים־לעבען און הייראַט. די אַלע שרייבער האָ־בען זעהר אַ סך געהאַלטען פון געוויסע באַריהמטע פרויען — אין פראַנקרייך זשאָרזש זאַנד, פון וועמען זיי זיינען געווען שטאַרק באַאיינפלוסט. אין דייטשלאַנד — רחל, בעטינאַ און שאַרלאָטע סטיגליץ.

זיי האָבען אַלע געערדט, אַ סך און הויך, וועגען דאָס רעכט פון דער יוגענד. זיי האָבען אַלע אָנגענומען פון העגעל'ן אַ געוויסען גלויבען אין פרייהייט. זייער אַלגעמיינע פּאָליטישע טענ־דענץ האָבען זיי אַלע גענומען פון דער יולי־רעוואָלוציע. זייער צוועק איז געווען, צו פאַראייניגען ליטעראַטור און לעבען, ווי העגעל האָט פאַראייניגט אידעע און ווירקליכקייט. זיי האָבען אין דער אמת'ן ניט געהאַט קיין גרויסע סימפּאַטיע איינע פאַר די אַנדערע. און באַלד איז זיך יעדער געגאַנגען זיין אייגענעם וועג. זיי זיינען איינע פון די אַנדערע גאַנץ ווייט געווען, וואָס אַנבאַלאַנגט זייערע וואוינונגען: היינע אין פּאַריז, וויינבאַרג אין קיעל — פּאַלשטענ־דיג אָפּגעזונדערט פון אַלעמען. גוטשקאָוו האָט געוואוינט אין דרום־דייטשלאַנד, מונדט איז געווען אין בערלין, לאָובע אין לייפּציג: דער מהלך וואָס האָט זיי צושיידט איז אין יענע צייטען געווען אַ באַדייטענדער. לאָובע איז אין גיכען געוואָרען, אין אַ סך זאַ־כען, גוטשקאָוו'ס אַ געגנער, און אַ קאַלטער אונפריינדליכער קריי־

טיקער פון מונדט און קוהן. מונדט האָט אַטאַקירט גוטשקאָוו׳ן. אַ צופעליגע באַגעגעניש צווישען לאובע און גוטשקאָוו, אין צפון־איטאַליע, אין 1833, האָט זיי מעהר דערווייטערט איינעם פון דעם אַנדערען, ווי נעהענטער געמאַכט. קיין אַנדער געמיינשאַפטליכע פאַרבינדונג ווי די, וואָס עס עקזיסטירט געוועהנליך צווישען מענשען פון דעמזעלבען עלטער און דערזעלבער פּראָפעסיע איז צווישען זיי ניט געוועזן. זיי זיינען געוועזן ווינציגער אַ פּאָליטישע פּאַרטיי, ווי אַ ליטעראַרישער פאַרבאַנד. טראָץ דעם איז די ליטעראַטור ניט געוועזן ביי זיי דער הויפּט־צוועק: זייער פאַרלאַנג איז געוועזן: צו דיענען דעם גייסט פון דער צייט.

דאָס איז אויך געוועזן די אורזאַכע, וואָס זיי האָבען זיך ניט אָפּגעגעבען מיט די ריינע פאָרמען פון ליטעראַרישער קונסט, ניט מיט דער עפּישער און אויך ניט מיט דער לירישער פּאָעזיע, און זעהר ווינציג מיט דער דראַמאַ. זיי האָבען אַלע אידעאַליזירט דעם „צייט־גייסט" און האָבען איהם געדיענט מיט זשורנאַליסטישע און בעלעטריסטישע אַרבייטען, מיט קריטישע און אַרגומענטאַטיווע עסייען, מיט פאַנטאַסטישע רייזע באַשרייבונגען, נאָך דעם מוסטער פון היינע און פּרינץ פּאַקלער־מוסקאַו׳ן און צייטענ־ווייז — אין לאַנג־אויסגעשפּונענע ראָמאַנען.

דער באַדייטענדסטער צווישען זיי איז אַהן צווייפעל געוועזן קאַרל גוטשקאָוו, געבאָרען אין 1811 אין בערלין. ער איז געוועזן אַן ענערגישער, אַרבייטזאַמער, פאָרשענדער און פאָרווערטס־שטרעבענדער גייסט, ער האָט זיך פאַרטיפט אין טויזענדער פּראָבלעמען פון דעם מאָדערנעם לעבען, ער איז געוועזן אויפ׳ן קרייצ־וועג, צווישען אַן אַנאַליטישען קריטיקער און אַ דיכטער, אָבער אַ מענש, וועמען קיין זאַך איז ניט לייכט אָנגעקומען און אויף אַלץ האָט ער געמוזט שווער אַרבייטען. זיין פּערזענליכקייט איז ניט געוועזן קיין אָנציהענדע, זיין יוגענד אָהן פרישקייט, זיין פּראָזא אָהן ריטם, אָבער ער איז געוועזן וואַגענד, ערפינדעריש, אינטעליגענט און אונטערנעמונגס־פעהיג. ער האָט געהאַט פּאַטאָס, אָבער ניט קיין ליריק. ער איז געוועזן שאַרף, אָבער ניט מעלאָדיש. זיין געדאַנק האָט אומגעפאַסט אַלע געדאַנקען און גייסטיגע באַוועגונגען פון זיין צייט. פון דער נאַטור האָט ער באַלאַנגט צו די אומבאַ־

האלפענע, אבער זיין ענטוזיאזם פאַר דער ליטעראַטור איז געווען אַן עכטער, זיין אַמביציע אַזוי גרויס און זיין ווילען אַזוי שטאַרק, אַז ער איז איז גיכען געוואָרען דער אינטעלעקטועלער צענטער און זיין איינפלוס האָט געווירקט אין ברייטע קרייזען. עס איז געווען אַ צייט, אומגעפעהר אַרום דעם יאָהר 1840, ווען אַלץ וואָס איז געווען גוט אין דער דייטשער ליטעראַטור, איז פון איהם און זיינע נאָכ־פאָלגער באַאיינפלוסט געוואָרען.

מיר האָבען געזעהן, ווי די יולי־רעוואָלוציע האָט אין איהם ערוועקט די לוסט צו שרייבען. דער יאָהר נאָך דעם, דער יאָהר פון ענטוישונגען, ווען אַ סך זיינען אַרעסטירט געוואָרען און אַ סך זיינען פון פרייסען אַרויסגעשיקט געוואָרען, האָט ער די פען אין זיין האַנט אַריינגעלעגט. עס איז געווען אַ צייט וואָס יעדעס וואָרט איז שטרענג צענזורירט געוואָרען; ווען אפילו די אַנאָנסען פון דער אינטעליגענץ־בלאַט איז אויפמערקזאַם דורכגעקוקט געוואָרען, צו זעהן, אויב אין זיי איז ניטאָ קיין באַהאַלטענער פאָליטישער אינהאַלט.

גוטשקאָוו פאַנגט אָן מיט דעם אַרויסגעבען פון אַ צייטונג „פאָרום דער זשורנאַל־ליטעראַטור“. ער איז ערצויגען געוואָרען אין דער העגעליאַנישער אידעע פון וועלט־פאָרטשריט, אַז די וועלט פראָגרעסירט צו אימער גרעסערער פרייהייט, ווי גוטשקאָוו דריקט דאָס אויס: פאַר זיינע אויגען האָבען שטענדיג געשוועבט דער פאָליטישער זונען־אויפגאַנג און די וועלט־באַפרייענדע טע־אָריעס“. זיין צייטונג האָט דערגרייכט אַ צירקולאַציע פון זיבע־ציג קאָפּיעס, און דאַן האָט ער זי געמוזט אויפגעבען.

טראָץ זיין האַס צו געטע׳ן, ניין, טיילווייז צוליעב דעם, — איז וואָלפגאַנג מענצעל אין דער פעריאָדע פאַרעהרט געוואָרען פון דער גאַנצער דייטשער יוגענד, אַזוי ווי קאַטקאָף און פלאַה — אין זייער ערשטער פעריאָדע — זיינען פאַרעהרט געוואָרען אין רוסלאַנד און דענעמאַרק. ער, מעהר ווי יעדער אַנדערער, איז פאַר דער דייטשער יוגענד געווען דער מאַן פון דער צייט, דער פריינד פון פרייהייט. איינע פון גוטשקאָוו׳ס אויפגאַבען פאַר זיין צייטונג איז געווען, צו פאַרטיידיגען מענצלען, זיין אידעאַל פון אַ מאַן, געגען יעדען אַנגריף פון זיינע געגנער — און אַזעלכע האָט מענצעל

געהאט א סך, ווייל זייענדיג א רעצענזענט איז ער געווען קריגעריש, אנגרייפענד און באליידיגענד. ער איז אבער געווען, אדער ער האט אויסגעוויזען צו זיין, א מענש מיט פעסטע איבערצייגונגען. אין דער זעלבער צייט, ווען ער פרעדיגט א טיעפערען פאטריאטיזם און מעהר רעליגיעזע איבערגעבענהייט, איז ער אין פאליטיק אן איבערגעבענער ליבעראל, און, ווי אזעלכער — א פארעהרער פון בערנע און היינע, וואס האבען אויף איהם געקוקט ווי אויף א פארטרויענסווערטען קאמפס־גענאסע: ווי נאר ער ווערט ערוועהלט אין פארלאמענט, ווערט ער דער פארקעמפער פון אלע פראגרעסיווע רעפארמען, צווישען אנדערע אויך די עמאנציפאציאן פון די אידען.

גוטשקאוו, ניט פיעל עלטער פון צוואנציג יאהר, א קליינער, מאגערער, בלייכער און א בלאנדער, איז אנגעקומען צו זיין הער און מייסטער, וואס איז דרייצעהן יאהר עלטער פון איהם, א שעמעוודיגער פארעהרער. ער פארגלייכט זיך צו דע סטודענט וואס ערשיינט פאר מעפיסטאפעלעס־פאוסט, אין דעם ערשטען טייל פון געטע׳ס דראמא. ער האט דערזעהן א מאן מיט ברייטע פלייצעס, א פעסט־ענטוויקעלטע ברוסט, דונקלע האר, וועמעס גלאט־ראזירטער פנים האט געמאכט אויף איהם דעם איינדרוק פון א רוימישען גלח, א רונד מויל מיט מיאוס׳ע געלע צייהן, אויף די ליפען האט גערוהט א סאטירישער שמייכעל. דער אויסדרוק פון די קורצזיכטיגע אויגען איז געווען האלב־טראציג און האלב שטאלץ. דער טעמפעראמענט פון דעם מאן האט אויסגעוויזען צו זיין א געפעהרליכער, זיין ווילען — אן אומבויגזאמער. אן אויסדרוק פון פאוינישער זינליכקייט שפיעלט זיך אין איהם אפ ווען ער רעדט פון עפעס אן עראטיש בוך, און דאך איז געטע׳ס וועלטליכקייט אזוי פארהאסט געווען ביי איהם, ווי זיין גלייכגילטיגקייט צו פאליטיק, און ער האט אומקריטיש געבויגען זיינע קניע פאר יעדען מענש אדער ערשיינונג וואס האט מיט זיך פארגעשטעלט דאס מיסטעריעזע. זיין כאראקטער איז געווען אן עכט־פריסטערליכער געמיש פון איראניע און מיסטיציזם. ער האט ליעב געהאט וואלטער׳ן און איז געווען אן ענטוזיאסטישער פארעהרער פון גערעס.

דער רבי און דער תלמיד האבען אין אנפאנג געשטימט גאנץ

גוט, סיי אין זייערע געשעפטליכע סיי אין זייערע געזעלשאַפטליכע באַציהונגען. גאָטשקאָוו, וואָס האָט געלעבט דאָ אין דער, דאָ אין יענער שטאָדט אַרום שטוטגאַרט, האָט רעצענזירט די גרויסע צאָהל ביכער, וואָס מענצעל האָט איהם צוגעשיקט אין גאַנצע פּעק. ער כאַפּט גלייך דעם קורצען, פּליסיגען זשורנאַליסטישען סטיל און אַלץ איז געווען ווי געוואונשען. די יוגענטליכע שריפטען, וואָס ער האָט אַליין אַרויסגעגעבען האָבען, זעלבסטפאַרשטענדליך, געפונען אין מענצלען אַ גינסטיגען קריטיקער, און דאָך זיינען זיי געווען אמת שוואַכע ביכער. די „בריפע איינעם נאַרען אַן איינער נאַרין" (די בריעף פון אַ נאַרישען מאַן צו אַ נאַרישער פרוי) זיינען הומאָריסטישע אויסגיסונגען, אָהן וועלכע עס איז אָריגינאַליטעט און אַ סטיל וואָס איז טיילווייז אַ נאָכאַהמונג פון יאַן פּאול און טיילווייז פון היינע׳ן: און „מאהא גורו די געשיכטע פון אַ גאָט" קומט פאָר אין טיבעט, און שילדערט דעם פּסיכאָלאָגישען צושטאַנד פון אַ מענשען, וועמען מען מאַכט פאַר אַ דאַלאַי־לאַמא און מען דיענט צו איהם ווי צו אַ גאָט. דאָס איז אַ פאַנטאַזיע, וואָס היינט איז דאָס אומלעזבאַר, דאָך האָט מענצעל, רעצענזירענדיג דעם לעצטען בוך, אויסגעקליבען וויגנעטען, מיט וואָס ער האָט פון צייט צו צייט באַצירט דעם שער־בלאַט פון זיין זשורנאַל. אַ לאָרבער־קראַנץ, און האָט גוטשקאָוו׳ס נאָמען צוויי מאָל געדרוקט אין זיין צירקעל.

גוטשקאָוו׳ס אַבזיכט מיט „מאהא גורו" איז געווען צו ווייזען, ווי אַ גאָט, וואָס האָט געזאָלט זיין פאַרקערפּערט אין דאַלאַי־לאַמא איז נידעריגער ווי דער מענש אין איהם. אַ פאַלשע גאָטהייט ווערט פאַלשטענדיג פאַרשטעלט פון דער אמת׳ער נאַבעלקייט, דער אמת׳ער געטליכקייט פון דעם מענש. אויסער דעם האָט דאָס בוך געזאָלט זיין אַ פילאָזאָפיש סאַטירישער ראָמאַן, געשריבען אין דעם אַלטען סטיל, וואָס האָט געזאָלט אונטער אַ פרעמדער מאַסקע פאַרשטעלען דעם צושטאַנד אין דער היים. די טיאָקראַטיע אין טיבעט זאָל דערמאָנען די הירארכיע אין אייראָפּאַ, די טיבעטישע פּאָליאַנדריע זאָל אָנווייזען אויף דער אייראָפּייאישער עמאַנציפּאַציאָן פון פרויען. די פרעמדע לאַנדשאַפטען, וואָס גוטשקאָוו האָט קיינמאָל ניט געזעהן, די פרעמדע מנהגים, וואָס ער שילדערט ניט צו־

ליעב זיי אַליין, קאָנען ניט פאַראינטערעסירען. צו דער אידעע פון דעם בוך איז ער געקומען דורך אַן אַנעקדאָט, וואָס מען דערצעלהט פון דעם פראַנצויזישען אַטעאיסט ביליא ווארען, וואָס האָט זיך ארויסגעדרעהט פון דער גיליאָטינע אין דער טעראָריסטישער פּע־ריאָדע און איז אַנטלאָפען קיין אַמעריקא און דאָרט האָבען איהם די אינדיאַנער פאַר א גאָט געמאַכט. זיין געשיקטקייט פייגעל צו כאַפּען, זיי לערנען און זיי אָנשטאָפּען, האָט אויף זיי געמאַכט אזא איינדרוק, אַז זיי האָבען איהם געמאַכט פאַר א צווייטען באַשע־פער, אָבער דאָס אַלץ האָט ווינציג וואָס צו טאָן מיט טיבעט און מיט דער ערנסטקייט פון גוטשקאָוו'ס טעמא.

ביז איצט זיינען נאָך יונג דייטשלאַנד און איהרע פּאָטערס אין מענצעל'ס אויגען ניט געווען קיין אָפּלאַכער פון הייליגטום, אָדער שלעכטע פּאַטריאָטען. דאָס וואָס גוטשקאָוו איז ניט געווען קיין גלויביגער, האָט נאָך ביז איצט ניט געשטערט די גוטע באַצי־הונג צווישען זיי. מענצעל אַליין האָט געלויבט בערנע'ס „בריעף פון פּאַריז", וואָס זיינען פון אַלע זייטען אַטאַקירט געוואָרען. ער האָט זיי באַטראַכט אַלס העלדענטאַטען און האָט ענטשולדיגט די שטאַרקע אויסדריקע, ווי אַן אויסברוך פון געפיהלען, וואָס מען טאָר צו שטרענג ניט אורטיילען. ער פאַרגלייכט זיי צו גליה־ווערעם, וואָס שיינען אַזוי שעהן אין די מילדע זומער־נעכט, וואָס ווערען אָבער געוועהנליכע גרויע אינזעקטען, ווען מען נעמט זיי אָן מיט גראָבע הענט.

עס איז אָבער געווען אומפאַרמיידליך, אַז דער באַנד צווישען גוטשקאָוו און מענצעל זאָל באַלד לויז ווערען. נאָך פון אָנפאַנג איז גוטשקאָוו געוואָרענט געוואָרען, אַז ער זאָל זיך מיט דעם שטוטגאַרטער שרייבער ניט צו טיעף אַריינלאָזען. העגעל אַליין, וואָס האָט זיך פאַראינטערעסירט אין דעם יונגען מאָן, האָט צו איהם געזאָגט: „ווי קאָן מען זיך פאַרבינדען מיט אזא מענש?" די ערשטע שטרייטיגקייט צווישען זיי איז געווען, וועגען מענצעל'ס שטעלונג צו די דרום־דייטשע לירישע דיכטער, דער אַזוי־אָנגערו־פענער שוואָבישער שולע, נאָכפאָלגער פון אולאַנד'ן, א דיכטער וואָס האָט ניט נאָר געהאַט דעם כבוד וואָס ער האָט פאַרדינעט, נאָר נאָר א פיעל־גרעסערען. ווי א גוטער שוואָב האָט מענצעל גע־

אכטעט און אונטערשטיצט די מענער: גוסטאוו שוואַב, גוסטאוו פפיצער, קאַרל מאַיער און אַז. וו. — ווי אַ פעסטונג פון קאַנווענציאָנעלער פרומקייט און מאָראַל. גוטשקאָוו אַבער, מיט זיין לעבעדיגען זין פאַר די אידעען פון דער צייט; גוטשקאָוו, פאַר וועמען די ליטעראַטור איז געווען די קעמפּענדע קירכע, איז געווען שטאַרק דאַגעגען די זונטאַג־נאַכמיטאַג גאָלד־באַדעקטע דיכטער, מענשען וואָס טוען אריין אין זייערע פערזען אַלטע, טויטע באַלאַדען־טעמעס, אָדער זייערע אייגענע סענטימענטאַלע שטימונגען, בשעת זיי האָבען פאַרזיכטיג געהיט זייערע אינטערעסען ווי רעגירונגס־דיענער, וועלענדיג ווערען פראָפעסאָרען אָדער קירכען־פאַרוואַלטענדע ראַטגעבער.

ווען „געטע'ס געשפּרעכען מיט עקערמאַן" איז ערשינען, איז באַקאַנט געוואָרען, ווי שטרענג געטע האָט געאורטיילט זיין פאַרעהרער אולאַנד'ס פּאָעזיע. מעהר ווי פון די באַלאַדען האָט ער ניט געוואָלט הערען, האַלטענדיג, אַז אַלע אנדערע שריפטען זיינע זיינען ווערטלאָז. אַ פאַרניכטענדע מיינונג איבער דער גאַנצער שוואַבישער שולע, פון אולאַנד ביז פפיצער, איז באַלד פאַרעפענטליכט געוואָרען אין „געטע'ס קאָרעספּאָנדענץ מיט צעלטער". ער (געטע) האָט פון דער זייט קיינמאָל ניט ערוואַרטעט עטוואָס פרישעס אָדער רעגענדעס. די חברה באַהאַלטען זייער טאַלאַנטלאָזיגקייט אונטער אַ מאָראַל־רעליגיעז־פּאָליטישען בעטלער־מאַנטעל 1).

נאָך דעם קריגט גוטשקאָוו אויך מוט און דערקלערט, אַז אויך איהם איז די קלויסטער און פאַסטוך־ראָמאַנטיק פאַרהאַסט. אין דער אָפּהאַנדלונג „געטע, אולאַנד און פּראָמעטעאוס", גרייפט ער העפטיג אָן די דיכטער, וואָס האָבען געזוכט און געפונען „זייער גלויבען אין זייער טויף־צייגנים, זייערע זיטען אין קאָנווענציאָנאַליטעט, זייערע פּרינציפּען אין דאָגמעס און זייער פּאָעזיע אין דער פּאָעזיע פון אַנדערע". וואָס קאָנט איהר אונז געבען?" — שרייט

---

1) וואונדערבאַר איז דאָס, ווי די חברה וויקלען זיך אַזוי געשיקט אַרום מיט אַ געוויסען זיטליך־רעליגיעז־פּאָליטישען בעטלער מאַנטעל, ווען אפילו דער נאַקעטער עלענבויגען קוקט אַרויס, מוזען מיר דעם מאַנגעל אויך אָננעהמען ווי אַ פּאָעטישע נויטווענדיגקייט.

ער אוים. אַ שפּאַציער ביי דעם זון־אונטערגאַנג? ! וואו איז אייער פּאַרזוך אַנצוהאַלטען מיט דער צייט?

דערווייל איז די רעאַקציע געגען דעם איינפלוס פון דער יולי־רעוואָלוציע געווען אין פולען גאַנג אומעטום. די פּאָליטיק פון פּרייסען אַזוי ווי די פון עסטרייך איז באַהערשט געווען פון מעטערניך׳ן, און ווען די יוגענד פון דייטשלאַנד האָט געזעהן, אויף וועלכער זייט די מאַכט איז, און וועט וואַרשיינליך זיין אַ לאַנגע צייט, זיינען זיי איבערגעגאַנגען צו יענער זייט. גוטשקאָוו זאָגט, אַז פון יעדע הונדערט סטודענטען פון בערלין אין יענער צייט, זיינען זיבען און נייינציג געווען שטאַרק קאָנסערוואַטיוו; און אַז יעדע באַגעגעניש זיינע מיט אַן אַלטען שול־ אָדער אוניווערזיטעט־חבר, ספּעציעל ווען יענער איז אַ באַאַמטער פון דער רעגירונג, אָדער אַן אָפיצער, לאָזט איבער אַ פּיינליכען איינדרוק אויף זיין גייסט.

אונטער אַזעלכע אומשטענדען טרעפט עס אָפט, אַז די באַגאַבטע און פעהיגע יונגע לייט פאַרלירען זייער גלייכגעוויכט און טוען אַפּ איבערגעאיילטע טאַטען, פאַר וועלכע זיי ווערען זייער גאַנץ לעבען באַשולדיגט.

שלייערמאַכער איז געווען טויט. ער איז באַערדיגט געוואָרען מיט גרויס צערעמאָניע, באַוויינט געוואָרען ווי אַ פאָטער פון דער פּראָטעסטאַנטישער קירכע, איינער פון די הייליגע פון דער טעאָלאָגיע. מיט רעכט האָט מען אַ סך מאָל אויף איהם געזאָגט, אַז זיין כאַראַקטער פּאַסט זיך צו צו זיין נאָמען (שלייער מאַכער.) דורך זיין צווייזייטיגקייט און אומקלאָרע אַרויסטרעטונגען, איז ער געבליבען פּאָפּולער ביז זיין טויט. קיינער האָט איהם ניט פאַרגעוואָרפען די ראָמאַנטישע זינד פון זיין יוגענד, „די פאַרטרויליכע בריעף וועגען לוסינדען“.

אָבער איצטער האָט גוטשקאָוו, וועלכער האָט געדענקט, אַז דער פאַרגעסענער בוך וועט אויסגעלאָזען ווערען פון דער אַלגעמיינער אויסגאַבע פון שלייערמאַכער׳ס ווערק, וואָס איז דאַן צוגעגרייט גע־וואָרען צום דרוק, ניט געקאָנט ביישטעהן דעם נסיון און איהם פאַרעפענטליכט, אום דערמיט צו פאַרטיידיגען זיך און זיינע פריינד געגען דער אומאויפהערליכער באַשולדיגונג פון גאָטלאָזער אונמאָ־

ראַליטעט, ווייזענדיג, אַז זייערע אפיקורסישע געדאַנקען, או זאפילו זייער לעהרע פון דער ווידער־אויפלעבונג פון דעם גוף, איז געפּרעדיגט געוואָרען פון דעם געטליכען מאַן, וואָס איז געווען דער באַוואונדערטער הער און מייסטער פון די טעאָלאָגען.

דאָס וואָלט אפשר געווען א גוטער טאַקטישער צוג פון דעם יונגענמאַן (ער איז דאַן אַלט געווען דריי און צוואַנציג יאָהר), ווען ער וואָלט ניט געשריבען קיין נאַריש־אינגעלשען פאָרוואָרט צום בוך. אין דעם פאָרוואָרט ווענדעט ער זיך צו די „וועכטער פון ציון“, לאַכט פון זייער הייליגקייט און גייסטיגער קאָקעטסטווא. ער שרייט צו זיי אוים: „וואַרפט פאַר איין אויגענבליק אראָפּ פון זיך די מאַנטלען פון גייסטליכע, פאַרגעסט אַז א מאַן, וועמען איהר האַלט אין איין קרייציגען איז געווען א גאָט, און הערט זיך צו וואָס אמאָל האָט פּאַסירט ערגעץ־וואו, אין דער וועלט פון פרייהייט, יוגענד און פאַנטאַזיע!“

וואָס עס האָט פּאַסירט, איז געווען די ערשיינונג פון שלעגעל'ס „לוסינדע“, דער תאווה'דיגער סקעלעט, וואָס איז פאַר גוטשקאָוו'ן א וואונדערליך קלאַסישע ווערק און שלייערמאכער'ס בריעף וועגען דעם, וועלכע גוטשקאָוו האַלט פאַר געטליך. די בריעף רעדען פאַר זיך אַליין. זיי איבערשעצען „לוסינדע“ אויף א נאַרישען אופן. אָבער דער עכט־מענשליכער געפיהל אין זיי איז שעהן און מוטיג. אין גוטשקאָוו'ס פאָרוואָרט ווערט יעדע זאַך אונטערשטראָכען אויף א ניט־שעהנעם און טראַציגען אופן. ער רעדט וועגען דער געניאַליטעט פון דער ליעבע, ער באַהויפּטעט, אַז די גלחים גיבען גאָר־ניט צו און נעהמען גאַרניט אַוועק פון דער הייליגקייט פון דער הייראַט; ער טאַדעלט די קאַלטע פּראָזאַ פון די געוועהנליכע הייראַטען. „די וואַסער־זופּ הייראַטען, די שמוציגע געבורט פון קינדער און דער קאַמף פאַר פאַרשימעלטע ברויט“. און ער ענדיגט לייכטזיניג: „זאָג מיר דעם אמת, ראַזאַליע, איז דאָס ניט זינט דו האָסט גענומען טראָגען שפּאָרען אויף דיינע זיידענע שטיוועלער, זינט איך האָב דיר אויסגעלערענט אריבערצוואַרפען דעם מאַנטעל איבער דיינע פּלייצעס, זינט איך האָב נייע אומאויסדרוקבאַרקייטען פאַר דיר ערפונען, אַזוי אַז יעדער האַלט דיך פאַר מיין אינגסטען, באַליעבסטען ברודער; איז דאָס ניט זינט דאַן, אַז דו

ווייסט וואָס איך האָב געמיינט ווען איך האָב געזאָגט: „איך ליעב דיך?" און זיך ניט באַנוגענדיג מיט דעם ווייבליכען הויזען־טרעגער, וואָס איז זיין רעאַליזאַציע פון פרויען עמאַנציפּאַציע, שפּיעלט גוטשקאָוו אַרויס זיין לעצטען, אַטעאיסטישען טריומף: „וואו איז פראַנץ? — קום אַהער צו מיר, מיין ליעב אינגעל, איך וויים, אַז זיי האָבען דיך אין געהיים געטויפט. ווער איז גאָט? וואָס, דו ווייסט ניט, דו אומשולדיגער אַטעאיסט, דו פילאָזאָפיש קינד! אַה, ווען די וועלט וואָלט גאַרניט געוואוסט פון גאָט, וויפיעל גליקליכער זי וואָלט געווען!"

מען דאַרף ניט קיין צו שאַרפען קריטישען בליק צו זעהן, אַז דעם סטודענט׳ס באַריהמעריי איז אַן אויסגעטראַכטע. דער אָריגינאַל פון דער ראַזאַליע, וועלכע האָט איהם געדאַרפט נאָכפאָלגען אין די קליידער פון אַ פּאַזש, איז עהנליך געווען צו דער קאַלאַדע פון בייראָנ׳ס „לאַראַ", מעהר ווי צו וועלכער עס איז נייטערין פון היידעלבערג אָדער בערלין. עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלען וואָס פאַר אַן איינדרוק אַזאַ פאַררעדע צו אַזאַ בוך האָט געמאַכט אויף דעם אַלגעמיינעם פּובליקום און אויף דער אָרטאָדאָקסישער זשורנאַליסטיק.

נאָך איין טראָפּען בלויז האָט מען געדאַרפט, אָנצופילען דעם בעכער פון דעם צאָרען פון דער עפענטליכער מיינונג, און גוטשקאָוו פאַרזאַמט ניט, און גיסט דעם טראָפּען צו.

אין 1835 האָט ער אויפגעשריבען „וואַלי, די צווייפלערין". אַ זעהר שוואַכער און אין פיעל שטעלען אַ פּאָראַדיסטישער ראָמאַן, וואָס האָט אָבער מעהר באַאיינפלוסט דעם גאַנג פון דער שעהנער דייטשער ליטעראַטור פון יענער צייט, ווי יעדער אַנדער בוך.

שטראַוס׳עס „לעבען פון יעזוס" איז אין יענער צייט ערשינען. און זיין פאַנאַנדערברעכען די היסטאָרישע עלעמענטען אין יעזוס׳עס געשיכטע אויף איינפאַכע מיטהען, שאַרף און פאַנטאַסטיש, ביז נאַרישקייט, ווי די היפּאָטעזע זאָל ניט האָבען געווען, האָט דאָך שטאַרק באַאומרוהיגט די דענקענדע גייסטער פון דייטשלאַנד. דער כעס איז געווען אַן אַלגעמיינער. אַ טויזענד־שטימיגער פאַרדאַמונגס־געשריי האָט זיך געטראָגען פון דער אָדער ביז דער

שווייץ. אין דעם פאלקס־באוואוסטזיין איז געווען פאר יאהרען און יאהרען א שווארצער פלעק אויף דעם נאמען דאוויד שטראוס.

וועגען דעם בוך האט מען אומעטום גערעדט. איינמאל האט גוטשקאוו אנגעפאנגען צו ריידען וועגען די פראבלעמען פון דעם בוך צו א יונגער מיידעל, אין וועלכער ער איז געווען עטוואס פארליעבט. „בעסער זאלען מיר וועגען דעם ניט ריידען", האט זי געזאגט, „פון דעם געדאנק אליין ווער איך אין כעס". די ווערטער האבען אויף איהם געמאכט א שטארקען איינדרוק.

שטראוס׳עס בוך אליין האט איהם ניט צופרידענגעשטעלט. זייענדיג א ראציאנאליסט פילט ער פארט די נויטיגקייט צו האבען א היסטארישען יעזוס, און ער פאנגט אן צו שטודירען דעם אלטען רימארוס׳עס „וואלפענבעטעל פראגמענטען", צו וועלכע לעסינג האט שוין פריהער פון איהם אפגעגעבען אזוי פיעל אויפמערקזאמקייט. ער באשליסט ארויסצוגעבען אויסגעקליבענע פראגמענטען פון זיי, אבער אומזיסט ווענדעט ער זיך צו דעם מוטיגסטען פארלעגער אין דייטשלאנד, קאמפע. טראץ זיין פאליטישע שטעלונג, האט קאמפע ניט געוואגט זיך אונטערצוואורפען דעם האס פון די האמבורגער קלעריקאלען, די נאכפאלגער פון פאסטאר געריטץ אלס נשמה־היילערם.

עס איז געווען אומגעפעהר אין דער צייט, וואס די נאבעלע שארלאטע סטיגליץ איז באגאנגען זעלבסטמארד. דער איינדרוק וואס אויף איהם האט געמאכט די טראגישע פאסירונג, איז פון זיין געדאנק פארבונדען געווארען מיט דער באמערקונג פון זיין יונגער פריינדין און מיט רימארוס׳עס ביבעל־קריטיק — און דער־פון איז ארויסגעקומען „וואלי די צווייפלערין".

די „וואלי" איז א קינדעריש בוך, אבער אומשולדיג, ניט גע־קינסטעלט און נאאיוו. די העלדין פון דעם בוך איז א יונגע וועלט־דאמע, וואס האט אן א מאמענט פון פארצווייפלונג, ווען זי האט ניט געהאט דעם כח זיך צו ראנגלען מיט דעם רעליגיעזען צווייפעל, וואס איז אין איהר ערוועקט געווארען, דורך דעם מאן וואס זי האט געליעבט, דעם סקעפטישען צעזאר, זיך דערשטאכען מיט א מעסער. עס איז אונמעגליך געווען פאר גוטשקאוו'ן בייצושטעהן דעם נסיון, און ניט דערמאנען די עהרווירדיגע לייכטענדע גייסטער און פאר־

מיידינגער פון דער קירכע, די אַלע הויך־געשטעלטע מענשען פון פאַרשיידענע קלאַסען, וואָס זיינען געווען פאַראייניגט אין דעם רויטען אַדלער, אַז אַמאָל האָבען געלעבט אַזעלכע מענער ווי יום, וואָלטער, לעסינג, א. א. וו. עס איז געלעגען עטוואָס רייצענדעס פאַר אַ יונגען מאַן אין דעם דערמאָנען אַזעלכע פיינע מענשען אַז די פאַרגעסענע גייסטער. אָבער דאָס האָט געדאַרפט געטאָן ווע־רען מיט טאַלאַנט. אין גוטשקאָווס ראָמאַן אָבער איז דער סוזשעט ניט מעהר ווי אַ געלעגענהייט צו פּרעדיגען טעאָריעס. „וואַלי איז געווען אַ שוואַכע נאַכאַהמונג פון „לעליא", דער לעצטער ראָמאַן וואָס זשאָרזש זאַנד האָט פאַרעפענטליכט.

אָבער דער שרייבער איז געווען אינ׳ם פריהלינג פון זיין לע־בען. עס האָט זיך איהם אויסגעדאַכט, אַז די גאַנצע וועלט ווערט ווידער יונג. די שטראַלען פון בענעל׳ס אונטערגעהענדע זון האָבען נאָך אַלץ באַלויכטען דעם האָריזאָנט. בעטינאַ האָט אויפגעשיינט ווי אַ מאָרגענשטערן. די אייביג יונגע חכמה פון ראַהעל איז נאָך איהר טויט פאַרשפּרייט געוואָרען איבער דער ערד, ווי אַ פרוכטבאַ־רער טוי. לענאַו׳ס און ריקערט׳ס יוגענד־פּאָעמען זיינען געווען ווי דאָס ליעד פון אַ לערכע. רוגע׳ס ערשטע קריטישע אַרטיקלען און פייערבאַך׳ס ערשטע פילאָזאָפישע שריפטען זיינען געווען ווי דער פרישער פריהלינגס־ווינטעל וואָס האָט די לופט אויסגעריי־ניגט — די צייט, האָט זיך איהם אויסגעדאַכט, איז אַזאַ זוניגע, אַזוי פאַרשפּרעכענד, אַזוי אָנגעלאָדען מיט פרוכט, אַז זי איז איהם פאָרגעקומען, ווי זי וואָלט סימבאָליזירט געוואָרען אין די צוויי געראָטענע זומערען, פון 1834 און 1835 מיט זייער רייכען שניט פון קאָרן און וויין. דאַן איז דאָס געווען, ווען ער האָט זיין ערשטען יוגענדליכען פעהלער באַגאַנגען.

ער האָט זיך ניט באַנוגענט מיט דער פאַרקערפּערונג פון זיין רעליגיעזער אַפּיקורסות אין דעם בוך. ער האָט אויך פּראָקלאַמירט זיין מאָראַלע אַפּיקורסות, זיין געגנערשאַפט צו דעם אָנגענומענעם געזעץ פון געזעלשאַפטליכען מאָראַל, אַז אומגעלומפּערטע און אינגעל־שע געגנערשאַפט. אָבער אַם בעסטען קאָן מען פאַרשטעהן ווי אומשולדיג גוטשקאָוו האָט פאַרטייטשט די מאָטאָ, וואָס ער אַליין באַנוצט אַזוי אָפט. „די באַפרייאונג פון קערפּער". ווען מען לייענט

איבער די באַריהמטע סצענע אין „וואלי“, אין וועלכע דער שריי־בער האָט געוואָלט ווייזען, ווי ער פאַרעהרט דאָס שעהנע.

וואלי ליעבט צעזאַר׳ן און ווערט פון איהם געליעבט. אָבער זיי קאָנען ניט הייראַטען, ווייל וואלי האָט געמוזט זיך פאַרלאָבען צו דעם סאַרדינישען אַמבאַסאַדאָר. צעזאַר בעט זי, אַז זי זאָל אַזוי ווי אויף אַ סימבאָלישען אופן פייערען אַ גייסטיגע הייראַט מיט איהם, זיך ווייזענדיג פאַר איהם, אַ נאַקט פאַר איהר חתונה, אין איהר גאַנצער נאַקעטער שעהנקייט. אין אַן אַלטער דייטשער באַלאַדע ווייזט זיך אַזוי די העלדין, סיגונע, צו טשיאָנאַטולאַנדערען.

קיינער וועט ניט לייקענען, אַז צעזאַר׳ס פאַרלאַנג איז משוגעת, און אַז די דורכפיהרונג פון דעם איז לעכערליך. אָבער דער צוועק פון דער סצענע איז אַזאַ ריינער, און די אויספיהרונג ניט אַנגריי־פענד, אַז בלויז נידעריגע מענשען האָבען דאָס געקאָנט מאַכען פאַר אַן אורזאַכע צו רופען די פּאָליציי צו הילף. מיר לייענען: „דער מאַנטעל גליטשט זיך אַראָפּ פון די שולטערען פון דעם יונגען העלד, זיינע האָר זיינען פריי צולאָזען. לינקס פון איהם ערשיינט, פון דעם זונען נעבעל אַרוים, אַ בילד פון באַצויבערטער שעהנהייט — סיגונד, מעהר שעהמענדיג ווי די מעדיקאַנישע ווענוס, באַהאַלטענ־דיג איהר נאַקעטקייט. זי שטעהט דאָרטען הילפלאָז, געבלענדעט פון דעם גלאַנץ פון דער ליעבע, וואָס האָט דעם געשאַנק געוואָלט; איהר ווילען האָט זי פאַרלאָזען, זי איז די פאַרקערפּערונג פון בושה, אומשולד און זעלבסט־איבערגעבענהייט, און צום צייכען אַז דאָס איז אַ פרומע, הייליגע סצענע, בליהען ניט קיין רויזען, נאָר אַ הויך־שטאַנגיקע ליליע שפּראָצט אַרוים נאָהענט צו איהר קערפּער, באַדעקענדיג זי סימבאָליש, אַלס די בלום פון ריינקייט. דאָס האָט אַלץ פּאַסירט אין אַן אַטעמלאָזען, שטילען מאָמענט — דאָס איז געוועזען אַ זינד, אָבער אַזעלכע, וואָס קומט פון אומ־שולד און אייביגער, שמערצליכער זעלבסטפאַרלייקענונג. ניט מעהר ווי דאָס.

די באַציהונגען צווישען גוטשקאָוו און מענצעל׳ן זיינען שוין ניט מעהר דאָס, וואָס זיי זיינען געווען. איין מאָל און נאָך אַמאָל אין אַ פאָררעדע אָדער אין אַן אַרטיקעל, ערלויבט זיך גוטש־קאָוו צו מאַכען אַ מילדען וויץ, אָדער אַ באַשיידענעם פּראָטעסט

נעגען זיין פריהערדיגען באַשיצער. און אויס פּראַקטישע גרינדע איז שוין גוטשקאָוו אַ לענגערע צייט אַ דאָרן אין מענצעל׳ס אויג. זיין ליטעראַרישע ביילאַגע צו דער פראַנקפורטער צייטונג „פיניקס“ איז געווען אַ געפעהרליכער קאָנקורענט צו מענצעל׳ס „ליטעראַטור־בלאַט“. אַבער עס איז געווען נאָך אַן ערגערע זאַך: גוטשקאָוו האָט בּיסלעכוויז פאַרבונדען אַ פריינדליכע קאָרעספּאָנדענץ מיט די פיהרער פון דער נייער ליטעראַטור, לאובע, ווינבאַרג, מונדט און אַזוי ווייטער, מענער, וואָס האָבען ביסלעכוויז פאַרנומען די וויכ־טיגסטע אָרגאַנען פון בערלין, לייפּציג, פראַנקפורט און האַמבורג. ווען גוטשקאָוו און ווינבאַרג האָבען אין 1835 אַרויסגעלאָזען אַ פּראָספּעקט פון אַ ליטעראַרישען זשורנאַל, נאָכ׳ן מוסטער פון Revue des deux Monde מיט כמעט ווי אַלע באַרימטע ליטעראַ־רישע נעמען אויף דער ליסט, אַלס מיטאַרבייטער, — אוניווערזי־טעטס פּראָפעסאָרען ווי בעק, איינפלוסרייכע שרייבער ווי ווערנהאַ־גען, ניט רעכענענדיג שוין אַזעלכע טאַלענטירטע שרייבער ווי בערנע און אַזאַ גאָניע ווי היינע — האָט מענצעל געפיהלט, אַז מען דאַרף זיי געבען אַ גרויסען קלאַפּ.

אַן איינלאַדונג זיך צו אַבאָנירען אויף דער „דייטשער רעוויו“ איז פאַרעפענטליכט געוואָרען. זי איז געשריבען געוואָרען פון גוטשקאָוו׳ן אין אַ מעטאַפאָרישער און בלומען־שפּראַך — דערקלע־רענדיג, אַז די וויסענשאַפט זוכט זיך אַרויסצורייסען פון דעם פאַר־שטיקטען קלאַס־צימער אין דער פרייער אָפענער לופט, אַז דער פויג־געל פון מינערוואַ איז שוין מעהר ניט דער נאַכט־פויגעל, וואָס האָט מורא פאַר ליכט, נאָר דער אַדלער, וואָס קוקט גלייך אויף דער זון, און אַז. וו.

אַנשטאָט זיך צו באַנוגענען מיט אַן אַטאַקע אויף דעם פּראָ־גראַם, וואָס איז געווען אומשולדיג, און אין מאַנכע הינזיכטען פאַר־שפּרעכענדיג, האָט מענצעל אין זיין „ליטעראַטורבלאַט“ פון דעם 11טען און 13טען סעפּטעמבער 1835, אַרויסגעלאָזען אַן אַלגעמיי־נעם אויפרוף געגען דער גרופּע יונגע שרייבער, געפיהרט פון קאַרל גוטשקאָוו. אין דער ענטשולדיגונג פאַר דער טאַט וואָס ער מאַכט, ווען ער איז שוין אַן אַלטער מאַן (אין זיינע ערינערונגען, ז. 304) קאָן מען זעהן זיין שמאָל־קעפּיגקייט, אַבער ניט, אַז דאָס איז גע־

טאַן געוואָרען אוים עהרליכע איבערצייגונגען. אום אונטערצושטרייכען זייערע קאָסמאָפּאָליטישע טענדענצען און זייערע סימפּאַטיעס פאַר פראַנקרייך, רופט ער זיי אַן „דאָס יונגע דייטשלאַנד“. זיין הויפּט אַטאַקע איז אַנגעווענדעט אויף „וואלי“, פון וואַנען ער ציטירט אַ פּאַר ניט פאַרבונדענע אויסציגע צו ווייזען, אַז דער ראָמאַן איז אונמאָראַליש און גאָטסלעסטערענד. די אומבאַדייטענדע זינליכע עלעמענטען, די סיגונד־סצענע מאַכט ער פאַר דער הויפּט זאַך פון דעם בוך.

„נאָר אין דעם טיעפסטען זומפּ פון אונמאָראַליטעט, נאָר אין די באָרדעלען ווערען אַזעלכע אַטעאיסטישע מיינונגען געבאָרען. זיי זיינען געוועזן אין דער מאָדע ביי די פילאָזאָפישע פּאַראַזיטען אין דעם אַלט־פראַנצויזישען קעניגליכען הויף, אין דעם פּאַלע ראָיאַל זיינען זיי איבערזעצט געוואָרען פון דער שפּראַך פון הויף אין דער שפּראַך פון די יאַקאָבינער. הער גוטשקאָוו האָט דאָס געמאַכט פאַר זיין אויפגאַבע איבערצופלאַנצען אין דייטשלאַנד, די אומווירדיגע פראַנצויזישע פאַרזעהעניש, וואָס ליעגענדיג אין די אָרעמס פון אַן אויסגעלאַסענער פרוי, לעסטערט זי גאָט. אָבער ער האָט דאָס געטאָן אין אַ צייט, דאַנקען גאָט, מעהר רייף און מענליך, ווי די צייט פון וואָלטער. דעמאָלט שוין איז דאָס פון אונזער פאָלק צוריקגעוויזען געוואָרען, און איצט וועט דאָס נאָך זיין מעהר אונמעגליך צוצוקומען צו איהם. די ליטעראַטור וועט דאָס צוריקווייזען, די עפענטליכע מיינונג בראַנדמאַרקען... ווען מען זאָל אַזאַ שולע פון פרעכע אונמאָראַליטעט און ראַפינירטען ליגען אין דייטשלאַנד צולאָזען, ווען די נאָבעלע גייסטער פון דער נאַציע וועלען זיך ניט שטעלען געגען דעם, אויב די דייטשע פאַרלעגער וועלען זיך ניט היטען, נאָר זיי וועלען נאָך וואַגען זיי צו העלפען פאַרקויפען דעם גיפט און לויבען זייער סחורה, וועלען מיר אין גיכען זעהן די פאָלגען... אָבער איך וועל אַראָפּרייסען דעם שמוץ, טראָץ דעם וואָס איך וויים, אַז איך וועל דאָס טוענדיג זיך אַליין באַשמוצען, איך וועל צוטרעטען דעם קאָפּ פון דער שלאַנג וואָס וואַרימט זיך ביי דער הייסער בעט פון זינליכקייט... אַזוי לאַנג ווי איך לעב וועלען אַזעלכע שענדליכקייטען אין דער דייטשער ליטעראַטור ניט בלייבען אומבאַשטראָפט“.

און מענצעל, דער פּראַקטישער זשורנאַליסט, איז ניט צופרידען געווען צו זאָגען עטוואס איינמאָל פאַר אַלע מאָל, ווי דער געוועהנליכער שרייבער. ער האָט איבערגע׳חזר׳ט די באַשולדיגונגען אין איין נומער פון זיין צייטונג נאָכ׳ן אַנדערען, נאָך מעהר אונטערשטראָכען, מיט גרעבערע ווערטער און גיפטיגערע באַשולדיגונגען. ער אַפּעלירט מעהר און מעהר אַפּען צו דער רעגירונג, זי זאָל זיך אריינמישען ווי לאַנג עס איז נאָך דאָ צייט.

דעם 26טען אָקטאָבער שרייבט ער: „איך ווייס, אַז זייער קריעג געגען קריסטענטום, געגען מאָראַל, געגען דער הייראַט האָט ניט קיין גרעסערען ווערט, ווי דער קריעג פון די יונגע נאַכט־פויגלען געגען דער אַלטער זון. אָבער פון אַ פונק קאָן נאָך ווערען אַ פייער... אויף דעם נייעם ליטעראַרישען ריכטער שטול אין פראַנקפורט, וועט ארויפגעזעצט ווערען ווענוס וואולגיוואגא אַנשטאַט גערעכטיגקייט... קיינמאָל וועלען די מענער, וואָס גלויבען נאָר אין די פליישׁ, די פריסטער פון שמוץ, ניט פאַרגעבען קיין שרייבער וואָס איז ריינער פון זיי... איז דאָס מעגליך צו זיצען שטיל און ערלויבען זיי צו פּראָפּאַגאַנדירען די פראַנצויזישע מאָראַליטעט צווישען אונז מיט ווארט און טאַט. אונטער דער מאַסקע פון פראַנצויזישען רעפּובליקאַניזם וויל די פאַרלוימדערישע, לעסטערנדע, נייע פראַנקפורטער שולע אריינברענגען די שווידערליכסטע אונמאָראַליטעט. זייערע שלאַגווערטער זיינען: „די פלייש, אומגעצאַמטע סענסואַליטעט, דאָס אָפּשאַפען פון דער הייראַט, און ניט נאָר שרייבען זיי אַליין שמוציגע ביכער, נאָר זיי סערווירען נאָך די אַלטע איבער אַ נייעם... זיי זיינען, ביז אַ געוויסען גראַד, נאָכפאָלגער פון סען־סימאָן, זיי פּראָקלאַמירען נאָך אַ מעהר צולאָזענעם רעפּובליקאַניזם, אָהן וועלכער ניט איז טוגענד, אַן אויסגעלאַסענע רעפּובליק אויף דעם העכסטען מאַסשטאַב... היינט ווערען נאָך די פּרינציפּען אין דעם בלויז ענגערען אריסטאָקראַטישערען קרייז פון דער ליטעראַטור געפּרעדיגט... אָבער צו וואָס אַפּעלירען דען די לעהרען, אויב ניט צו בעסטיאַליטעט און רויבלוסט, וועלכע שלאָפען נאָך איצטער רוהיג, אָבער וועלכע מען וועט קאָנען לייכט אויפוועקען אין די הויפּט־שטעדט און אַרבייטער־געגענדען, פון זייערע פאַרוואָרפענע לעבער פון שמוץ און שכרות“.

דעם 11טען נאָוועמבער וועגדעט מענצעל זיין אַטאַקע דירעקט אויף די פּריסישע אוניווערזיטעטס־פּראָפעסאָרען, וועלכע זיינען געווען ניט פאָרזיכטיג גענוג, צוצוזאָגען גוטשקאָוו'ן זייער מיטאַרבייטערשאַפט אין זיין זשורנאַל: „זיינען די אוניווערזיטעטען ניט קיין שטאַאַט־אינסטיטוציעס? פּאַרטיידיגט שוין מעהר ניט דער פּריסישער שטאַאַט דאָס קריסטענטום, די מאָראַל און די הייראַט? מיר האָבען אַזוי פיעל געהערט פון דעם מאָראַלישע, רעליגיעז קאָנסערוואַטיווען גייסט וואָס הערשט אין פּריסען. דאַרפען מיר איצט זעהן ווי די באַריהמטסטע פּראָפעסאָרען פון בערלין, קעניגסבערג און האַלע וועלען נאָכגעהן נאָך די טריט פון אַ שמוציגען מאַראַט, וואָס פּרעדיגט, אַזוי ווי דער אמת'ער מאַראַט, די היילינגקייט פון דעם „אומבאַהערשבאַרען מאָמענט". און אַ רעפּובליק פון סאַנקולאָטען און סאָנכעמיסען? וועלען מיר זיי הערען, ליאַרמענדיג מיט איהם צוזאַמען געגען קריסטענטום, מאָראַל, הייראַט, די פאַמיליע, טוגענד, געגען גאָט און אומשטערבליכקייט, געגען דעם דייטשען נאַציאָנאַליזם און געגען אַלע אונזערע מנהגים?" און ער ענדיגט זיין אויסברוך מיט דעם, וואָס ער באַצייכענט די גוטע דייטשען, גוטשקאָוו, ווינבאַרג, מונדט, לאובע, קוהנע, אַלס מיטגלידער פון אַ אידישער פּאַרטיי, צוליעב זייערע סימפּאַטיען פאַר בערנע און היינע. יונג־דייטשלאַנד זאָגט ער, איז אין דער ווירקליכקייט אַ יונגע פּאַלעסטינאַ.

אַלס פאָלגע פון דער אַרויסטרעטונג איז קאַרל גוטשקאָוו אַרעסטירט געוואָרען אויף דער קלאַגע פון גאָטלעסטערונג און פאַר'ן שילדערען אומאַנשטענדיגע געגענשטאַנדען, און מענצעל איז נאָך געווען אומאַנשטענדיג גענוג פאָרטצוזעצען זיין אַטאַקע און ערוועקען געגען איהם די עפענטליכע מיינונג, אין דער צייט ווען ער איז געווען פאַרהאַלטען און ווען זיין פּראָצעס איז אָנגעגאַנגען אין מאַנהיים. ער ווערט אָבער באַשטראָפט בלויז מיט צעהן וואָכען זיצען, פאַר'ן אַטאַקירען די עקזיסטירענדע רעליגיעזע אינסטיטוציעס פון באַדען.

אָבער דער שרעק פאַר דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, צו וועלכע די אידעען פון יונג דייטשלאַנד פיהרען, ווי מענצעל באַהויפּטעט, צווינגט די דייטשע קאָנפעדעראַציע צו נעהמען אַ

שטעלונג. דעם צעהנטען דעצעמבער, 1835, האָט דער אַלגעמיינער פּאַרלאַמענט דורכגעפיהרט אַ רעזאָלוציע, וואָס האָט באַצוועקט ניט מעהר און ניט ווענינער, ווי די פאַרניכטונג פון דער גאַנצער גרופּע שרייבער, יונג און אַלט, וואָס ווערען באַצייכענט מיט דעם נאָמען „יונג דייטשלאַנד“. די רעזאָלוציע לייענט זיך ווי פאָלגט: „צוליב'ן פאַקט וואָס אַ שולע אין דער ליטעראַטור, וואָס האָט לעצטענס אויפגעלעבט אין דייטשלאַנד, און וועלכע איז באַקאַנט אונטער דעם נאָמען „יונג דייטשלאַנד“, אָדער די „יונגע ליטעראַטור“, וועמעס צוועק איז, דורך בעלעטריסטישע שריפטען, וועלכע זיינען צוגענגליך צו אַלע קלאַסען לעזער, צו אַטאַקירען די קריסטליכע רעליגיאָן אויפ'ן פרעכסטען אופן, צו דיסקרעדיטירען די עקזיסטירענדע סאָציאַלע אומשטענדען און צו שטירצען די דיסציפּלין און מאָראַל, האָט דער ראָט פון דער דייטשער קאָנפעדעראַציע א י י נ ש ט י מ י ג אָנגענומען די פאָלגענדע רעזאָלוציע:

1) אַלע דייטשע רעגירונגען פאַרפליכטען זיך צו באַשטראָפען אין זייערע באַזונדערע לענדער, אַלע שרייבער, פאַרלעגער, דרוקער און באַארבייטער פון שריפטען פון דער ליטעראַרישער שולע, באַקאַנט אונטער דעם נאָמען „יונג דייטשלאַנד“, אָדער די יונגע ליטעראַטור, צו וועלכע עס באַלאַנגען מענער ווי היינריך היינע, קאַרל גוטשקאָוו, היינריך לאובע, רודאָלף ווינבאַרג און טעאָדאָר מונדט. און אויך מי טגעזעצליכע מיטלען צו שטערען די פאַרשפּרייטונג פון די שריפטען פון דער שולע, דורך בוך־הענדלער, לייה־ביבליאָטעקען און אַנדערע אופנים“, און אַזוי וו. אַ. אַז. וו.

אָט אויף אַזאַ אופן איז דער נאָמען „יונג דייטשלאַנד“ צום ערשטען מאָל באַקאַנט געוואָרען צו די ברייטע מאַסען. די דייטשע פּאָליציי האָט זיך געמאַכט פאַר אַ קריטיק־אויטאָריטעט, וואָס האָט געבראַנדמאַרקט אַ גרופּע שרייבער, וועמעס נעמען זי האָט דערמאָנט אַלס אַ געפערליכע און אונמאָראַלישע „שולע“ — און דאָס איז געטאָן געוואָרען אויף דער בלויזער אינפאָרמאַציע פון אַן איינצעלנעם קאָנקורענט זייערען, וועלכער האָט געוואָלט ראַטעווען דעם לעזענדען פּובליקום.

מענצעל איז געווען פאַר יונג דייטשלאַנד דאָס וואָס סאוטי איז געווען — אין זיין צייט — צו דער „סאַטאַנישער שולע“ אין

דער ענגלישער ליטעראַטור, אַליאַס, בייראַן און שעלי, אָדער וואָס קאַטקאָף, מיט אַ דור שפּעטער, צו דער „פּאַררעטערישער שולע" אין דער רוסישער ליטעראַטור — הערצען, אָגאַרעוו און באַקונין. אין אומרוהיגע צייטען איז דער מסור אַזאַ נויטיגע פיגור פאַר די מענשען וואָס שטעהען אין פאָדערגרונד, ווי דער אינטריגאַנט און שפּיאָן פאַר'ן העלד אין די אַלטע טראַגעדיעס.

13.

גוטשקאוו, לאובע און מונדט.

דער באשלוס פון דעם פעדעראטיווען ראט צו אונטערדריקען די שריפטען פון „יונג דייטשלאנד" האט ניט נאר געטויטעט די „דייטשע רעוויו" נאך איידער זי האט זיך צובליהט, נאר האט אויך א סוף געמאכט צו דער עקזיסטירענדער „ליטעראַרישער צאדיאקוס", אויך געשטערט דער ארויסגעבונג פון לאובע'ס „מיטערנאכטצייטונג" וואס האט געזאלט ערשיינען אין ברוינשווייג. גלייך נאך מענצעל'ס ערשטער אטאקע אויף גוטשקאוו'ן און זיינע פריינד, האט מונדט, מיט דעם מוט פון א פארזיכטיגען מאן, געשריבען א סעריע שטרענגע ארטיקלען געגען היינע, גוטשקאוו און וויינבארג'ן — אבער דאס העלפט איהם אויך ניט. זיין שיקזאל איז שוין געווען פארזיגעלט.

עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז מיט דער רעזאלוציע איז ניט נאר באצוועקט געווארען צו באריהרען יעדע זאך וואס די דערמאנטע שרייבער האבען שוין אויפגעשריבען, נאר אויך אלעס וואס זיי קאנען נאך שרייבען אין דער צוקונפט.

א באפעהל איז ארויסגעלאזען געווארען פון דער פרייסישער רעגירונג, דאטירט דעם 11טען דעצעמבער 1835, וואס האט אויסדריקליך געזאגט, אז: „די צ ו ק י נ פ ט י ג ע ליטעראַרישע אויסגאבען פון היינריך היינע, וואו זיי זאלען נאר ניט ארויסגעהן און אין וועלכער שפראך, זיינען אונטערווארפען דיזעלבע באדינגונגען ווי די שריפטען פון גוטשקאוו, וויינבארג, לאובע און מונדט". און ניט נאר איז יעדער מעגליכער מיטעל אויסגענוצט געווארען שטיל צו מאכען די איינגע'עקשנ'טע שרייבער, נאר (ווי אין רוסלנאד, ווען די רעגירונג איז געגען דעם שרייבען) עס איז געמאכט געווא־

רען אומגעזעצליך, אפילו פאַר די וואָס ווילען שרייבען שלעכטס וועגען זיי, צו דערמאָנען זייערע נעמען. מונדט׳ס נאָמען איז אויס־געמעקט געוואָרען פון דער ליסטע פון מיטאַרבייטער פון „די בער־לינער יאָהרביכער פאַר וויסענשאַפטליכער קריטיק" און אין דער אַנאָנסע פון וואָרהאַגען און מונדט׳ס אויסגאַבע פון קנעבעל׳ס „לי־טעראַרישען נאַכלאַס" האָט נאָר וואָרהאַגען׳ס נאָמען געקאָנט אַרויפגעשטעלט ווערען ווי פון אַ דירעקטאָר.

באַזונדער שטרענגע מאַסרעגעלען זיינען אין דערזעלבער צייט אָנגענומען געוואָרען געגען אויסלענדישע אויסגאַבען. נאָר אַ פּאָר אומשולדיגע ענגלישע און פראַנצויזישע צייטונגען זיינען צוגע־לאָזען געוואָרען. פאַר אַלע אַנדערע איז געבליבען בלויז איין אויסוועג, נעמליך: מען זאָל באַצאָהלען פאַר זיי אַזוי פיעל פּאָסט־געלט, ווי מען צאָהלט פאַר בריעף, אויף דעם אופן אויפהויבענדיג דעם פּרייז פון אַזאַ צייטונג צו אַמוועניגסטענס 500 טהאַלער אַ יאָהר.

פאַר די לייטענדע גייסטער פון יונג דייטשלאַנד איז אַלזאָ געבליבען די איינציגע ברירה פון אַדער שטומען און גאָרניט פאַר־עפענטליכען, אַדער זיי זאָלען זיך אָפּזאָגען פון זייער פאַרגאַנגענ־הייט און מאַכען ערנידעריגענדע פאַרשפּרעכונגען פאַר דער צוקונפט. קיינער, וואָס האָט וועלכע ניט איז דורכשניטליכע ערפאַהרונג אויף דעם ליטעראַרישען געביט וועט זיך ניט וואונדערען, וואָס נאָר אַ פּאָר האָבען די פּראָבע געקאָנט אויסשטעהן. די מעהרסטע האָבען דעם לעצטען אויסוועג אָנגענומען. היינע און ווינבאַרג און גוטש־קאָוו האָבען זיך ניט אונטערגעגעבען, אָבער די אַנדערע האָבען גע־מאַכט אַן אונבאַהאַלפענעם ספּעקטאַקעל פון זיך. מאַסען יונגע שרייבער, וועלכע האָבען פריהער שטאָלצירט מיט זייער רעוואָלוצי־אָנער פילאָזאָפישער אָפּאָזיציאָניסטיש־פּאָליטישע אידעען, האָבען זיך איצט געאיילט צו ווייזען אין זייער פילאָזאָפישער איבערפלעב־ליכקייט, זייער פּאָליטישע אומשעדליכקייט. דער נאָמען „יונג דייטשלאַנד" איז פריהער אַן עהרען־נאָמען געווען. איצט אָבער, ווען די וואָס האָבען איהם געטראָגען האָבען געדאַרפט איבער זיך האָבען אַ ספּעציעלע פּאָליציייאישע אויפזיכט, וויל פון איהם שוין קיינער מעהר ניט וויסען. יעדער זאָגט אַז ער, וועניגסטענס, האָט

קיינמאָל צו דער גרופּע ניט באַלאַנגט, און אויב יאָ, איז דאָס שוין אַן אַלטע געשיכטע, און זינט דאַן איז ער שוין געוואָרען אַ גוטער, אָרענטליכער בירגער פון דער געזעלשאַפט. דער פאַקט באַווייזט נאָך אַמאָל, ווי עס ווערט גאַנץ אָפט באַוויזען, אַז די מאָדערנע בילדונג און ערציהונג גיט אונז אַביסעל קענטנים און וויסען, אָבער עס העלפט גאָרניט צו פאַרמירען אונזער כאַראַקטער, און נאָך ווינציגער, דעם כאַראַקטער פון די, וואָס פאַרדינען אויף אַ לעבען דורך זייער פען.

אַגוסט לעוואַלד, וועלכער האָט לויט אַלע וואַרשיינליכקייטען געהערט צו דער גרופּע, ווירקט אויס, אַז מען זאָל צוריקציהען דעם פאַרבאָט געגען זיין צייטונג „אייראָפּא“ דורך דעם וואָס ער ערקלערט, אַז ער האָט קיינמאָל אין זיין צייטונג ניט געדרוקט אַזוינס, וואָס איז געגען דער רעגירונג, רעליגיאָן אָדער מאָראַל, און דערפאַר קאָן ער אויף קיין פאַל ניט געהאַלטען ווערען פאַראַנטוואָרטליך פאַר די טאַטען פון „יונג דייטשלאַנד“. עדוואַרד דולער, וואָס איז געווען גוטשקאָווים מיטרעדאַקטאָר פון דער צייטונג „פעניקס“ אַנטזאַגט זיך עפענטליך פון אַלע סימפּאַטיעס מיט די ציעלען פון יונג דייטשלאַנד און ערקלערט, אַז זיינע פּרינציפּען זיינען דורכאויס אַנדערע פון זיינע פריהערדיגע מיטאַרבייטער. טעאָדאָר מונדט ערקלערט, אַז ער האָט זיך אַלע מאָל געהאַלטען ריין פון דער „פאַבריצירטער קאַטעגאָריע“, יונג דייטשלאַנד, ווייל עס איז אַלע מאָל פאַר איהם קלאָר געווען, אַז פון אַזאַ באַנעהמונג וועט דערפון, פריהער אָדער שפּעטער, מוזען ווערען אַן „עקעל נאָמען“ און אין דער פאָררעדע צו זיין נייער צייטשריפט „דיאַסקורען פאַר וויסענשאַפט און קונסט“ ערקלערט ער, אַז ער האָט אפילו געוואָלט שטערען דעם ליטעראַרישען איבערפלוס פון דער לעצטער צייט, דורך דעם וואָס ער האָט באַוויזען, אַז אין זייערע איבערצייגונגען זיינען ניטאָ קיין קאָנסטרוקטיווע פּריניציפּען.

שוואַכער פון אַלע, אָבער, האָט זיך אַרויסגעוויזען צו זיין היינריך לאובע. ער, וועלכער איז געווען דער געוואַגסטער און מוטיגסטער פון די יונג דייטשען; ער, וועמען היינע האָט אָנגערופען: „איינער פון די גלאַדיאַטאָרען, וואָס שטאַרבען אין דער אַרענאַ“, — אַן אַפּשאַצונג וואָס קלינגט איצט שוין לעכערליך, ער

האָט באַהויפּטעט אין דער „אַלגעמיינער ציימונג", אַז צוזאַגענדיג ד"ר. גוטשקאָוו'ן מיטצואַרבייטען אין זיין זשורנאַל, האָט ער אויף קיין פאַל ניט געחלומ'ט מיטצוהעלפען דער גרופּע, וואָס איז באַקאַנט אונטער דעם נאָמען „יונג דייטשלאַנד", אין איהרע אַטאַקעס אויף דער עקזיסטירענדער געזעלשאַפט, און נאַדווינציגער צו העלפען איהר שטירצען. אין געגענטייל, ער האָט פון אָנפאַנג אָן געגעבען צו פאַרשטעהן, אַז ער וויל זיך מיט דער באַוועגונג ניט פאַרבינדען.

אין דער אַנאָנסירונג פון זיין „מיטערנאַכטסצייטונג", וועלכע איז איהם ערלויבט געוואָרען אַרויסצוגעבען מיט דעם באַדינג, אַז זיין נאָמען זאָל ניט ערשיינען אַלס רעדאַקטאָר, אום ניי־יאָהר 1836, שרייבט ער, אַז ער איז געוואָרען אַן אַנדער מענש, אַז ליטעראַטור איז שוין פאַר איהם ניט מעהר קיין אויסדרוק פון פּאָליטישע אײַבערצייגונגען, אַז עס איז ניט זיין אַבזיכט צו נעהמען אַן אַנטייל אין די ליטעראַרישע דיספּוטען פון דעם מאָמענט, „די רויע מלחמות מיט צושויבערטע האָר און אומגעוואַשענע הענט". ניין, ער האָט שוין לאַנג געטראַכט פון גרינדען אַ „נעאָ־ראָמאַנטישע שולע", און אין איהר וויל ער ניט קיין לעסטערענדע און צושטערענדע עלעמענטען. ער וועט אונטערשטיצען דאָס עקזיסטירענדע און ניט קעמפען געגען דעם. ער וויל זיך ניט אידענטיפיצירען מיט מענצלען (ווירקליך!) אָבער ער קאָן אויך ניט זיין מיט דער אַזוי־גערופענער יונג דייטשלאַנד. ער, וואָס איז דער מוטיגסטער געווען, ווייזט זיך אַרוים פאַר דעם בויגזאַמסטען פון אַלע.

ווי עס איז געווען צו ערוואַרטען, האָבען די ציימונגען, טאָג נאָך טאָג, ענטהאַלטען ערקלערונגען פון פאַרשיידענע אוניווערזיטעטס פּראָפעסאָרען, וואָס זיינען געווען אומפאַרזיכטיג גענוג צוצוזאָגען זייער מיטאַרבייטערשאַפט אין גוטשקאָוו'ס זשורנאַל. אולריסי, עדוואַרד גאַנז, האָטאָ, ראָזענקראַנץ און טרענדעלבורג, הענגליאַנער און אַנטי־העגעליאַנער, אַלע, איינער נאָכ'ן אַנדערען, האָבען זיך אָפּגערייניגט פון דער באַשולדיגונג. זיי האָבען חרטה געהאַט מיט זייערע אָפּיציעלע נשמות, זיי האָבען זיך איינע די אַנדערע געוואָלט איבערשטייגען אין זייער צוריקווייזונג פון גוטשקאָוו'ן.

היינע איז ניט געווען פון די מענשען, וואָס פאַרלירען זייער מוטה אָדער זייער קאָפּ אין אַ צרה. און יעדענפאַלס טיילווייז דער־

פאר, וואס ער איז שוין געווען א דיכטער מיט א רעפוטאציע, און טיילווייז צוליעב דעם, וואס ער איז פערזענליך געווען זיכער, דורך דעם וואס ער האט געלעבט אין אויסלאנד, איז דער פארבאט פאר איהם ניט געווען אזא שטארקער קלאפּ, ווי פאר די אנדערע. דעם 28טען יאנואר 1836, נאכדעם ווי ער האט זיך דערוואוסט, אז זיינע ביכער זיינען פארבאטען געווארען, שיקט ער אריין אן ערנסטען פּראטעסט צו דעם פעדעראלען פארלאמענט, א זאך, פון וועלכער ער האט גלייך נאכדעם, אין א פּריוואט בריעף צו זיין פארלעגער, זיך געוויצעלט. אין זיין פּראטעסט דריקט ער אוים זיין פארוואונדערונג, וואס ער איז פאראורטיילט געווארען אהן א פארהער, און ניט האבענדיג די מעגליכקייט זיך צו פארטיידיגען. ער דערמאנט דעם פעדעראלען פארלאמענט, אז אפילו מארטין לוטער איז אזוי ניט באהאנדעלט געווארען פון דער הייליגער רוימישער קעניגרייך — ער וויל זיך צו איהם אויף קיין פאל ניט פארגלייכען „אבער דער שילער בארופט זיך גערן אויף זיין לעהרער“. אבער וועגען וואס ער וויל באזונדערס פּראטעסטירען איז געגען דעם, וואס דער געצוואונגענער שווייגען (וועלכען ער האט שוין לאנג, ביי זיך, באשלאסען צו צוברעכען) ווערט אנגענומען פאר א צוגעבען פון שלעכטע כונות, אדער אפילו פאר אן אפּליקענונג פון זיינע פריהעריגע שריפטען. צו לאוב׳ען, פון וועמעס נייע שטעלונג ער האט נאך ניט געוואוסט, שרייבט ער אין דערזעלבער צייט, אז אין פּאליטישע פראגען מעג מען, דערווייל, מאכען קאנצעסיעס. פּאליטישע פארמען זיינען ניט פון גרויסער באדייטונג, אזוי לאנג ווי דער קאמף פאר די העכסטע לעבענס־פּרינציפּען האלט נאך אן. אבער זיי מוזען האלטען דאס רעכט אויף פרייע דיסקוסיע איבער רעליגיעזע און מאראלישע פראגען. אויב ניט, וועט באלד זיין א סוף צו אלע פּראטעסטאנטישע דענקונגס־פרייהייט. לאובע, ווי מיר ווייסען, געפינענדיג זיך געצוואונגען עטוואס נאכצוגעבען, האט באלד אלצדינג נאכגעגעבען. מיט אמאל האט ער אוועקגעווארפען זיינע פּאליטישע, רעליגיעזע און מאראלישע פאהנען.

א שטיקעל טרייסט פאר די ליידענדע איז געווען דער אומשטאנד, וואס דער מסור איז אויך באשטראפט געווארען. היינע האט געשריבען „איבער דען דענוציאנטען“, און בערנע האט געשריבען וועגען

„מענצעל דעם פראַנצויזען פרעסער" וואָס ווערט, מיט רעכט, געהאַלטען ווי בערנע'ס וויציגסטע, און אין דערזעלבער צייט האַרציגסטע, שריפט.

אָבער די שטרענגערע שטראָף קומט פון היינע'ן, וואָס האָט זיך אַרויפגעוואָרפען אויף זיין קרבן מיט זיין גאַנצער טיגערישער קראַפט, און האָט איהם אַזוי לאַנג געטרייסעלט, ביז עס איז פון איהם געבליבען אַ פאַרמלאָז לעבערליך בינטעל.

היינע ווייזט אָן, ווי פאַרזיכטיג מענצעל האָט אויסגעוועהלט די צייט פאַר זיינע באַשולדיגונגען, אַ צייט, ווען די פיהרער פון דער באַוועגונג זיינען אָדער געווען אַרויסגעוויזען פון לאַנד, אָדער זיי האָבען געמוזט שווייגען, אָדער זיי זיינען געזעסען אונטער שלאָס און ריגעל. ער דעקט אויף מענצעל'ס היפאָקריטסטווא, ווייזענדיג, אַז ווי לאַנג ער איז געווען צוזאַמען מיט גוטשקאָוו'ן האָט ער געקוקט און געשוויגען, טראָץ דעם וואָס ער האָט געוואוסט, אַז קריסטענטום איז אין געפאַהר. ער וויל איהם געבען אַ געוויסען קרעדיט פאַר „אַ געוויסער פיזישער מאָראַליטעט", — ווייל אַ מענש קאָן זיין טוגענדהאַפט אַליין, אָבער צו ווערען פאַרברעכעריש מוז ער האָבען אַ מיטהעלפער, הער מענצעל'ס פערזענליכער אויסזעהן קאָן איהם פיעל מיטהעלפען, ווען ער וויל פון פאַרברעכען אַוועקלויפען. היינע האָט אַ צו הויכע מיינונג פון דעם געשמאַק פון פאַרברעכען, אַז עס זאָל וועלען נאָכלויפען אַ מענצעל. דער אַרימער געטע איז ניט געווען אַזוי גליקליך באַגאַבט. וועגען מענצעל'ס פאָליטישע איבערצייגונגען האָט היינע מורא צו רעדען צוליעב פאָליטישע אורזאַכען, ער קאָן אויך גאָרניט זאָגען וועגען זיין פריוואַט לעבען, (ווי דורך אַ טעות פון דעם זעצער שטעהט „פריוואַטשעלמענלעבען" אַנשטאָט „פריוואַטמענשענלעבען") שוין בלויז דערפאַר, ווייל איהם פעהלט פלאַץ.

היינע האָט נאָך קיינמאָל ניט געשריבען עטוואָס, וואָס זאָל זיין אַזוי באַליידיגענד און אַזוי פאַרניכטענד.

און ווי איז דערווייל געגאַנגען מיט גוטשקאָוו'ן, וואָס איז צו פיער־און־צוואַנציג יאָהר געוואָרען אַ מיטעל־פונקט פון ליטעראַרישע פאַסירונגען און אויף וועמען דער „גלית פון דער פיליסטינער אַרמעע" איז אָנגעפאַלען? פאַר אַ מאָמענט איז ער געווען ערשטוינט

און נידערגעשלאָגן. דאָס איז געווען זיין ערשטע באַלעהרענדע ערפאַהרונג אין לעבען. זיין זינד איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט אויסגעדריקט זיינע געפיהלען, נאַאיוו און ערנסט, אין אַ מיטעלמעסיגען ראָמאַן, אַלס אַ רעזולטאַט פון וועלכען ער איז איצט פאַרשריען געוואָרען אַלס אַ געזעלשאַפטליכע פּעסט, אויסגעלאַכט פון זיינע שונאים און פאַרלאָזען פון זיינע פריינד. פאָלשטענדיג רוהיג האָט ער געהערט, ווי מען פאַרגלייכט איהם צו די מענער, וועלכע האָבען פאַרבאַרייטעט דעם גרויסען פאַרברעכען אין מיונסטער אונטער יאַן פאַן לײדען — די צוטיילונג פון אייגענטום, הייראַטען מיט צוועלף ווייבער אין דערזעלבער צייט א. אז. וו. ער איז געווען אומערפאַהרען גענוג צו האָפען אויף די געריכטס פאַרהאַנדלונגען, פון וועלכע ער האָט ערוואַרטעט ארויסצוקומען דער זיעגער. און ווען מען האָט איהם אין מאַנהיים אַרעסטירט, איז ער געגאַנגען אין געפענגניש מיט אַ געפיהל פון ערלייכטערונג. דאָרטען האָט ער ניט געהערט דאָס שרייען פון דער פּרעסע. ער האָט גאָרניט געהערט, אויסער דאָס קוויטשען פון די מייז, וואָס זיינען געלאָפען איבער זיין בעט. ער האָט געקאָנט פיהרען אַ רוהיגען לעבען, אַ לעבען אָן אומגעשטערטען, אַ רוהיגען און אַ פּראָדוקטיווען. ער האָט געשריבען דעם ראָמאַן „סעו אַפינע“ און אַ ווערק אונטער׳ן נאָמען: „פילאָזאָפיע דער טאָט אונד דעם ערייגניסעס“ (די פילאָזאָפיע פון טאַט און פּאַסירונגען), אַ מין קריטיק איבער העגעל׳ס „פילאָזאָפיע פון געשיכטע“. ווען ער איז ארויסגקעומען פון געפענגניש, האָט ער צוריק אויפגענומען זיין לעבענס־אַרבייט. ער שרייבט פאַרלויפיג אַנאָנים און דריקט זיך אויס אַביסעל מעהר פאָרזיכטיג, אָבער מיט דערזעלבער ענטשלאָסענהייט.

מיט אומגעפעהר אַ יאָהר צוריק האָט ער זיך פאַרליעבט אין אַ מיידעל פון בערלין, און איז צו איהר פאַרלאָבט געוואָרען, אָבער די בערלינער צייטונגען האָבען איהם אָנגערופען אַטעאיסט. און דער יונגער דאַמע׳ס מוטער איז געווען אַ היסטערישע נאַרישע פרוי. איין טאָג פלעגט זי גוטשקאָוו׳ן אומאַרמען און אויף מאָרגען פלעגט זי שוין שרייען צו איהר טאָכטער: „קלייב זיך אויס צווישען מיר און איהם!“ אַזוי ווי די ראַטזאַמקייט פון ערלויבען אַ פאַראייניגונג פון איהר טאָכטער מיט גוטשקאָוו׳ן איז געוואָרען אַלץ מעהר

צווייפעלהאַפט, זיינען איהרע גוטע טעג געוואָרען זעלטענער און די אומצופרידענע אָפטער, ביז צום סוף האָט זיך די יונגע דאַמע אין גאַנצען צוריקגעצויגען. די פּאַסירונג האָט אויף גוטשקאָוו'ס יונגע האַרץ איבערגעלאָזען אַן אומגעהייערען איינדרוק. דאָס האָט איהם געלערענט, אַז אום צו האָבען איבערצייגונגען וואָס זיינען געגען די פּונ'ם פאָלק, מוז מען אויך אין פּריוואַט לעבען זיין אַן אָפּגעזונדערטער. מען קאָן ניט ערוואַרטען צו זיין ערפאָלגרייך אין לעבען אָדער אין דער ליעבע.

זיינע פריינד האָבען זיך אויך ניט בעסער צו איהם פאַרהאַלטען. ווי נאָר ער איז אַרויס פון געפענגניש, איז ער פאַרוואָרפען געוואָרען פון פאַרוואָרפען פון פערזאָנען, וועמען ער האָט פריהער צוגעזאָגט ליטעראַרישע באַשעפטיגונג און וועלכע זיינען איצט ניט נאָר ענטוישט געווען אין זייערע האָפנונגען, נאָר זיי זיינען אויך קאָמפּראָמענטירט געוואָרען דורך דעם, וואָס ער האָט זיי געהאָלפען.

זיין ערשטע ענטוישונג אין ליעבע האָט איהם געמאַכט אָנצושרייבען איינע פון זיינע בעסטע קורצע ערצעהלונגען: „דער צדוקי פון אַמסטערדאַם". און די ענטוישונג, וואָס איז געווען פאַרבונדען מיט דער אַלגעמיינער אויסניכטערונג, האָט איהם אַריינגעוואָרפען אין די שטימונגען, פון וועלכע עס איז שפּעטער אַרויסגעקומען די דראַמאַטיזירונג פון דער נאָוועלע וואָס ער האָט פאַרעפענטליכט שפּעטער אונטער דעם נאָמען „אוריאל אַקאָסטאַ"— וואָס איז אָהן צווייפעל זיין בעסטע דראַמאַ און אפשר זיין בעסט ווערק.

דער העלד איז אַ היסטאָרישע פּערזאָן, גבריאל — שפּעטער אוריאל אַקאָסטאַ, — געבאָרען אין 1594, אַ רעליגיעזער פילאָזאָף פון אידישער נאַציאָנאַליטעט. זיינע עלטערען זיינען געווען געטויפטע קריסטען, אָבער ער אַליין, וויל ער האָט ניט געגלויבט אין קריסטענטום, האָט געמוזט פאַרלאָזען זיין פאָטערלאַנד, פּאָרטוגאַל, און איז געקומען קיין האָלאַנד און איז צוריק געוואָרען אַ איד. אָבער באַלד האָט ער גענומען פאַרעפענטליכען ווערק, וואו דער אידישער גלויבען איז אַזוי פריי קריטיקירט געוואָרען, ווי דער קריסטליכער. דערפאַר האָט מען איהם באַשטראָפט מיט אַ געלדשטראָף און צום סוף האָט מען איהם פאַראורטיילט צו אַ שענד־

ליכער שטראָף: ער זאָל עפענטליך זיך אָפּזאָגען פון זיין אפיקורסות און נאָכדעם זיך לעגען אויפ׳ן שוועל פון בית־המדרש און זיך ער־לויבען טרעטען מיט די פיס פון דער גאַנצער גלויביגער קהלה. נאָך דעם ווי ער איז זיבען יאָהר פאַרפאָלגט געוואָרען, האָט ער זיך אונטערגעגעבען און גענומען אויף זיך די שטראָף. אָבער גלייך נאָך דעם, אויס פאַרצווייפלונג, פאַרוואָס ער האָט אָפּגעלייקענט זיינע איבערצייגונגען, האָט ער זיך דערשאָסען (אין 1647). ער איז געווען דער פאָרלויפער, און אויב מען קאָן גלויבען דער לעגענדע, דער לעהרער פון שפּינאָזאַ.

אין דער אַלט־מאָדישער ערצעהלונג „דער צדוקי פון אַמס־טערדאַם", ווערען די וויכטיגסטע פּערזאָנען פון דער צוקינפטיגער דראַמאַ סקיצירט: יהודית, אקאָסטאָ׳ס וואַקלענדע און שפּעטער אומגעטרייע געליעבטע, איז וואַרשיינליך געצייכענט געוואָרען נאָך זיין אומגעטרייער בערלינערין. דער סטיל איז נאַאיוו און שוואַך. שפּינאָזאַ ווערט אריינגעפיהרט אויף אַזאַ אופן: „זי האָט גערופען, און איהר איינציג קינד, אַ אינגעל פון זיעבען יאָהר, איז געקומען צולויפען צו זיין פעטער, ווען ער האָט ליכט דערקאַנט אין דער לבנה־ליכט. נעהמט אראָפּ אייערע היטלען! דער אינגעל איז געווען ברוך שפּינאָזאַ!"

וואָס גוטשקאָוו׳ן האָט צוגעצויגען צו דער טעמע, ווען ער איז נאָך אַ יונגער מאַן געווען, איז וואַרשיינליך, איהר פּאַטאָס, דאָס, וואָס דאָס איז די געשיכטע פון דעם ערשטען מאַרטירער פאַר׳ן פרייען געדאַנק.

היינטיגע צייטען לייענען מיר וועגען אַזעלכע מאַרטירער און מיר ווערען ניט זעהר שטאַרק געריהרט פון זיי. די גייסטיג עמאַנ־ציפּירטע ווייסען, אַז דעם גאַנצען פאָרטשריט וואָס מיר האָבען ביז איצט געמאַכט, האָט נאָר אויף אַזוי פיעל אַ ווערטה, וואָס זיי ווערען איצטער טאָלערירט. אין דעם לעבען וואָס זיי פיהרען, האָבען זיי זיך אַזוי איינגעוועהנט צו הערען, אַז אַלץ וואָס זיי האַלטען פאַר גרויס, זאָל פאַרדאַמט ווערען און אַלץ וואָס זיי באַטראַכטען פאַר נאַריש און שלעכט, זאָל געריהמט ווערען, אַז אַזאַ מעשה קאָן שוין קיין סך ניט אינטערעסירען.

אַנדערש איז געווען מיט דעם דור פון 1830 אין דייטשלאַנד.

אפילו דער פאַקט, וואָס אוריאל אַקאָסטאַ האָט געבעטען פּאַרציי־הונג און האָט תשובה געטאָן, האָט ניט געמינדערט גוטשקאָוו׳ס אינטערעס אין איהם. אין דער ערצעהלונג שרייבט ער: „מיר, וואָס זיינען געבאָרען געוואָרען אין אַ צושטאַנד פון אומאויפהער־ליכען מאַרטירערטום, צוליעב אונזערע איבערצייגונגען, וואָס האָבען דעם גאַנצען לעבען געלעבט אין איהם, דאַרפען זיך אָפּהאַלטען פון פאַראורטיילען אַ מענש, וואָס האָט געהאַט דעם מוט צו פּראָטעס־טירען געגען די דאָגמאַס פון אַ פאַנאַטישער, אומטאָלעראַנטער רעליגיע, און האָט דאָך געקאָנט זיך בויגען אונטער דער האַנט וואָס האָט איהם געשטראָפט“. ער שילדערט דעם מיש־מאַש אין אוריאל׳ס נשמה: גלויבען, איז דעם בלינדען׳ס שטעקען. זיינע אויגען ווערען מיט אַמאָל געעפענט, אָבער זיי זיינען נאָך ניט איינגעוועהנט צו אונטערשיידען געגענשטאַנדען, זיי קאָנען נאָך ניט, ווי זיין שטע־קען, צו וועלכען ער איז שוין פון אַזוי לאַנג צוגעוועהנט, איהם אָפּהאַלטען פון פאַלען, און ער טאַפּט נאָך הילפלאָזער ווי פריהער.

נאָכדעם ווי דער שטורם וואָס מענצעל האָט אויפגעהויבען איז מיט זיין גאַנצער קראַפט אריבער איבער גוטשקאָוו׳ס קאָפּ, האָט די געשיכטע פון אַקאָסטאַ פאַר איהם געקראָגען אַ גאַנץ נייע באַ־דייטונג. באַטראַכטענדיג דאָס איצטער, האָט ער געזעהן ניט נאָר איהרע ריין דראַמאַטישע מעגליכקייטען, נאָר די עהנליכקייט פון איהרע הויפּט־שטריכען צו זיין לעבען. ער איז אויך געווען אונ־טערדריקט און איז אַריינגעוואָרפען געוואָרען אין חרם. ער איז אויך, נאָכדעם ווי ער איז פאַרשאָלטען געוואָרען, פאַרלאָזען גע־וואָרען. ער האָט אויך באַצאָהלט אַ שטראָף פאַר זיינע אומער־שראָקענע געדאַנקען. ער איז אויך אונטערגעוואָרפען געוואָרען אונטער דער שאַנדע פון דעם קירכענשוועל, און די גאַנצע מאַסע האָט געטראָטען אויף איהם.

אין 1846, אין פּאַריז, אונטער דעם איינפלוס פונ׳ם שפּילען פון די גרויסע טראַגיקער, האָט גוטשקאָוו דראַמאַטיזירט די ער־צעהלונג. ער מאַכט איינינע ענדערונגען, אום צו מאַכען זי אינטערעסאַנטער. ער אידעאַליזירט די הויפּט־פּרויען פיגור. יהודית איז אין דער טראַגעדיע „אוריאל אַקאָסטאַ“ פאַר׳קנס׳ט צו אַן אַנדערען, אוריאל איז איהר לעהרער, אָבער ווען די רבנים, מיט

אַ פּייערליכער צערעמאָניע, לעגען איהם אַריין אין חרם, און אַלע טרעטען פון איהם אָפּ, און ער בלייבט אַליין אויף דער ביהנע, וועהרענד ער הערט ווי די ווערטער:

פאַרשאָלטען זאָל זיין דער פריינד, וואָס איז דיר געטריי אין דיין נויט! קיינמאָל זאָל זיך אַ פרויס ליעבענדע האַרץ דיר ניט אי־בערגעבען.

ווערען אַרויסגערעדט, געהט זי דורך דער ביהנע און שטעלט זיך אַוועק ביי זיין זייט, און האַלט די באַריהמטע און שעהנע רעדע, וואָס ענדיגט זיך מיט דער שורה:

ער װערט געליעבט! גלויבט בעסער נביאים!

פון אַ מענש וואָס איז כמעט ווי ניטאָ אין דער ערצעהלונג, האָט גוטשקאָוו געמאַכט אַן אומשטערבליכען כאַראַקטער, דעם בעסטען און אָריגינעלסטען אין דער דראַמאַ, דעם אַלטען רב הכולל בן עקיבא. דער אַלטער מאַן האָט אין דער ווירקליכקייט נאָר איין ענטשידענעם ענטפער, וואָס ער חזר'ט איבער איין מאָל נאָכ'ן אַנדערען צו אוריאַל'ן און צו די אַנדערע: „אַלץ איז שוין פריהער געוועזן".

וואונדערבאַרע ווערטער! בן עקיבא איז שוין אַלט, ער האָט שוין אַלץ פריהער געזעהן, ער האָט געזעהן ווי די רעליגיע ווערט אַטאַקירט, ווי די רעליגיע טריאומפירט אַלע מאָל. ער האָט גע־זעהן ווי סקעפּטיקער און קעמפּער קומען אָן, ווי זיי ווערען ערנידע־ריגט, באַזיעגט, טויט און באַגראָבען. די אַנדערע גלויבען, אַז דאָס איז עטוואָס נייעס, ס'איז אַלט און עס פיהרט צו גאָרנישט. בן עקיבא איז דער דאָגמאַטישער קאָנסערוואַטיזם אין מענשען גע־שטאַלט. ער איז ערפאַהרונג, שאָקלענדיג איהר שווערען קאָפּ. וואָלט די יוגענד איהם אויסגעהערט, וואָלט דער אומפאַרמיידליכער רעזולטאַט געוועזן אַ יאוש'דיגע גלייכגילטיגקייט.

אוריאַל לאָזט זיך איבערדיידען חרטה צו האָבען. ער טוט דאָס צוליעב זיין מאַמע'ן און צוליעב יהודית'ן. זיין אַלטע, בלינדע, גלויביגע מוטער קומט צו איהם און אין אַ סצענע וואָס פאַרפעהלט קיינמאָל ניט צו מאַכען אַן איינדרוק אויפ'ן פּובליקום, רעדט זי איהם צו, ער זאָל חרטה האָבען און ער זאָל זיך דער שאַנדהאַפטער שטראָף אונטערוואַרפען. זי ווירקט אויף איהם מיט איהר שוויי־

גענדען שטאַלץ און מיט דער קראַפט פון איהר ליעבע. זי בעט איהם קיין איינמאָל ניט, ער זאָל דאָס אָדער עטוואָס אַנדערש טאָן צוליעב איהר. אוריאל נעהמט אָן די שטראָף, האָפענדיג, אַז ער וועט זיין מוטער אַ שטיין פון הארץ אַראָפּנעהמען און אַז ער וועט קענען חתונה האָבען מיט יהודית׳ן. אָבער ווען ער איז נאָך פאַר־שפּאַרט, פאַרבאַרייטענדיג זיך פאַר דער שטראָף, שטאַרבט זיין מוטער און יהודית ווערט געצוואונגען חתונה צו האָבען מיט בן יוחאי. ער ערנידעריגט זיך אומזיסט. יהודית פאַרגיפטעט זיך, און ער (דאָס איז היסטאָריש ריכטיג) שיסט זיך.

צוליב דער טעמע פאַרנעהמט די טראַגעדיע „אוריאל אַקאָסטע" אַ באַזונדערען פּלאַץ אין דער דייטשער ליטעראַטור פון יענער צייט. עס איז אַ טראַגעדיע פון פרייען דענקען, אַ דראַמע, דורך וועלכער מיר פאַרשטעהען אַם בעסטע די פּעריאָדע, אין וועלכער זי איז געשאַפען געוואָרען — אַ פּעריאָדע פון ענערגישען קאַמף פאַר פריי־הייט, און נאָך מעהר ענערגישער אונטערדריקונג — און פון דעם גייסט פון יונג דייטשלאַנד, וואָס איז געווען אַזוי בראַוו אין זיין קאַמף, אָבער צו שוואַך דעם קאַמף לאַנג אַנצוהאַלטען. יעדער איינער וואָס וועט פאַרגלייכען גוטשקאָוו׳ס „אוריאל אַקאָסטאַ" מיט היינע׳ס „אַלמאַנאַסאָר", וועט צושטימען צו דעם, אַז די מער טאַ־לאַנטפולע פירער פון יונג־דייטשלאַנד האָבען אַרויסגעוויזען אַ ערנסטקייט און מוטיגקייט, וועלכע מיר טרעפען ניט ביי היינע׳ן.

אויף דער דייטשער ביהנע איז „אוריאל אַקאָסטאַ" שוין פון לאַנג אַ באַליעבטע שטיק. דער ריינער סטיל און די באַהאַנדלונג פון דער טעמע דערמאַנט אונז אָן לעסינג׳ס „נאַטאַן דער וויַיזע", אָבער גוטשקאָוו איבערשטייגט אין דעם פאַל לעסינג׳ן אין ענערגיע און פּאַטאָס. טראָץ אַ פּאָר שוואַכע שטעלען, ווי די שטעלע מיט שפּינאָזאַ, איז די קאָנסטרוקציע פון דער דראַמע אויסגעצייכענט.

פון אַלע גוטשקאָוו׳ס ווערק איז די דראַמע אַממעהרסטענס פאַר־שפּרייט געוואָרען. עס איז איבערזעצט געוואָרען אין אַלע סלאַ־ווישע און אַלע לאַטיינישע שפּראַכען, און אויך אין ענגליש, אונ־גאַריש און שוועדיש.

אין דייטשלאנד איז די דראמע א לאנגע צייט געווען, ווי גוטשקאוו באמערקט אליין גאנץ ריכטיג, א מין באראמעטער, וואס האט געוויזען דעם צושטאנד פון דער עפענטליכער מיינונג. ווען די קירכליכע רעאקציע האט געהאלטען אין איין שטייגען, האט מען זי אין א סך פלעצער פארבאטען, און ווען די צייט האט זיך געביטען, האט מען דעם פארבאט אראפגענומען. עס איז כאראקטעריסטיש פאר עסטרייך, וואס מען האט די שטיק אלע מאל געקאנט שפילען אין דער פראווינץ, אבער דער אפמאך מיט׳ן פאבסט האט געשטערט איהר אויפפיהרונג אין דעם בורג טעאטער אין וויען. ווי עס איז געווען צו ערווארטען, האט דאס גענומען א לאנגע צייט, ביז די שטיק איז געקומען קיין דענמארק. זי איז דא צום ערשטען מאל געשפיעלט געווארען אין די ניינציגער יאהרען.

נאך 1835 שרייבט שוין גוטשקאוו מעהר ניט קינדעריש אדער אומרייף. פון איצט אן און ווייטער ווערט ער דער גרויסער אומערמידליכער ליטערארישער ארבייטער, א פארשער און שילדערער אויפ׳ן קריטישען געביט, וועלכער באזיצט די פעהיגקייט צו פארשטעהן און ערקלערען די באציהונג, אין וועלכער די מענשען פון דער פארגאנגענהייט און געגענווארט שטעהען צו די פאדערונגען פון זיין צייט; א שארפער באאבאכטער פון די פארשיידענע שטרעבונגען פון דער צייט; א פסיכאלאג, וואס צייכענט זיך אוים מיט זיין פארשטעהן פון אינדיווידועלע כאראקטערע. זיין „געטע" איז א געדאנקען־רייך ווערק, וואס איז צום אלעם ערשטען א פראטעסט געגען מענצלען. זיין לאנגע סעריע פארטרעטען („„צייטגענאסען", שפעטער „סעקולארבילדער") ווייזען פעהיגקייטען, וואס זיינען איהם שפעטער שטארק צונוץ געקומען אלס א ראמאניסט. זיין „לעבען פון בערנע" (1840) איז אן עהרען־דענקמאל צו דעם פארפאסער פון יונג דייטשלאנד און א ווארנונג צו היינע׳ן, וועמעס אומגערעכטע און ענגהארציגע ווערק וועגען בערנע׳ן האבען איהם ערנידעריגט אין די אויגען פון יונג דייטשלאנד.

א באזונדערען אינטערעס קריגען גוטשקאוו׳ס דראמאטישע פארזוכען דערפון, וואס ער און לאובע זיינען געווען די ערשטע באדייטענדע דייטשע שרייבער, זינט קלייסט׳ן, וואס האבען זיך אפ־

געגעבען מיט'ן טעאַטער און וואָס האָט געוואונען פאַר זיך אַן עהרענהאַפטען פּלאַץ אויף דער דייטשער ביהנע. גוטשקאָוו מאַכט אַ געקינסטעלטען אָנפאַנג מיט אַ סענטימענטאַלער דראַמאַ, וואָס באַפרידיגט שוין היינט צו טאָג ניט דעם פּאָלק'ס געשמאַק. זיין „ריכאַרד סאַוואַזש, אָדער דער זוהן פון אַ מוטער“ (1839), איז פון אָנפאַנג ביז'ן סוף אַן אויפגעבלאָזענע איבערטרייבונג. אַ טאַלענטירטער ענגלישער דיכטער, וואָס איז אויפגעוואַקסען ניט וויסענדיג ווער זיינע עלטערען זיינען, ענטדעקט זיין מוטער אין אַ שעהנער און גלענצענדער וועלט־דאַמע, וועלכע ענטזאַגט זיך איהם צו אָנערקענען און וויל פון איהם אַבסאָלוט ניט וויסען. די גאַנצע שטיק איז ניט מעהר ווי פאַרשטעלונג פון אַ רייהע פּרוכטלאָזע פאַרזוכען פון איהם, צו געווינען דאָס קאַלטע האַרץ פון זיין מוטער. „ווערנער, אָדער האַרץ און וועלט“ (1840), איז אַ פּאַטעטישע בירגערליכע דראַמע, וועלכע דרעהט זיך אַרום דער טעמאַ, וואָס איז אָפט פון גוטשקאָוו'ן באַריהרט געוואָרען: דער האַרץ־קאַמפּף פון דעם מאַן, צווישען אַן אַלטער צוגעבונדענקייט און אַ נייער. הייניך ווערנער האָט זיך געלאָזט אַדאָפּטירען פון מענשען פון אַ העכערען ראַנג ווי ער איז געווען. ער איז געוואָרען אַן אַדעלמאַן אונטער דעם נאָמען פאָן זשאַרדאָן. ער האָט פאַרלאָזען אַן אָרימע, אָבער וואונדערבאַרע מיידעל, כדי ער זאָל קאָנען הייראַטען מיט אַ דאַמע פון הויכען שטאַנד. אָבער אין דער נייער רייכער סביבה פעהלט איהם זיין פּראָסט לעבען און מעהר פון אַלץ מאַריע ווינטער, דאָס מיידעל, צו וועלכער ער איז געווען פאַר'קנס'ט און וועלכע ער קאָן ניט פאַרגעסען. פּלוצלונג באַגעגענט ער זי אַלס גובערנאַנטקע אין זיין אייגען הויז, און עס ווייזט זיך אַרויס זיין נייגונג צו דער מיידעל, ווענען ער באַשליסט צו ליעבען בלויז פּלאַטאָניש, אָבער ווען ער האָט אין דער אמת'ען ליעבער פון אַלץ אין דער וועלט. צום סוף קומט דער קריזיס. דאָס ווייב פאָדערט איהר רעכט — אַ רעכט, וואָס היינריך אַנטזאָגט זיך צו אָנערקענען. זיין מאָראַל איז אַ העכערע, אַ פרייערע פון איהרער. זי „ציטערט פאַר זיינע פּרינציפּען“. דער פּלאָנטער ווערט ענדליך איבערגעשניטען מאַשינאַל: אַ יונגער פריינד פון היינריך קומט מיט מאַריע'ן צו אַ פאַרשטענדניש, אַז זיי וועלען ביידע הייראַטען און דורכדעם פאַרמיידען דאָס

צוברעכען פון אַ פאַמיליען־לעבען. אויף דעם אופן, ווי מען זעהט, ווערט דער טראַגישער מאָטיוו באַרויבט פון זיין קלימאַקס

אין 1843 שרייבט גוטשקאָוו אַן דאָס שוישפּיעל „צאָפּ און שווערד“. דאָס איז די ערשטע פון זיינע פּיעסען, פון וועלכע מען קען נאָך איצט אויך האָבען אַ געוויסען פאַרגעניגען. דאָס איז אַ פּיעסע, וואָס האָט פאַרנומען אַן אַנגעזעהענעם פּלאַץ אויף דער דייטשער ביהנע. אויסערהאַלב דייטשלאַנד האָט זי זיך אָבער ניט געקאָנט האַלטען, ווייל זי איז דורכאויס אַ נאַציאָנאַלע דראַמע. עס פּיהלט זיך אין איהר דאָס קלאַפּען פון אַ פּרייסיש האַרץ. גוטשקאָוו האָט געוואָלט פאַרשטעלען פרידריך ווילהעלם דעם ערשטען און זיין הויף אין אַזאַ קאָמעדיע ווי די, וועלכע סקריבע פּלעגט אין יענער צייט אַזאַ גרויסען ערפאָלג האָבען. די היסטאָרישע אויפפאַסונג איז דאָ אָבער ניט אַזוי פלאַך ווי ביי סקריבע׳ן. גוטשקאָוו האָט באַמערקט די שעהנע אַזוי גוט ווי די קאָמישע שטריכען אין דעם קאַרגען פאַמיליען טיראַן און דעם ספּאַרטאַניש־שטרענגען באַנאַרד, אָבער דער בלויזער פאַקט, וואָס די פּיעסע איז אַ קאָמעדיע, מאַכט שוין אַן ערנסטע שטודיום פון דעם כאַראַקטער אונמעגליך. עס איז ניט געווען גוטשקאָוו׳ס טבע, און נאָך ווינציגער לאובע׳ס, זיך צו פאַרטיפען אין די היסטאָרישע כאַראַקטערס און סיטואַציע׳ס, ביז זיי האָבען ניט ענטדעקט אין די געשיכטליכע אמת׳ען אַ ווידערשפּרוך צו די טראַדיציאָנעלע. די געשיכטע איז ביי זיי געווען ניט מעהר ווי אַ מיטעל פאַר אַ מעהר אָדער ווייניגער גייסטרייכער פאַרבינדונג פון דער האַנדלונג. מיר דאַרפען בלויז אויפעפענען דעם ערשטען באַנד פון קאַרלייל׳ס „פרידריך דער גרויסער“ און מיר וועלען זעהן אַ פיעל מעהר קרעפטיג און מעהר איינדרוקספול בילד פון דעם עקסצענטרישען פּרייסישען הערניג מיט זיינע הויבע גרענאַדירען. אין פאַרגלייך מיט דעם יוערט גיטשקאָוו׳ס פאַרשטעלונג איינגעשרומפּען אין אַ בלאַסען שפּאַס און מיר דאַרפען בלויז אַריינקוקען אין די מעמואַרען פון דער העלדין, די פּרינצעסין ווילהעלמינע פון ביירוט צו זעהן, אַז אין איהרע באַציהונגען צו איהר פאָטער, איז קיין אַנדייטונג אויף קאָמישעס ניט געווען. אָבער, אַוועקלעגענדיג אויף אַ זייט די היסטאָרישע פּינקטליכקייט, האָבען מיר אַ גאַנץ פיינע אינטריגאַנטען־שפּיעל, געשיכטליך צוגעפּאַרבט

אזוי, אז עס מוז אפעלירען צו יעדען איינעם, וואס האט ליעב פרייסען. „צאפ און שווערד“ איז א מין סארט לייכטע באצירונג צו קלייסט׳ס ערנסטען „פרינץ פון האמבורג“.

פון די אנדערע פיעסען וואס גוטשקאוו האט געשריבען אין די פערציגער יאהרען, איז „די אורבילד פון טארטופע“ געווען די ערפאלגרייכסטע, אבער צופיעל איבערשעצטע, ווערק. א זעהר פיינע שוישפיעל איז געווען „דער קעניג׳ס לייטענאנט“, א פיעסע אהן פרעטענזיעס, וואס איז געשריבען געווארען צו געטע׳ס הונדערט יעהריגען געבורטסטאג און וואס באהאנדעלט געטע׳ן אין זיינע יוגענד־יאהרען.

די לאנגע היסטארישע ראמאנען, ווי „די ריטער פון גייסט“ און דער „כשוף־מאכער פון רוים“ און אז. וו., וועלכע גוטשקאוו האט געשריבען בשעת דער רעאקציע נאך די 48־גער, און וואס האט שטארק פארשטארקט זיין איינפלוס איבער זיינע צייטגענאסען, קאנען ניט באטראכט ווערען אין דער איצטיגער ארבייט. זיי זיינען פארלויפער פון דער לאנגער רייהע שפיעלהאגען ראמאנען.

נאך גוטשקאוו׳ן איז דער באדייטענדסטער מיטגליעד פון דער נייער גרופע געווען היינריך לאובע (געב. אין ספראטאו, שלעזיען, אין 1806). ער איז א באשטימטע פערזענליכקייט. א מאן מיט גענוג פרישען און קרעפטיגען טאלאנט, א רייכען גייסט, מיט אן אינטיאוטיווער פארשטענדניס פאר דאס וואס ווירקט און נעהמט אוים, מיט א פעהיגקייט פאר לייכטע, אבער אין די מעהרסטע פעלע געניגענדע כאראקטער־צייכנונגען, מיט א סך וואגענדע, אבער פלאכע און אלטע אידעען. ער איז ניט אהן געפיהל, ניט אינגאנצען אהן ערנסטקייט, אבער זיין באדייטענדסטער שטריך איז זיין שנעלע, ענערגישע פראקטישקייט. צווישען 1826 און 1832 שטודירט ער טעאלאגיע אין האללע און ברעסלאו. אין 1839 פאנגט ער אן זיין זשורנאליסטישע טעטיגקייט אין לייפציג. אין זיין אומפעדאנטישען סטיל און אויך אין זיין אויסערליכען אויסזעהן קאן מען דערקענען, אז אין זיינע אדערען פליסט סלאווישע בלוט. ווען ער איז נאך געווען א סטודענט, האט ער ליעב געהאט ארומצוגעהן אין זיין פויליש באשטריקטען ראק און אן עקסצענטרישע הוט און א מאנטעל נאך זיין אייגענעם פאסאן. ער שרייבט פליסיג און

קרעפטיג, מיט א רויער נאטירליכקייט און א מאנגעל אין פינקט־ליכקייט, וואס איז ניט כאראקטעריסטיש פאר א דייטש. זיין בלוט איז געווען היים און שנעל פליסענד. ער האט געהאט אן אויפ־געקאכטען טעמפעראמענט אהן א וועלכער עס איז מעלאנכאלישער שאטירונג.

זייענדיג א מיטגליעד פון א סטודענטען־פאראיין, איז ער אין 1834 פון זאקסען **ארויסגעשיקט** גע־ווארען און איז פאראורטיילט געווארען צו **ניין** מאנאטען גע־פענגנים אין בערלין, ווייל ער האט פריי אויסגעדריקט זיינע סימ־פאטיעס מיט דער יולי־רעוואלוציע און איהר ווירקונג אויף דייטש־לאנד. אין זיין איינלייטונג צו זיין דראמא „מאנאלדעשי" שיל־דערט ער זיין לעבען אין געפענגנים, די מאנאטאנטקייט פון דעם שעהנעם זומער פון 1834, וועלכען ער האט פארבראכט אין זיין קאמערל, אהן א בוך — וואו עס איז קיין זאך ניט געווען, אויסער א בעט, א טיש, א בענקעל און א קריגעל וואסער. ער שילדערט אויך דיזעלבע ערפאהרונג אינדירעקט, אבער שטארקער, אין דעם דריטען טייל פון זיין „יונגע איירָאפּא", וואו וואליערע שרייבט אויף שטיקלעך פאפיער וואס ער האט מיט גרויס שוועריגקייט געקראגען, זיינע איינדריקע פון זיין לאנגער אפגעזונדערטקייט אין א פרייסישער געפענגנים.

מיר ווייסען שוין ווי ער האט זיך געהאלטען נאכדעם ווי דער פעדעראל ראט האט פארבאטען זיינע שריפטען, ווייל זיי האבען באלאנגט צו דער יונג דייטשער שולע; אבער אויב מיר ווילען זיין גערעכט צו איהם דארפען מיר געדענקען, אז דאס האט פאסירט גלייך נאכדעם ווי ער איז באפרייט געווארען פון געפענגניש, און אז טראץ זיין פארזיכטיגער אויפפיהרונג, איז ער נאך אמאל, גלייך נאך זיין הייראט, אין 1837, פאראורטיילט געווארען, צוליעב זיין באטייליגונג אין דעם סטודענטען פאראיין. דאס מאל איז זיין שטראף געווען א מילדע, ווארשיינליך צוליעב דער פראטעקציע פון פרינץ פעקלער־מאסקאו. זיין געפענגנים איז געווען א הויז אויף דעם גוט פון פרינץ מאסקאו; אנשטאט א קעמערל קריגט ער א גרויסען זאל; אנשטאט א פענסטערל — אכט גרויסע פענסטער,

וואָס האָבען אַרויסגעקוקט אויף דריי זייטען. אפילו אַ קורצער שפּאַציר איז איהם יעדען טאָג ערלויבט געווען צו מאַכען. ער קאָן לייענען און שרייבען וויפיעל ער וויל. זיין פרוי איז מיט איהם געווען אין געפענגניס. פון איצט אָן און ווייטער ווערט ער אין פּאָליטיק זעהר מעסיג, ווען ער איז, אין 1848, ערוועהלט געוואָרען צו דער דייטשער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג האַלט ער ניט מיט די רעפּובליקאַנער, נאָר מיט דער קייזערליכער פּאַרטיי.

לאובע פאַנגט אָן אין דער ליטעראַטור אַלס אַ תלמיד פון היינע. זיינע „רייזע נאָוועלען" — אַ לאַנגע רייהע בענד, זיינען דאָס די דירעקטע אַרויסשפּראָצונג פון די „רייזע בילדער". אָבער צוזאַמען מיט ד עמאיינפלוס פון היינע'ן באַמערקען מיר אויך היינסעס איינפלוס. פון היינע'ן נעמט לאובע לעבעדיגקייט און סטילים־טישע שאַרפקייט און אויך ביז אַ געוויסען גראַד די פוסטע גאוה, וואָס איז אונז צייטענווייז דערווידער. אָבער עס איז ווילהעלם היינסע, וועמען ער האָט אָם מעהרסטען פאַרעהרט און וועמעס ווערק ער האָט רעדאַגירט, פון וועמען ער האָט איבערגענומען די ניט פאַרשטעלטע זינליכקייט, וואָס מען זעהט אַם מעהרסטען אין אַ פּאָזיטיווען קולט, אונטערצושטרייכען קלאָר און דייטליך די אוי־סערליכע ווייבליכע שעהנקייט. ביי היינסע'ן איז די פאַרעהרונג פון ווייבליכער קאָליר און פאָרם, די פאַרעהרונג פון דאָס פליישיגע, מעהר פּרימיטיוו, מעהר נאַאיוו וואַקכאַנאַליש, מעהר ערנסט רע־ליגיעז, ווי ביי לאובע'ן. לאובע איז צייטענווייז דערווידער מיט זיין רויקייט, צייטענווייז מיט זיין כמעט ווי ריין־פּערזענליכער באַריהמעריי פון זיין פעהיגקייט, צו צוברעכען פרויען־הערצער, און צייטענווייז איז עס קלאָר, אַז ער שרייבט מיט דעם צוועק צו רייצען דעם גוטען בירגער.

ווען ער פאַנגט אויף דער עלטער אָן איבערצודרוקען זיינע יוּ־גענד־שריפטען, ווערט דער יונגער דור ערשטוינט פון דער געשמאַק־לאָזיגקייט, וואָס די יונגע לעזער מיט פערציג יאָהר פריהער האָבען ליעב געהאַט, און אַ סך פון זיי שטימען איין מיט דעם שטרענגען אורטייל, וואָס עמיל קוה האָט איבער איהם אַרויסגעגעבען, אין דעם קאַפּיטעל איבער יונג דייטשלאַנד, פון זיין בוך איבער העבעל. אָבער דעם וואָלט געווען אומגערעכט ווען מיר וואָלטען ערלויבט, אַז

אַ ביסעל רויהקייט דאָ און דאָרט זאָל אונז אָפּהאַלטען פון אָפּשעצען זיינע ווערק אין זייער גאַנצקייט.

אין די „רייכע נאָוועלען" איז דאָ, טראָץ דעם כלאחר־יד טאָן, אין וועלכען זיי זיינען געשריבען, ווינציג אָריגינאַליטעט. גלייך אין אָנפאַנג, אין דער אָפּטיילונג וואָס הייסט לייפּציג, מיט דער ליעבע צו פראַנקרייך און די פאַרגעטערונג פון נאַפּאָלעאָנ׳ען, פּיהלען מיר דעם איינפלוס פון היינע׳ס „רייזע בילדער". לאובע האָט, ווי היינע אין זיין קינדהייט, געזעהן דעם גרויסען קייזער, אַזוי גיט ער אונז צו פאַרשטעהן, אָבער אַזוי אומבאַשטימט, אַז מיר בלייבען אין צווייפעל, צי ער האָט איהם געזעהן אין חלום, צי אין דער ווירקליכקייט. אויך לאובע האָט (אין דעם קאַוואַליעריסט גאַרדי) זיין טאַמבור לעגראַנד.

די וואָס ווילען האָבען אַ פאָלשטענדיגען איינדרוק פון דעם וואָס לאובע איז געווען אין זיין יוגענד, דאַרפען לייענען זיין „יונגע אייראָפּאַ" (4 בענד 1833-37). אַ לאַנגע פּעריאָדע פון זיין אַנטוויקלונג ליעגט קלאָר פאַר די אויגען פון דעם לעזער אין דעם, מיט ניט אַהן רעכט פאַרגעסען בוך, וואָס האָט איצט בלויז אַ ווערט פאַר היסטאָריקער. די דריי טיילען: די דיכטער, די סאָלדאַטען, די בירגער — זיינען דריי אַרבייטען פון גאַנץ פאַרשיידענע סאָרטען און ווערט.

אין דעם ערשטען טייל איז דער שרייבער פאָלשטענדיג אונטער דעם איינפלוס פון היינע׳ס „אַרדינגעלאָ". „די דיכטער" איז אַ סאָרט לויב־געזאַנג צו דער ווייבליכער שעהנקייט און פרייע ליעבע, אין דער אַלטמאָדישער פאָרמע פון אַ ראָמאַן אין בריעף, וועלכע גיבען אונז איבער דעם איינדרוק פון אַ ווילדען עקסטאַטישען פאַרלאַנג פון יונגע, קרעפטיגע, האָפנונגספולע מענער, און אַז ענטשלאָסענעם זיך איבערגעבען פון יונגע וואַגענדע אָבער צערטליכע פרויען. דער איינדרוק פון אַ דור, אין וועמעס אָדערען עס ברענט דער פאַרלאַנג נאָך פּאָליטישע, סאָציאַלע און עראָטישע פרייהייט — וואָס צוברעכט אַלע פאָרמען און אַלע טראַדיציעס. מיר קוקען אַריין אין אַ פאַנטאַסטיש ראָמאַנטישער וועלט, די וועלט פון לאַובע׳ס יוגענטליכע טרוימען, וואו עס איז דאָ גענוג קראַפט און גענוג לעבען, אילוזיעס פון דער באַנייאונג פון דער וועלט

דורך אַלע סאָרטען רעוואָלוציעס. עס איז אַ ראָמאַן פון שעהנע קערפּערס און שעהנע נשמות, מענליכע און ווייבליכע, וועמעס עקזיסטענץ־ציעל איז, צו רעוואָלטירען געגען קריסטענטום און געגען דער הייראַט.

צווישען דעם ערשטען און דעם צווייטען טייל האָט, וואַרשיינ־ליך, דער שרייבער גאַנץ באַדייטענד געביטען זיינע מיינונגען. ער האָט גענומען פאַרשטעהן, ווי שטאַרק די רעאַקציע קאָן זיין. ער איז געוואָרען אַ רייפער מאַן. אין דעם ערשטען טייל איז שווער ניט צוזאַמענצומישען די כאַראַקטערע — די מענער אונטערשיידען זיך בלויז דורך זייער מעהר אָדער וועניגער פייערדיגען, עראָטישען, אומקאָנטראָלירבאַרען טעמפּעראַמענט, און די פרויען — דורך דער פאַרשיידענאַרטיגקייט פון זייער פיזישען אויסזעהן. אין דעם צווייטען טייל ווערען מיר שוין אַריינגעבראַכט אין אַ וועלט, וואו אַן אמת׳ער קאַמף פאַר נאַציאָנאַלע און פּאָליטישע פרייהייט געהט אָן. די בריעף פאָרמע איז דאָ אויפגעגעבען געוואָרען און עס זיינען דאָ פאַרהעלטניסמעסיג ווינציג פּערזאָנען.

עס איז דער אויפשטאַנד אין פּוילען, וואָס ווערט דאָ געשיל־דערט. וואָלאַריוס, איינער פון די הויפּט־כאַראַקטערע פון דעם ערשטען טייל, שליסט זיך אָן די פּאָליאַקען, אויס זיין ענטוזיאַזם פאַר פרייהייט. דער שטאַף האָט שוין אַ געוויסען אינטערעס, ווען אפילו דאָ און דאָרט איז ער צו ריין היסטאָריש. דאָס פּוילישע פאָלק ווערט געשילדערט אומפּאַרטיאיש, און מיט אַ געוויסער זי־כערקייט: זייערע כאַראַקטער־שטריכען — דער שטאַרק פּאַטריאָ־טישער געפיהל, וואָס באַגייסטערט גרויס און קליין, די פּראַוור־טיילע און די טיראַניי פון דער אַריסטאָקראַטיע, די ווילדקייט און קראַפט פון די נידעריגע קלאַסען — ווערען געמאָלען אַזוי ווי זיי שפּיגלען זיך אָפּ אין דעם באַוואוסטזיין פון אַ דייטשען וואָלונ־טיר. דער מיסטרויען, מיט וועלכען מען עמפּפאַנגט איהם, ווייל ער איז אַן אויסלענדער, דאָס וואָס די פרייהייטס־מענער זיינען אַזוי פיל מיט פּאַראורטיילען, וואָס ער באַמערקט אַם בעסטען אין זייער באַציהונג צו זיין פריינד, אַ פּוילישער אָפיצער פון אידישער אָפּשטאַמונג, שוואַכען אָפּ איינע נאָך די אַנדערע יעדע אילוזיע,

וועלכע ער האָט באַזעסען פאַר אַ גאָלדענער צוקונפט פאַר אייראָ־פּאַ נאָך דער יולי־רעוואָלוציע.

דורך דעם גאַנצען בוך ציהען זיך דורך טראַגישע שטימונגען. מיר זעהען, ווי פּרוכטלאָז דער אויפשטאַנד אין פּוילען איז, ווי ער ענדיגט זיך, ווי ער האָט זיך געמוזט ענדיגען, אין אַ צושמעטערענ־דער נידערלאַגע. און מיר זעהען ווי דער יונגער איד יואל, טראָץ זיין מוטיגען קעמפען אויפ'ן שלאַכטפעלד צו געווינען פאַר זיך יענע רעכט, וועלכע זיינע אַריסטאָקראַטישע לאַנדסלייט האָבען גענאָסען, קאָן זיך דאָך קיינמאָל ניט אַרויסהויבען פון זיין לאַגע, אָלס דער אַרויסגעוואָרפענער פון דער פּוילישער געזעלשאַפט. די פרוי, וועמען ער האָט ליעב, וואַגט איהם ניט צו געבען איהר האַנט; אַ פּראָסטער פּויער פאַראַכטעט זיין סימפּאַטיע. נאָכדעם ווי דער אויפשטאַנד איז אונטערדריקט, לעגט ער אַוועק זיין מונדיר מיט פאַרדראָס און ווערט צוריק דער וואַנדערענדער הענדלער. די קריסטען פאַרשטויסען איהם, די אידען האָט ער שוין פון לאַנג — דורך אַ בונד מיט די קריסטען — פאַרלאָזען. קיין מענשען רעכטע באַזיצט ער ניט. עס בלייבט איהם גאָרניט איבער — ער מוז פאַר־געסען זיין בילדונג, זיין פילאָזאָפיע, זיין וויסענשאַפט און מילי־טערישען טאַלאַנט. ער מוז וואַנדערען פון דאָרף צו דאָרף פאַרקוי־פען בענדלעך, ווי זיינע אור־עלטערען האָבען געטאָן.

דער כאַראַקטער האָט אַ באַזונדערען אינטערעס פאַר דענער, ווייל גאָלדשמיד האָט, וואַרשיינליך, גענומען אַ פאַר הויפּט־שטרי־כען פון דעם העלד פאַר זיין ראָמאַן „אַ איד“. ער ווערט אויך אַ פּוילישער אָפיצער אין דעם קאַמף פאַר פרייהייט. און אויך ער ווערט פון אומעטום צוריקגעוויזען און אויס פאַרצווייפלונג ענדיגט ער שליסליך ווי אַ פראַצענטניק אויסערהאַלב דער געזעלשאַפט.

דער דריטער טייל פון „יונג אייראָפּאַ“ (די בירגער) איז שוין פון אַ קלענערער באַדייטונג. דער הויפּט אינטערעס ליעגט אין דעם, וואָס ער דערצעהלט אונז פון צוויי פון די ענטוזיאַסטישסטע און אומבויגזאַמסטע העלדען פון דעם ערשטען טייל, היפּאָליט און קאָנסטאַנטין. היפּאָליט ווערט שליסליך געטריבען צו פאַרצווייפ־לונג דורך דער ציוויליזאַציע פון דער מאָדערנער וועלט, וואָס האָט ניט קיין פּלאַץ פאַר גרויסע אויסנאַהמען, נאָר פאַרלאַנגט, אַז אַלע

זאַלען זיין גלייך אומבאַדייטענד. און קאָנסטאַנטין, וואָס האָט מוטיג געקעמפּט אין די גאַסען פון פּאַריז אין די יולי־טעג, ער־שיינט, ניט מיט קיין סך יאָהרען שפּעטער, אַלס אַ פּריסישער ריכטער, אומבויגזאַם, פאַנאַטיש שטרענג אין זיין אורטייל אויף פּאָליטישע רעוואָלוציאָנערען. קאָנסטאַנטין מאַכט אַ לאַנגע ער־קלערונג וועגען די איינפלוסען וואָס האָבען איהם אַזוי געביטען (דער כאַראַקטער איז וואַרשיינליך גענומען געוואָרען פון לעבען.) אָבער דער שרייבער איז נאָך אַזוי באַהערשט פון די אידעאַלען פון זיין יוגענד, אַז ער מאַכט איהם באַגעהן זעלבסטמאָרד, אוים פאַרצווייפלונג פאַרוואָס ער האָט פאַרראַטען זיינע אידעאַלען.

פון דעם יאָהר 1849 ביז זיין טויט אין די אַכציגער, האָט לאובע, ווי עס איז גוט באַוואוסט, געווידמעט אַלע זיינע קרעפטען דעם טעאַטער. ער ווערט אין גיכען דער באַדייטענדסטער טעאַטער־פאַרוואַלטער פון דייטשלאַנד און עסטרייך, און אַלס אַזעלכער גיט ער אַלע מאָל דעם פאָרצוג דער פראַנצויזישער דראַמאַ. וואָס ער אַליין האָט געשריבען פאַר דער ביהנע, וועט זיין נאָמען אַמלענגסטען אויפהאַלטען.

פון די פיעלע היסטאָרישע דראַמעס וואָס ער האָט פּראָדוצירט, זיינען די וויכטיגסטע — „מאָנאַלדעשי" (1834). „שטרויענסי" (1844) און „די קאַרלשילער" 1847) — פאַר זייער אַנדייטונג אויף די אידעאַלען פון יונג דייטשלאַנד, ווי זיי האָבען זיך פאָרמירט אין לאובע'ס מח. די לעצטע פּיעסע איז געוואָרען פּאָפּולער און מען קאָן זי נאָך איצט גאַנץ אָפט זעהן אויף דער ביהנע. די אַנדערע זיינען גאַנץ עפעקטפולע טעאַטער־שטיק, אין אַ סטיל וואָס איז שוין יעצט פאַרעלטערט.

„מאָנאַלדעשי" איז אַ קעמפענדער כאַראַקטער, ער איז אַ וואַ־גענדער, אומערמידליכער לעבע יונג, וואָס האָט ניט קיין העכערען צוועק, ווי דורכצופיהרען זיינם און געניסען פון לעבען אין גאַנצען. ער פאַרשטעהט אָבער דעם ווערט פון מאַכט, און ער וויל זיין מאַכט אויסנוצען אויף אַ ווערטפולען אופן — דער היפּאָליט פון „יונג איירעפּאַ" אין אַ היסטאָרישער. מיט דער קעניגין קריסטאַנאַ'ס קאָמפּליצירטען פרויען־כאַראַקטער איז שוין לאובע ניט אַזוי ער־פאָלגרייך, טראָץ דעם וואָס זיין פאַרשטעלונג פון איהר האָט אַז

עלעמענט פון וועלכען א גוטע אקטריסע קאן מאכען א באדייטענדע ראלע. אבער די פיעסע אלס א גאנצע ווערט פארלארען אונטער דער אומערטרעגליכער סענטימענטאליטעט פון דער ליעבעס סצענע, (מאנאלדעשי האט א ראמאנטישע פארבינדונג מיט א געוויסער סיליוויא בראהע.) און עס ליידעט, אלס א קונסט ווערק, פון דעם שרייבערס מורא אנצוגרייפען א פיליסטעריש פובליקומ׳ס חוש פאר אנשטענדיגקייט. די אמת׳ע באציהונג צווישען קריסטיאנא און מאנאלדעשי קומט ארויס זעהר בלאס. די שארפע עקען פון דעם געשיכטליכען פאקט זיינען ארומגעפיילט, כדי די טעמא זאל זיך אריינפאסען אין די פארמען פון טעאטראלען ראמאנטיציזם.

אין „שטרוענסי״, די צווייטע פון לאובע׳ס דראמעס, וועמעס האנדלונג קומט פאר אין דעם סקאנדינאווישען קעניגליכען הויף, האט ער זיך נאך מעהר פרייהייט ערלויבט מיט דער געשיכטע און געשיכטליכע כאראקטערע. לאובע מאכט „שטרונסי״ דעם נאבעלען, פרייהייטס ליעבענדען רעפארמער, וועמעס איינציגער פעהלער איז זיין גרויסע דייטשע הומאניטעט, וואס האט מורא פאר בלוט־פארגיסונג. וואלט ער נאר געווען עטוואס וועניגער גוטהערציג און פארזיכטיג, וואלט ער לייכט פארבליבען אין מאכט; די שוואכקייט וואס רואינירט איהם, איז זיין ריטערליכע פלאטאנישע איבערגעבענהייט צו קארא‍לינא מאטילדע, וואס ענטפערט פונקט אזוי אומשולדיג זיינע געפיהלען. קריסטיאן דער 7טער ווערט פארגעשטעלט ווי א ווירדיגער, אביסעל צוריקגעהאלטענער מאנארך, עטוואס גענייגט צו מעלאנכאלישע אטאקעס. „שטרוענסי״ ווערט געשטירצט פון דייטשען, וואס זיינען איהם טיילווייז מקנא און טיילווייז אין כעס אויף איהם, ווייל ער וויל זייערע אומזיניגע פאדערונגען ניט נאכגעבען; און די ביטערע מאראל פון דער שטיק איז, אז די איינציגע שונאים פון א דייטשען אינטעלעקטועלען העלד, זיינען זיינע אייגענע לאנדסלייט — דייטשען האבען אלע מאל גענוצט ליידען אממעהרסטען פון דייטשען, וועלכע ווייזען זייער מאנגעל אין פאטריאטיזם אין זייער פארהעלטעניש מיט אויסלענדער.

שוין ניט רעדענדיג וועגען דער היסטארישער פינקטליכקייט פון די כאראקטערם, איז דער סענטימענטאל עראטישער שטרוענסי,

מיט „זיין ענטוזיאזם פאַר אַלץ וואָס איז נאָבעל און שעהן", אַן אונמעגליכער אויפגעקומענער שטאַאַטס־מיניסטער. לאַובע האָט אַזוי פאַרדרעהט די היסטאָרישע פאַקטען, אַז ער האָט זיך ער־לויבט פאַרצושטעלען שטרוענסי'ס טוי'ט, ווי די פאָלגע פון אַ קויל וואָס ווערט אויף איהם געשאָסען אויף דעם באַפעהל פון גולדבערג, אין דעם מאָמענט ווען מען אַרעסטירט איהם אין זיין שלאָס דעם 17טען יאַנואַר 1772. די הויפּט־אורזאַכע, און אין דערזעלבער צייט די הויפּט־ענטשולדיגונג פאַר פאַרדרעהען די פאַקטען, ליעגט אין דער נויט אַזוי פאַרצושטעלען, אַז דער צענזאָר זאָל ניט פאַר־ווערען די שטיק, צוליעב דער מעגליכקייט פון באַליידיגען אַ פריינדליכע מאַכט. מיר קאָנען האָבען אַ באַגריף ווי שטרענג דער צענזאָר איז אין יענער צייט געווען, ווען מיר לייענען, אַז טראָץ לאַובע'ס פאָרזיכטיגקייט, איז די פאָרשטעלונג פון „שטרוענסי" פאַר פיעל יאָהרען געווען פאַרבאָטען אין פּרייסען, אום ניט צו פאַר־לעצען די געפיהלען פון דער דענישער קעניגליכער פאַמיליע.

עס איז אָבער אונמעגליך צו פאַרשטעהן, פאַרוואָס אַזאַ אומ־שולדיגע און באַלעהרענדע, פּיקאַנטע און ריינע פּיעסע ווי „די קאַרלס־ש'ילער" איז, גלייך ווי זי איז ערשינען אין 1846, פאַרבאָטען געוואָרען אין גאַנץ עסטרייך, פּרייסען, האַנאָווער, ווירטעמבערג, העסען־שלאָס, אין אַלע גרויס־הערצאָגטומען און מאַנכע הערצאָג־טומען. עס איז אין דער ווירקליכקייט ניט מעהר ווי אַ פאַרהער־ליכונג פון דעם יונגען שילער, פאַרשטעלענדיג די גוט־באַוואוסטע שוועריגקייטען וואָס ער האָט געהאַט, ווען ער איז געווען אַ רעגי־מענט דאָקטאָר, אין דיענסט פון הערצאָג קאַרל פון ווירטעמבערג, און וועלכע האָבען זיך געענדיגט מיט זיין אַנטלויפען פון שטוט־גאַרט קיין מאַנהיים. עס איז אַ פּאַראַלעל צו גוטשקאָוו'ס געטע־קאָ־מעדיע „ דער קעניגס ליוטענאַנט", וואָס איז פיעל שטאַרקער אין דראַמאַטישער קראַפט. אין דעם פאַל האָט לאַובע געגעבען ריין־היסטאָרישע אמת'ען. הערצאָג קאַרל'ס כאַראַקטער איז געמילדערט און דער מאַן איז שוואַכער געמאַכט, פּונקט ווי קעניג פרידריך ווילהעלם אין גוטשקאָוו'ס "צאָפּ און שווערד". דאָס איז שוין ניט בלויז קונסט וואָס איז געצוואונגען צו זיין פאָרזיכטיג, נאָר קונסט, וואָס האָט זיך שוין דורך דעם דרוק פון אַ טראַדיציע איינגעלעבט

אין דעם גייסט פון דעם קינסטלער. אָבער דער גייסט איז געווען לוסטיג און שווימענד, און די האַנט וואָס האָט די סצענעס געשריבען איז געווען לייכט און געשיקט. עטוואָס פון דעם גלאַנץ וואָס דעם העלד׳ס נאָמען האָט אַרום זיך איז אין דער פּיעסע דאָך אַריין. עס איז מעגליך, אַז ווי לאַנג שילער וועט אָנהאַלטען זיין פּאָפּולאַריטעט אין דייטשלאַנד, וועלען די דייטשען האָבען פאַרגעניגען פון דער באַשרייבונג פון זיינע יוגענד־יאָהרען, וואָס אין דער צייט ווען די „קאַרלשילער“ איז געשריבען געוואָרען האָט מען ניט געוואוסט. מען ערוואַרטעט ניט, אַז אַזאַ פּיעסע זאָל קאָנען האָבען אַן ערפאָלג אויסערהאַלב דייטשלאַנד.

נאָך גוטשקאָוו׳ן און לאַובע׳ן, ווערט מונדט׳ס נאָמען אָממעהרסטענס דערמאָנט, ווען מען רעדט פון יונג דייטשלאַנד און איהרע פיהרער. אומגעפעהר אַרום 1835 איז מונדט דער אָנגעזעהענסטער פאַרטרעטער פון די געפיהלען און אידעען פון דער גרופּע. אין 1835 פאַרעפענטליכט ער „שאַרלאָטע סטיגליץ, אַ דענקמאַל“ — דער איינאיינציגער פון זיינע היסטאָרישע שילדערונגען, וואָס האָבען געהאַט אַן איינפלוס אויף דער יוגענד פון יענער צייט. דאָס ווערק, הויפּטזעכליך אַהן צווייפעל צוליעב דער טעמאַ, האָט מיט שטורם גענומען טויזענדער הערצער. אין דעם זעלבען יאָהר איז ערשינען זיין „מאַדאָנאַ, אונטערהאַלטונגען מיט אַ היילינגען“, וואָס דריקט אויס, מעהר ווי יעדע אַנדערע פון זיינע ווערק, די סענטימענטען פון יונג דייטשלאַנד און אויך אַן אָנדייטונג אויף דעם שרייבער.

טעאָדאָר מונדט איז געבאָרען געוואָרען אין פּאָטסדאַם, אין 1808. ער איז געווען אַ מאַן, וואָס איז געווען פעהיג צו ענטוזיאַסטישער און דאָך קלאָרער איבערגעבענהייט צו אידעען און מענשען. ער האָט געהאַט ווינבאַרג׳ס ענטוזיאַסטישען טעמפּעראַמענט (נאָר ניט זיין מוטיגקייט), מיט אַ פיעל מעהר באַגאַבטען און פיעלזייטיגערען גייסט. און דאָך איז זיין וויץ ניט געווען שפּיציג אָדער שאַרף, קיין גראַציע אין זיינע קאַפּריזען, קיין מעטאָדע אין זיין שרייבען און קיין קלאָרקייט אין זיין סטיל. זיין בוך וועגען שאַרלאָטע סטיגליץ, איז דאָס איינציגע פון זיינע ווערק וואָס האָט איהם איבערגעלעבט, און דאָס איז נאָר אַ דאַנק דער טעמאַ. ער קאָן זיין ברענענד, בייסענד און אומגערעכט, ווי אַלע

שוואַכע נאַטורען, נאָר אפילו זיינע שאַרפסטע אויסברוכען זיינען ניט דער אויסדרוק פון אַ קריעגערישער נאַטור; זיי זיינען נאָר געשריבען געוואָרען צוליעב זעלבסט־פאַרטיידיגונג. 'זיי ווערען נאָר אַרויסגערופען פון אַ מיספאַרשטענדניס פון אַ געגנער און זיי זיינען אַזוי אומשעדליך, ווי דאָס סטראַשען פון אַ בייזען שעפס.

דער מאָדערנער לעזער ווערט ערשטוינט הערענדיג, אַז אַזאַ ווערק ווי מונדט'ס „מאַדאָנאַ" איז באַטראַכט געוואָרען פאַר אַ גע־פעהרליך בוך. צו פאַרשטעהן ווי דאָס איז מעגליך, מוזען מיר האָבען אין זינען, אַז די וואָס האָבען אין יענער צייט געהאַט די מאַכט, זיינען געווען אין היילע שרעק פאַר שאָטענס. עס איז אָבער אַ בוך וואָס מען טאָר ניט דורכלאָזען, ווען מען מאַכט אַ שטודיום פון יענער עפּאָכע, ווייל אין איהם איז דאָ עטוואָס טיפּי־שעס אין דער אַרט און ווייזע ווי די געדאַנקען ווערען אויסגעדריקט און דער ענטוזיאַזם פון דער יוגענד פון יענער צייט.

דאָס בוך הויבט זיך אָן מיט אַ „פּאַסטהאָרן סימפאָניע", גוט געשריבען, אין דעם אַלט ראָמאַנטישען סטיל, אָבער ניט ראָמאַנטיש אין דער טענדענץ. עס איז אַ פאַרהערליכונג פון „באַוועגונג", דאָס שלאַג־וואָרט וואָס מונדט אַליין האָט באַשאַפען אין האָט זיך אין דעם פאַרליעבט. באַוועגונג איז פאַר איהם, וואָס קאַמף און פּראָגרעס זיינען פאַר די אַנדערע — דער שלאַג־וואָרט פון אַ נייער צייט. ער רעדט פון דער באַוועגונגס־פּאַרטיי, די נייע ליטעראַטור רופט ער אָן באַוועגונגס־ליטעראַטור. אין אַ צושריפט צו דער „מאַ־דאָנאַ", רופט ער דעם בוך אָן „אַ באַוועגונגס בוך". מיר באַמערקען, אַז דער אויסדרוק איז גאַנץ נאַטירליך און אומשולדיג.

דער איינציגער טייל, וואָס איז נאָך היינט לעזבאַר אין דער „מאַ־דאָנאַ", איז דער העלדינס שילדערונגען פון איהרע לעבענס ערפאַה־רונגען. דער שרייבער טרעפט זיך מיט איהר צום ערשטען מאָל אין אַ קליינעם באָהעמישען דאָרף. ווען ער זעהט זי צום ערשטען מאָל אין אַ רוימיש־קאַטוילישער פּראָצעסיע, ווערט ער ערשטוינט פון איהר אויסערגעוועהנליכער שעהנקייט. שפּעטער, אין דעם זעלבען טאָג, קומט ער צופעליג אריין אין איהר פאָטערס שטיבעל, ער ווערט באַפריינדעט מיט דעם שמאָל־קעפּיגען, פאַנאַטישען אַל־

טען (אויף אַ זעהר אומוואַרשיינליכען אופן). ער דערצעהלט איהם די געשיכטע פון קאַסאַווא, וועלכער האָט אַמאָל געוואוינט אין יענעם געגענד אין דעם שלאָס דוקס. ער ווערט איינגעלאַדען צו בלייבען דאָ דעם אָבענד און ער פאַרברענגט מיט דער טאָכטער אַ טייל פון דער נאַכט אין סענטימענטאַלע געשפּרעכען. ער ענט־דעקט אין איהר אַ פרוי, וואָס, לויט זיין אָפּשאַצונג, פאַרדינט דעם נאָמען הייליגע — אַ וועלט־הייליגע — און ווי אַזעלכע אומ־אַרעמט זי איהם און קושט איהם, וויינענדיג מיט הייסע טרערען. מאָרגען פריה מוז צר דעם געגענד פאַרלאָזען, אָבער אַ ביסעל שפּע־טער קריגט ער פון איהר אַ לענגערען בריף, „די ווידוי פון אַ וועלט־ליכער נשמה”, אין וועלכען זי ענטדעקט אָפענהערציג אַלע איהרע ערפאַהרונגען.

דאָס שעהנע מיידעל איז אַ קרבן. זי איז צוגערעדט געוואָרען פון אַ קרובה, אַ פאַרדאָרבענער פרוי, אַז זי זאָל פאַרלאָזען טעפּליץ, איהר געבורטס־שטאָדט, וואו זי האָט מיט איהרע עלטערען געלעבט אין אָרעמקייט און קומט קיין דרעזדען. דאָרטען האָט זי, אונטער דער פּרעטענזיע פון פאַרזאָרגען איהר צוקונפט, זי ערצויגען פאַר אַ רייכען לעבע־יונג, אַ מאַן פון הויכען ראַנג, וועמעס קרבן זי האָט געדאַרפט ווערען, אַזוי שנעל ווי זי וועט אויסוואַקסען. די צייט איז געקומען, אַלע פאַרבאַרייטונגען זיינען געמאַכט. ביי נאַכט ווערט זי איינגעשלאָסען אין איהר צימער מיט איהר באַשיצער און פאַרפאָלגער, וועמען זי האָט פיינט. זי רייסט זיך מיט געוואַלד פון איהם אַרויס, עס געלינגט איהר אַרויסצוגעהן פון צימער און אין איהר פאַרצווייפלונג — דערזעהענדיג אַ ליכט אין דעם צימער פון אַ יונגען טעאָלאָגישען סטודענט, וואָס וואוינט אין דערזעלבער הויז — באַהאַלט זי זיך דאָרט. זי האָט דעם יונגען מאַן שוין פון לאַנג געליעבט, און ער זי אויך. איצט גיט זי זיך איהם איבער מיט אַ שעמעדיגען ענטוזיאַזם און ער האָט ניט קיין הארץ איהר אָפּצוזאָגען. אָבער אויף מאָרגען אין דער פריה, חרטה האָבענדיג אויף זיינע זינד, ווי אַ קריסט, באַגעהט ער זעלבסטמאָרד. דאָס יונגע מיידעל מוז וואַנדערען צו פוס פון דרעזדען צו איהר היים אין באָהעמיע, וואו נאָך איהרע ערפאַהרונגען אין אַ גרויסער שטאָדט, לעבט זי אומעטיג און איינזאַם אין איהר פאָטער׳ס הויז.

איהר פאַטער איז א קאַליקע און אַ שטרענג־פאַנאַטישער רוימישער קאַטאָליק.

דער הויפּט־שטריך אין דער געשיכטע שיינט צו זיין, די אומשולד פון דער יונגער מיידעל מקריב צו זיין זיך, אַז אומשולד, וואָס די וועלט באַטראַכט ווי אַ שולד. פאַר דעם שרייבער איז די העלדין אַ היילינע, אַ מאַדאָנאַ, דער טיפּ פון ליעבליכער ווייבליכקייט. זי איז אַ קערפּערליכע היילינע, אָהן צווייפעל; אָבער ס'איז זיין גלויבען, אַז עס איז ניטאָ קיין הייליגערע זאַך, אַ עס עקזיסטירט ניט קיין גייסטיגערע זאַך, ווי דער קערפּער. ער ענטדעקט ניט פאַר אונז קיין נייעס און באַדייטענדעס, נאָר עפּעס אַ מאָדנע צוזאַמענגעשטעלטע טעאָריע פון דער נויטיגקייט צו פאַראייניגען קערפּער און גייסט און דער אָפּשאַפונג פון דעם אונטערשייד פון דאָס פיזישע און גייסטיגע. „די וועלט און דאָס פלייש מוזען צוריק קריגען זייערע רעכט, כדי דער גייסט זאָל ניט דאַרפען לעבען אויפ'ן זעקסטען שטאָק, ווי עס איז די מאָדע אין דייטשלאַנד“. און ער ענדיגט די לאַנגע באַהעמישע לעגענדע פון ליבוסאַ מיט דעם פריידיגען אויסגעשריי: „די פרייע פרוי איז הערשער!
זאָל זי באַשטימען, זאָל זי רעדען, — זי האָט דאָס רעכט דערצו!
און זיס איז דאָס גליק פון פרייער ליעבע!“

מונדט האָט אָנגעפאַנגען ווי אַ העגעליאַנער, אָבער זיין העגעליאַניזם, ווי מיר זעהען, איז געוואָרען אַ מין פאַנטאַסטישער מיסטיציזם. קריסטוס האָט געזאָגט, אַז זיין קעניגרייך איז ניט פון דער וועלט, און דאָך איז ער געקומען און איז אַליין געוואָרען אַ שטיק פון דער וועלט. גאָט, דורך ליעבע, איז אַריין אין דאָס פלייש. און דער וועלטס פלייש איז געוואָרען הייליג, ווייל עס איז געוואָרען געטליך, און דערפאַר בלייבט דאָס קעניגרייך פון גאָט איבער דער גרויסער ערד, און דאָך איז דאָס, וואָס קריסטוס האָט געזאָגט, ניט פון דער וועלט, ניט פון דער וועלט וואָס איז בלויז פלייש און וויל זיך ניט פאַראייניגען מיט דער פרייער „באַוועגונג“ פון גייסט. מונדט פאַרדרעהט זיך אין אַ לאַנגע פאַרפּלאָנטערטע פּאָלעמיק, ווי אַ ניט־געאיבטער פּעדאַנט, געגען דעם „דאָרטען“, וואָס איז אָהן דעם „דאָ“ און געגען דעם „דאָ“ וואָס אָנטזאָגט זיך צו וויסען עטוואָס פון דעם „דאָרטען“. ער ענדיגט ענטוזיאַסטיש,

לויבענדיג דאס וואס ער רופט אן „דאס בילד" (אין געגענזאץ צו גייסטלאזער מאטעריע און מאטעריעלאזען גייסט): „א, איהר פילאזאפען! וואס אייך פעהלט, איז דאס בילד... איך קעמף פאר דער ווידער־אומקעהרונג פון דעם בילד" 1).

אויב עס איז ווען־עס־איז געווען א מאן, וואס האט זיך ניט געפאסט צו זיין א פיהרער און א לעהרער פון אנדערע, איז דאס געווען דער ערפינדער פון קלארע אמת׳ען. נאך דער „מאדאנא" איז געקומען א לאנגע רייהע היסטארישע ראמאנען (נאך א לענגערע רייהע איז געקומען פון דער פען פון מונדט׳ס פרוי, וואס האט געשריבען אונטער דעם פסעוודאנים לואיזא מולבאך) און א באדייטענדע צאהל קריטישע און היסטארישע שריפטען. פון די לעצט דערמאנטע איז דאס בעסטע זיין „געשיכטע דער ליטעראטור דער געגענווארט" (1842), ווייל אין דעם בוך שרייבט ער וועגען א פראגע, מיט וועלכער ער איז גוט באקאנט. אבער אויך דאס בוך, ווי אלע אנדערע, איז פארמלאז, פול מיט אומפארדייעטען מאטעריאל און פארדארבען פון א געמאכטער טיפזיניגקייט. ער זעהט, צום ביישפיעל, א ספעציעלע באדייטונג אין דעם פאקט, וואס העגעל איז געשטארבען פון כאליערע. העגעל׳ס סיסטעם, שרייבט ער, איז ווי קאזימיר פעריער׳ס, אן אוניווערזאלע פארפלאכונג, א „גאלדערנער מיטען" סיסטעם און דערפאר איז ער און קאזימיר פעריערי, פון שיקזאל באשטימט געווארען צו שטארבען פון דער וועלט־פארפלאכענדער קראנקהייט. די כאליערע מוז באטראכט ווערען, ווי א פיזישער אויסדרוק פון די אלגעמיינע ליידען פון דער צייט וואס איז אומרוהיג און שטורעמדיג. דאס לעבען האט געגען זיין אייגענע אינגעווייד געקעמפט און ער מוז שליסליך באצאהלען די שטראף פאר דער ליידענשאפט זיך זעלבסט צו דערקאנען, דורך דער אויסערליכער טאט פון זעלבסט־באטראכטונג: זיך זעלבסט אויסצושפייען 2).

אין א ווערק וואס הייסט „דאס יונגע דייטשלאנד", וואס באשטעהט הויפטזעכליך פון בריעף צו דעם פארלעגער, האט פע־

1) מונדט. מאדאנא, ז. 406, 374, 326, 274, 142.

2) מונדט. ליטעראטור דער געגענווארט, ז. 353.

אַראַר וועהל, דער גוט־באַקאַנטער טעאַטער־פּאַרוואַלטער, געוואָלט געבען דער לעזענדער וועלט אַ גינסטיגערען באַגריף פון מונדט׳ן, ווי דער וואָס ערשט היינט צו טאָג. און איהם איז געלונגען צו מאַכען דעם איינדרוק, אַז ער איז געווען אַ מענש פון אויסגעצייכענטע אַבזיכטען, אַז ער האָט פיעל געוואוסט און אַז ער האָט געהאַט גרויס ענטוזיאַזם פאַר די זאַכען, וואָס זיינען איהם געווען סימפּאַטיש. ער איז ניט און וועט קיינמאָל ניט באַטראַכט ווערען ווי אַ גרויסער שרייבער.

אין גרונד גענומען זיינען די שריפטשטעלער פון דעם צווייטען ראַנג, אַזעלכע מענער ווי גוסטאַוו קוהנע, הערמאַן מאַרגראַף און אַלעקסאַנדער יונג, זיין גלייכען. זיי זיינען האַלב פּובליציסטישע און האַלב־דיכטערישע טאַלאַנטען. זיי זיינען מענער מיט כאַראַקטערע, בילדונג און פון אַ באַשטימטען ליטעראַרישען טאַלאַנט, איבערגעגעבען דערזעלבער פונדאַמענטאַלער אידעע, ווי די מענער פון דער פאַדערשטער רייהע.

דער לעזער וואָס נעהמט קוהנע׳ס „ווייבליכע און מענליכע כאַראַקטערע" (1838) וועט אַנגענעם ערשטוינט ווערען פון דער פיינקייט פון זיינע באַשרייבונגען און פון דער פּינקטליכער אָפּשאַצונג פון באַקאַנטע פּערזאָנען. זיינע העלדינען זיינען די פרויען פון זיין שולע — רחל, בעטינאַ, שאַרלאָטע שטיגליץ; אָבער ער זעהט זיי מיט זיינע אייגענע אויגען און שילדערט זיי מיט אומפּרעטענציעזען ענטוזיאַזם. די דיכטער וואָס ווערען פון איהם כאַראַקטעריזירט און געלויבט, זיינען ניט נאָר די גרויסע ראַדיקאַלען פון דעם פריהעריגען דור, ווי שעלי, ניט נאָר די זינגער פון פרייהייט פון זיין אייגענעם דור, פון אַנאַסטאַסיוס גרון ביז קאַרל בעק, נאָר אויך אַזעלכע רוהיגע גייסטער ווי רוקערט און שאַמיסאָ. ער איז ניט איבריגס אָריגינעל, אָבער ער איז אומפּאַרטייאיש און אָהן פּאַראָורטיילען.

דאַסזעלבע קאָן געזאָגט ווערען וועגען הערמאַן מאַרגראַף, כאָטש זיין בוך „דייטשלאַנד׳ס יונגסטע ליטעראַטור אונד קולטור עפּאָכע" איז געשריבען געוואָרען אין דעם גייסט פון יונג־דייטשלאַנד, לאָזט ער אָבער אַלע מאָל זיך דאָס רעכט פאַר פולער זעלבסטשטענדיגקייט. ער איז אַ דענקענדער ערנסטער קריטיקער און אַ גוטער

שרייבער, צייטענווייז גייסטרייך. אין זיינע פעהלערען זיינען מעהר שולדיג זיינע קאָנסערוואַטיווע טענדענצען, ווי זיין ווייט־געהענדער מאָדערניזם.

ווען מען זוכט ניט נאָך די קליינע פעהלערען פון דער נייער גרופּע — און אַזעלכע זיינען דאָ, ווי אין יעדער גרופּע — קאָן מען אויף קיין פאַל ניט זאָגען, אַז זיי האָבען פאַרדיענט דעם ליידענשאַפטליכען אַנגריף, וואָס איז אויף זיי געמאַכט געוואָרען. עס איז ניט יונג דייטשלאַנד, נאָר זייערע אַנגרייפער, וואָס ווייזען געשמאַקלאָזיגקייט און איבערטרייבען אַזוי שטאַרק.

אַזאַ באַקעמפער איז געווען טיק, וואָס איז שוין אַן עלטערער מאַן. מאַנכע פון זיינע נאָוועלען ענטהאַלטען אַנגריפען געגען יונג דייטשלאַנד. אַם שטאַרקסטען ווערען זיי אָפּגעלאַכט אין זיין נאָוועלע „דער וואַסערמענש“, אָבער די קאַריקאַטור איז אַזוי איבערטריבען, אַז דער איינדרוק ווערט פאַרלוירען.

פלאַרהיים, דער רעפּרעזענטאַנט פון יונג דייטשלאַנד, איז האַלב משוגע פאַר ענטוזיאַזם פאַר פראַנצויזען און אידען. ער פּאַזירט ווי אַ דעמאָקראַט און פרייהייטס־ליעבהאָבער, אויף אַזאַ אופן וואָס מיר וואָלטען באַטראַכט נאַריש פון אַ חדר־אינגעל. ער וויל, אַז אויף יעדען קאָנצערט זאָל מען שפּילען די מאַרסעליעזע, כדי מענשען זאָלען ניט פאַרגעסען דאָס, וואָס איז וויכטיגער פון אַלץ. ער וואָלט צרייגעשטעלט פּאָרטרעטען פון גרויסע פרייהייטס־העלדען — מיראַבאָ, וואַשינגטאָן, פריינקלין, קאָסציוסקאָ, א. אַ. וו., אין יעדען בוך, אפילו אין קאָך־ביכער; ער וואָלט געמאַכט, אַז אין יעדען אַלמאַנאַך, אויב ער וואָלט דאָס נאָר געקאָנט אויספיהרען, זאָל דער מאָנאַט יולי געדרוקט ווערען מיט גאָלדענע בוכשטאַבען, כדי די וואונדערבאַרע רעוואָלוציע פון יולי זאָל פאַרבלייבען פריש אין זכרון. און ער האָפט, אַז יעדער אמת נאָבעלער מענש וועט פאָדערען, אַז די נעמען־ווערטער פּרינץ, לאָרד, קעניג, גראַף, יונקער א. א. וו., וועלען געדרוקט ווערען אין גרויסע אַנפאַנגס־בוכשטאַבען, כדי צו ווייזען די גרינגשעצונג פון זייער באַדייטונג.

ווען דער געהיימראַט, דער רעפּרעזענטאַנט פון אינטעליגענטען קאָנסערוואַטיזם, פרעגט פלאַרהיימ׳ען, ווי ער און זיינע חברים, „איהר, וואָס איהר רופט זיך יונג דייטשלאַנד“, וועלען אויספיהרען

זייערע פּלענער געגען דער עקזיסטירענדער געזעלשאַפט, ענטפערט ער נאַאיוו: „דורך דעם, וואָס מיר וועלען אַלץ, וואָס אונז שטעהט אין וועג, באַשימפּפען". און ער זעצט פאָר, אַז אַזוי האָט מען באַהאַנדעלט געטע'ן אין די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען — אַ באַהויפּטונג, וואָס איז דורכאויס פאַלש, — און ווי זיי וועלען, איצט, ווען זיי זיינען שוין די „פּאַרטיי פון באַוועגונג", און באַזיצען שוין די וויכטיגסטע צייטונגען, גרינדען אַ געהיימען און דאָך אָפענעם פאַרבאַנד, וואָס וועט זיך פאַרשפּרייטען איבער גאַנץ דייטשלאַנד און וועט רואינירען יעדען שרייבער וואָס דענקט ניט ווי זיי, און מאַכען זייערע אייגענע שרייבער אַ רעפּוטאַציע דורך אַן אומאויפהערליכען געגענזייטיגען לויב 1).

אין דער ווירקליכקייט איז עס גאַנץ אַנדערש געוועזען. די קאַריקאַטור האָט דעם צווייזייטיגען חסרון, דאָס וואָס זי איז ניט עהנליך און ניט אַמוזירענד. מונדט האָט זיך שפּעטער אויף אַ געשיקטען אופן מיט איהם אָפּגערעכענט: ער האָט פאָרגעשלאָגען, אַז מען זאָל אויפפיהרען טיק'ס „מערכענדיכטונג" קאָמעדיעס אין בערלין.

---

1) ל. טיק: געזאַמעלטע ווערק, ברעסלאַו, 1855, ב. 1, ז. 79-88.

.14

ראהעל, בעטינא, שארלאטע סטיעגליץ.

די שילדערונג פון די פארהעלטנישען צווישען ליטעראטור און פאליטיק, די געשיכטע פון די ליטעראַרישע פאסירונגען און די באַשרייבונג פון די כאראקטערס און ארבייט פון די אנגעזעהענסטע פערזאנען, וועלכע האבען רעפרעזענטירט דאס יונגע דייטשלאנד, דערצעהלען אונז ניט אלעס פון דעם גייסט, און די פסיכישע צושטענדען פון דער צייט.

וואס עס איז געטאן געווארען, און וואס ס'האט פאסירט, איז דער אויסערליכער אוסדרוק. אין ביכער, איז דער עפעקט פון דער ערשטער וויכטיגקייט; דאס וואס דארטען ווערט געשילדערט מוז ביז א געוויסער מאס זיין איבערטריבען, מוז געמאכט ווערען בולט, זאל זיין אז נישט מעהר ווי צוליעב דייטליכקייט. אום צו קריגען א בעגריעף פון דעם אינטעלעקטועלען לעבען, ווי ער איז געלעבט געווארען אין א געוויסער צייט־פעריאדע, מוזען מיר צוקומען אזוי נאהענט ווי מעגליך צו דעם לעבעדיגען, פיהלענדען אינדיווידואום, און מיר טארען ניט פארנאכלעסיגען צו צוגעבען צו דעם איינדרוק, וואס מיר ערהאלטען פון דעם בעאבאכטען פון די לייטענדע מענער פון דער צייט, א שטודיום פון זייערע טיפישע פרויען.

דארטען, וואו ס'זיינען פאראן מעהר געפיהלען ווי טעטיגקייט, וואו ניט קוקענדיג אויף גרויס אריגינאליטעט, זיינען די שאפענדע, פארמירענדע כוחות צו שוואך אינגאנצען אפצושטעלען דאס ווערק פון דער פערזענליכקייט, אט דארטען איז עס וואו דער סטודענט

קומט אין דער נאָהענטסטער בעריהרונג מיט דעם לעבנס־קוואַל פון דער צייט. אַ בריעף פון אַ הויך־באַגאַבטע פרוי דערצעהלט אונז מעהר פון דער לעבעדיגער מענשליכער פּערזאָן און איהרע אמת׳ע געפיהלען ווי אַ פּאָליטישע רעדע אָדער אַ טראַגעדיע.

קיין איינע פון די ווינציגע גרויסע פּרויען, וועלכע האָבען בע־איינפלוסט די געדאַנקען פון די מענער אין פאַרלויף פון דער פּעריאָדע, וועלכע מיר פאַרהאַנדלען יעצט, האָט ניט געשאַפען קיין קונסט־ווערק; קיין איינע האָט אפילו ניט געמאַכט אַ פּאַרזוך דערצו. זיי האָבען ניט געשריבען קיין ראָמאַנען אָדער אָפּהאַנד־לונגען. זייער איינפלוס אין דער ליטעראַטור איז געווען אַן אינ־מיטעלבאַר פּערזענליכער, און זייער פעהיגקייט צו באַוועגען די גייסטער פון די מענער, איז געווען אויגענשיינליך דערפאַר, וואָס עטוואָס פון דעם אינערליכסטען עסענץ פון דער צייט, איז געווען אויסגעדריקט אין זייערע פּערזענליכקייטען. זייערע נאַטורען זיינען געווען ניט־פּלאַסטיש, אויסווייכענד; די אויסערע שטריכען פון זייערע גייסטיגע לעבענס זיינען געווען צושוואומען און ניט דייטליך; דאָס מאַכט שווער אָנצוצייכענען זייערע כאַראַקטערס, דאָס מאַכט אָבער גרינגער צו פיהלען דעם פּולס פון דער צייט אין זייערע רייד.

זיי העלפען אונז צו קומען צום שלוס, אַז דאָס וואָס האָט מעהר פון אַלעם בעאיינפלוסט די לעבענס פון די נאַ־בעלסטע כאַראַקטערע פון דיזער פּעריאָדע, און וואָס לאָזט זיך פיהלען אין דעם ווידערשטאַנד וואָס זיי ווייזען אַרוים געגען דער פאַרעהרונג פון דער מאַכט און טיראַניע פון טראַדיציע, איז דער געדאַנק, אַז דער איינציגער וועג, וואָס פּאַסט פאַר אַ דענקענדער, פיהלענדער, מענשליכער פּערזאָן איז אונאַבהענגיג און אונקאָנווענ־ציאָנעל אויסטייטשען דעם מענשליכען לעבען, די מענשליכע באַ־ציהונגען, פאַר זיך אַליין, און זיך אויפפיהרען לויט זיינע איינענע אויסטייטשונגען. דאָס איז ניט קיין נייער געדאַנק; ער איז אַריינ־געבראַכט געוואָרען קיין דייטשלאַנד דורך הערדער׳ן, איז אָנגענומען געוואָרען פון אַלע פּרעדיגער פון דעם עוואַנגעליזם פון נאַטור, אַריינגערעכענט היינע׳ן, וועלכער האָט געהאַט אַזאַ שטאַרקען איינפלוס אויף איניגע פון די פיהרער פון׳ם יונגען־דייטשלאַנד.

ביי געטע'ן איז אָט דער געדאַנק געווען מעהר ענטוויקעלט און צוגעפּאַסט צו אַלע פּערהעלטנישען פון לעבען.

אַ פּאַרזיכטיג שטודיום פון די כאַראַקטערע פון די מערקוויר־דיגסטע פרויען פון דער צייט ווייזט, אַז דער אונטערערדישער, באַהאַלטענער סוד פון דער פּעריאָדע צווישען 1810 און 1838, וואָס עס האָט פּאַסירט אין דער טיעפעניש אונטען, איז געווען דאָס, וואָס געטע'ס טעאָריע פון לעבען, האָט פּונקט נאָך פּונקט פאַרנו־מען דעם אָרט פון דער טעאָריע פון דער קירכע, האָט באַהערשט אַלע מענער פון ערהאַבענע אינסטינקטען, מענער פון אמת־באַגאַב־טע גייסטער, פון דער צייט.

ראהעל וואַרנהאַגען פאַר ענזע, איז געווען, בלי שום ספק, די גרעסטע פרוי, וועלכע האָט געצייגען די אויפמערקזאַמ־קייט פון דער אינטעלעקטועלער דייטשלאַנד אין די דרייסיגער און פערציגער יאָהרען. זי איז געשטאָרבען אין מערץ 1833, און אין 1835 האָט איהר מאַן פּאַרעפענטליכט די דריי בענד פון איהרע אויסגעקליבענע בריעף און טאָג־ביכער, וועלכע האָבען באַקאַנט גע־מאַכט דאָס גרויסע לעזענדע פּובליקום וואָס פאַר אַ סאָרט פרוי זי איז געווען. די דאָזיגע אויסגאַבע איז נאָכגעפאָלגט געוואָרען פון פיעלע אַנדערע, אין וועלכע זי איז געווען די הויפּט טעמאַ.

אַ פיעל ווינציגער גרויסע פרוי, נאָר מיט פיעל מעהר טאַלאַנט ווי ראהעל, איז געווען בעטינאַ פאָן אַרנים, וועלכע האָט אין יאָהר 1835, פּאַרעפענטליכט „געטהע'ס בריפוועקסעל מיט איינעם קינדע" (געטהע'ס קאָרעספּאָנדענץ מיט אַ קינד), אַ ווערק וועלכע האָט געמאַכט אַ גרויסע סענסאַציע און וועלכע מען האָט זעהר גוט אויפגענומען.

ראהעל'ס נאָמען האָט זיך דערהאַלטען צוליעב דעם שטילען, שטאַר־קען איינפלוס, וואָס זי האָט אויסגעאיבט, פאַר אַ צייט פון פילע יאָה־רען; בעטינאַ'ס נאָמען שיינט מיט דעם גלאַנץ פון איהר ברילי־אַנטענעם טאַלאַנט און גלענצענדען וויץ; די דריטע פרוי, וועלכע האָט געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק אויף די מענער און פרויען פון זיענער צייט, ווערט דערמאָנט צוליעב איין טהאַט, — איהר זעלבסט־מאָרד. די פרוי איז געווען שאַרלאָטאַ סטיעגליץ, וועלכע איז באַגאַנגען זעלבסט־מאָרד אין דעצעמבער 1834, און ווען עס

ביאגראפיע, טאג־ביכער און בריעף זיינען פארעפענטליכט געווארען דורך טעאדאר מונדט אין יאהר 1835. זי איז גלייך געווארען אן אביעקט פון שטודיום און לויב־געזאנגען ביי דער נייער שוהלע. גוסטאוו קוהנע, בעזונדערס, האט אנגעשריבען א וואונדערבארע אבהאנדלונג וועגען איהר. ס'איז געווען א י ה ר טודט, ווי מיר האבען שוין באמערקט, וואס האט בעאיינפלוסט גוצקאוו'ס „וואללי".

ראהעל אנטאניא פרידריך ווארנהאגען (איהר פאמיליען־נאמען איז פריהער געווען לעווין, שפעטער ראבערט) איז געבוירען געווארן אין בערלין אין יאהר 1771. עס ווייזט אויס פון דעם, אז זי דארף בעלאנגען צו א גאנץ אנדערע עפאכע ווי די פון דער יולי־רעוואלוציע; נאר עס איז ניט געווען פריהער, ווי נאך איהר טוידט, אז זי איז געווארען אן עפענטליכע פערזאן און האט זיך פארבונדען דורך איהר געשריבענעם ווארט מיט'ן ליטערארישען פובליקום. זי איז געווען איינע פון די זעלטענע באשעפענישען, וועמענס אונערשעפליכע שטארקייט און פרישקייט פון געדאנק ערלויבט זיי צו פארשטעהן יעדער זאך און יעדען איינעם, צו סימפאטיזירען מיט פארשיידענארטיגע פערזאנען און טענדענצען, צו דורכדרינגען ביז דעם ווארצעל פון יעדער זאך און וועמעס ברייטע און אונערמידליכע סימפאטיעס געווינען פאר זיי די ליעבע און פארגעטערונג פון די איידעלסטע פון זייער צייט, סיי יונג סיי אלט. ראהעל האט באקומען פון גוצקאווען דעמזעלבען כבוד, וואס זי האט געקראגען פון שעללינג און פרידריך שלעגעל, פון שלעיערמאכער און ווילהעלם פאן הומבאלדט. זי האט זיך ארויסגעוויזען פאר א בגייסטערטער פאטריאטקע אין דער צייט פון דעם קאמף פאר באפרייאונג, האבענדיג די אויפזיכט איבער שפיטעלער אין בערלין און פראג; זי איז געעהרט געווארען פון הענריך היינע, וועלכער האט איהר געווידמעט די ליריק אינטערמעצא אין דאס „בוך דער ליעדער", ווען זי איז געווען פופציג יאהר אלט. זי, וועלכע איז געווען אינטים מיט די גרויסע מענער פון דעם אנפאנג פון יאהרהונדערט, דעם פרינץ דע ליין, פיכטע, פרינץ לואי פערדינאנד, פושע און פיעלע אנדערע, האט איבערראשט יעדען איינעם מיט איהר ענטוזיאסטישען אפשאצען פון וויקטאר היוגא'ס „לע אריענ־

טאל״, און די שריפטען פון די סענ־סימאניטען. עס איז דא עטוואס גרויסעס אין אזא לעבען, ווי אונדראמאטיש ער זאל ניט זיין.

דאס לאנגע צעטעל פון די אזוי פיעל פארשיידענארטיגע פערזענליכקייטען, וועלכע האבען זי פריינדשאפטליך פארעהרט, גיט אונז א באגריעף פון דער פיעלזייטיגקייט פון איהר כאראקטער. עס איז דא טיעפענישען אין איהר נאטור, וועלכע איבערראשען אונז, און אונבאשטימקייטען, וועלכע דער מאדערנער גייסט קען ניט באגרייפען. דער כשוף פון איהר נאטור ליעגט אין דעם ארויסגערעדטען ווארט, אין דעם מאמענטאלען איינדרוק, און אין דעם פאסיגען אויסדרוק; אזוי אז ס׳איז נישט לייכט עס צוזאמענשטעלען. א שטארקער איינפלוס שטראהלט ארויס פון איהר. דאך איז איהר אמת לעבען געווען פארטיעפט אין זיך אליין; זי איז געווען א פרוי פון דייטליכע אריסטאקראטישע אינסטינקטען און סענטימענטען, דאך אזוי גוטהערציג, אז איהרע סימפאטיעס האבען זיך צניסגעשפרייט ווייט און ברייט.

א טאכטער פון א רייכען אידישען סוחר, אלס זעהר איינפאכע מיידעל, אהן וועלכען ס׳איז באשטימטען טאלאנט, איז זי אויפגעצויגען געווארען אין איהר פאטער׳ס הויז אין בערלין אין א צייט ווען די אידען האבען ניט געהאט קיינע בירגער־רעכט. ווען זי איז אלט געווארען פינף־און־צוואנציג יאהר, איז זי שוין געווארען אן איינפלוסרייכער מיטגליעד פון דער בעסטער געזעלשאפט פון הויפטשטאדט, און פון דרייסיג יאהר ביז איהר טוידט, איז איהר הויז געווען דער אינטעלעקטועלער צענטער פון בערלין, און איינער פון די אינטעלעקטועלע צענטערס פון גאנץ דייטשלאנד.

איהר גרויס צוציהונגס־קראפט איז געווען איהר פאלשטענדיגע אריגינאליטעט און דאס וואס זי איז געווען ניט קאנווענציאנעל. אלע מענשליכע באשעפענישען ליעבען און ווילען זעהן זיך אפגעשפיגעלט אין דעם גייסט פון א גרעסערער מעשליכער באשעפעניש, אלע דורשטען נאך סימפאטיע, אלע ווילען מען זאל זיי פארשטעהן. אלע וועלכע זיינען צוגעקומען נאהענט צו ראהעל — פרינצען און נאבעל־לייט, דיפלאמאטען און פילאזאפען, פאעטען און וויסענשאפטס לייטע — האבען געפיהלט אינסטינקטיוו, אז די יונגע מיידעל, מיט דער איידעלער, גראציעזער פיגור, מיט די שעהנע

גליעדער, מיט די געדיכטע כוואַליעדיגע האָר, וועלכע האָבען אַרומ־גערינגעלט איהר פּנים, וואָס האָט געהאַט אַן אויסדרוק פון לייד־דען, מיט אַ טיפען און פעסטען בליק אונז איהרע טונקעלע אוי־גען, איז געווען ווירדיג זייער צוטרויען, און דאָס צוליעב דער איינ־ציגער אָבער געגנוגענדער אורזאַכע, וואָס זי איז געווען פריי פון אַלע פאָראורטיילען.

זי האָט זיך מיט פאַרגעניגען געחבר'ט מיט אַ ליבליכער קור־טיזאַנקע, ווי פּאַולינע וויים, די פריינדין פון פּרינץ לואיס פער־דינאַנד; זי איז דער בוזים־פריינד פון איהר, פון איהר צינישען מאַן און פון דעם פּרינץ איהר געליעבטען. זי האָט אַן אמת'ן רעספּעקט פאַר אַ רעאַקציאָנערען סענסואַליסט ווי פרידריך גענץ, זי באַגריסט איהם ווארעם, ווען אין דער עלטער פון זעכציג יאָהר געווינט ער די ליעבע פון פעני עלסלער. זי זעהט אין איהם דעם אויסגעצייכענטען פּראָזע שרייבער און פּאָליטיקער, וועלכער איז געווען פון נאַציאָנאַלער וויכטיגקייט אין אַ קריטישען מאָמענט. די מענשען זיינען געווען פאַר איהר, אין דעם זין פון געטהע, פּראָדוק־טען פון נאַטור.

דאָס וואָס זי, מיט איהר שטרענגער פּערזענליכער מאָראַלי־טעט און ליבעראַלע טענדענצען, איז געווען פעהיג זיך צו דער־הויבען צו אַזאַ הויך פון פרייהייט פון פאָראורטיילען און ערוואָר־בען פאַר זיך אַזאַ ברייטען האָריזאָנט, איז הויפּטזעכליך צו פאַר־דאַנקען, וואָס זי איז געבוירען געוואָרען אין אַ מין בית־המקדש, אויסערהאַלב דער געזעלשאַפט, אין אַ הויז פון אַ רייכען בערלינער אידען.

אין דעם אונטאַלעראַנטען, פאָרמאַליסטישען אַלטען פּרייסען, זיינען פאַר אייניגע יאָהרהונדערטע, די פרעמדע, פעראַכטעטע, קרום־נעזיגע פּראַצענטניקעס געזעסען הינטער זייערע צאָהל־טיש־לער, אַהן וועלכען ס'איז אַנדער געדאַנק אויסער געלד, — קלייבענ־דיג אַ טאַלער צו אַ טאַלער, איינקויפענדיג וועקסלען, און אויס־לייהענדיג געלד אפילו צו פּרינצען. ניט קוקענדיג אויף זייער גאַנ־צען רייכטהום זיינען זיי געווען אונוויסענד, אָרטאָדאָקסיש און אָבערגלויביש; נאָר פאַר דער צייט פון דער אויפקלערונגס־פּער־ריאָדע האָט דער איינפלוס פון משה מענדעלסאָן זיי איינגאַנצען

אויפגעוועקט. זייער פרומקייט האט זיך פארוואנדעלט אין א נאבעלען ראציאנאליזם, און זיי האבען גוט פארשטאנען די בעדייטונג פון וויסענשאפט און קולטור. צום סוף פון אכצעהנטען יאהרהונדערט האבען זיי געגעבען זייערע זיהן א פאלשטענדיג נייע ערציהונג, און די געזעלשאפט האט אנגעהויבען צו באטראכטען די זיהן אלס מענשען וועמען עס קומט באלוינונג פאר די שלעכטס, וואס מען האט זיי געטאן.

עס איז געווען אין דעם דור פון די זיהן, ווען די אידישע הייזער האבען אויפגעעפענט זייערע לאנג פארמאכטע טירען, און האבען ענטפלעקט אזוינס, וואס האט אין קיין זאך ניט דערמאנט די ענגע הייזער פון דעם דייטשען מיטעל־קלאס — ברייטע חדרים, מיט רייכע אריענטאלישע קאווארען און פארהאנגען; דא און דארטען א טייערע קונסט־בילד, וועלכע איז אנגעקומען צום פאטער אדער צום זיידען דורך א פרינץ, וואס האט זיך געפונען אין א געלד פארלעגענהייט; אויף די עס־טישען גאלד און זילבער, דאס שעהנסטע קריסטאל פינקלענדיג איבער, מיט קרוזשעווע־בעצירטע, לייווענט, די בעסטע פליישען און די זעלטענסטע וויינען. די בעל־הבית׳טע פון הויז און איהרע טעכטער האבען ערהאלטען א העכערע און פיינערע בילדונג ווי אנדערע פון זייער שטאנד; זיי זיינען געווען ערנסט פאראינטערעסירט אין טהעאלאגיע, פילאזאפיע און מוזיק; זיי האבען זיך שנעל ענטוויקעלט אונטער דעם איינפלוס פון דער געמישטער געזעלשאפט, וועלכע פלעגן קומען צו גאסט אין זייערע הייזער.

ווארים דא, ווי אויף א נייטראלען באדען, פלעגען זיך באגעגנען אלע, וועמען די געזעלשאפט האט געוויינטליך אפגעזונדערט, מיטגלידער פון פארשיידענע שטאנדען און קאסטען, און פיעלע, וועמען זי האט אינגאנצען אויסגעשלאסען; דייטשע און פרעמדע אקטריסעס זיינען נישט געווען ערלויבט אריינצוגעהן צו קיין אנדער הויז פון דעם מיטעל־קלאס אין בערלין; דא, האט מען זיי אויפגענומען אויף דעם זעלבען אופן ווי אנדערע געסט. די פרינצען פלעגען ניט באזוכען קיין אנדער הויז פון דעם מיטעל־קלאס, אויב ניט צוליעב אנדערע אורזאכען, איז דערפאר, ווייל די געזעלשאפט, וועלכע זיי פלעגען באגעגענען, פלעגט זיי לאנגווייל‏ען. צו דיזע

הייזער פלעגען זיי קומען, צוגעצויגענע פון דעם לייכטען טאָן און וויץ פון די פרויען. עס איז געווען אַ ראַפינירטע באַהעמע. עס איז געווען די ערשטע ענטוויקלונג פון דעם קאָסמאָפּאָליטישען גייסט אין דעם בערלין פון דעם אַלטען פּרייסען.

אין אַט די קרייזען האָט זיך ראַהעל ערצויגען, און זיך פריה אויסגעצייכענט דורך איהר פריינדשאַפט צו דעם פרינץ לואיס פערדינאַנד, דער העלד פון דעם יונגען דור פון יענער צייט, דער זוהן פון פרידריך דעם גרויסענס יונגסטען ברודער. ער איז געווען פון דעם זעלבען עלטער וואָס ראַהעל, אַ קאַוואַליער, אַרטיסטיש, פריי אין זיין אויפפיהרונג, בראַוו ביז אונבאַרעכענטקייט, אַן ערשט־קלאַסיגער מוזיקאַנט און אַן ערשט־קלאַסיגער קאַוואַלעריע גענעראַל. געטהע באַשרייבט איהם אין זיין בוך וועגען דער שלאַכט פון 1793. ווי אַלע פרינצען פון יענער צייט איז ער ערצויגען געוואָרען פראַנ־צויזיש, אַזוי ווייט (ווי מיר וויסען דאָס פון איינע פון זיינע גע־דרוקטע בריעף) דאָס ער האָט ניט געקענט אויסלייגען דייטש ריכטיג; פונדעסטוועגען איז ער געווען אַ הייסער פיינד פון נאַ־פּאָלעאָן, און שטענדיג געגלוסט צו פאַרמעסטען זיינע סאָלדאַטען געגען די סאָלדאַטען פון'ם גרויסען אימפּעראַטאָר. ווי דער פרינץ פון האַמבורג אין זיין צייט, האָט ער ניט געוואָלט פאָלגען אַ באַ־פעהל זיך צוריקציהען, און זייענדיג אויפגעקאָכט פון דער מפּלה נעבען זאַאַלפעלד, האָט ער זיך ענטזאָגט צו אַנטלויפען, זיך ענט־זאָגט צו אונטערגעבען, און איז צושניטען געוואָרען פון די פראַנ־צויזישע הוזאַרען. ער פלעגט פאַרטרויען זיינע ווילדע ריזיקאַלישע ליעבעס אונטערנעהמונגען צו ראַהעל'ן; און האָט געפונען טרייסט, ווען ער האָט געליטען צוליעב דעם בעטרוג פון אַ פאַלשע דאַמען־ליעבע, אין די שטילע ערנסטע געשפּרעכען מיט זיין שוועסטער־ליכער פריינדין.

נאָר ראַהעל איז ניט שטענדיג געווען אין אַ צושטאַנד צו טרייס־טען אַנדערע. אין איהרע יונגע יאָהרען האָט זי זיך אַליין גענויטיגט אין טרייסט. פון דער נאַטור איז זי געווען פון אַן אויפגערעגטען, נערוועזישען טעמפּעראַמענט, אַלס קינד האָט מען איהר מיט שווע־ריגקייטען איינגעהאַלטען ביים לעבען: „זאָל די לופט ווערען צו געדיכט אָדער צו שיטער, צו וואַרעם אָדער צו קאַלט, און איך ווער

שוין באלד קראנק. די קלענסטע אויפרעגונג האט נאך אן ערגערע ווירקונג. איך קען זיך ניט פארשטעלען קיינעם ווער עס איז מעהר עמפינדליך". כמעט אין אלע איהרע בריעף געפינען מיר באלד נאך דעם דאטום א דעטאלע באשרייבונג פון וועטער און טעמפעראטור: „פרייטאג, דעם 14טען מערץ, 1828 — א גרויער טאג, מיט א דרום־מערב ווינד, נאס, דאך ווי פריהלינג, אבוואהל ניט גינסטיג פאר א שפאציער. טייבעלעך פליהען. יעדע רגע ערשיינט אין הימעל א בלויער פענסטער; אין דעם יעצטיגען מאָמענט שטראהלען ארויס זונען־ליכט פון איינע פון זיי". „23טער מערץ, 1829 — די זון האט זיך דורכגעשלאגען דורך די וואלקענס און זי שיינט העל; א שטארקער, קאלטער, אהן צווייפעל צפון־מזרח ווינד; אונמעגליך צו געהן צו טהיערגארטען, וואו ס'איז נאך דא אייז און ס'איז קאלט ווי אין א קעלער". „17טער אפריל, 1830— מיטאג־צייט; א פריהלינג וועטער נאך א רעגען; די בוימער ווערען גרין. פאר מיר איז דאס די בעסטע צייט פון יאהר — ניטא קיין פליגען, ניטא קיין מאסקיטען און קיין היץ. פריהלינג קומט ברענגענדיג צו אונז טויזענדער עראינערונגען, און טויזענדער האפנונגען, וועלכע קענען קיינמאל ניט פארווירקליכט ווערען, נאר וועלכע זיינען דאך א נויטווענדיגקייט פאר אונז".

אזוי נאטורען פארדיענען און ערוועקען אזוי פיעל מיטלייד ווי פארגעטערונג. איהר פריינד וו. פאן בורגסדארף, שרייבט צו איהר: „ווען איך האב אייך דערזעהן צום ערשטען מאהל, האב איך באלד א טראכט געטאן, אז איהר זיינט אויפגעצויגען געווארען דורך גרויסע ליידען". דאס איז געווען ריכטיג; זי האט געהאט א שוואכען קערפער, א מעלאנכאלישע יוגענד, א שטרענגען פאטער, און האט זעהר פריה געליטען ערנידערונג. איהר אידישע אפשטאמונג איז געווען פאר איהר די אורזאכע פון פיעל אומגליק—עס האט באמת גאר ניט געפאסט פאר איהר דאס אזוי אויפצופאסען; זי האט עס אנגערופען א שווערד וואס איז אריינגעשטאכען געווארען אין איהר הארצען אין דער רגע, ווען זי איז געבוירען געווארן. קיין איין פאדיט פון איהר גאנצער נאטור האט זי ניט פארבונדען מיט דער רעליגיעזע געזעלשאפט צו וועלכע זי האט געהערט לויט איהר געבורט. די עראינערונגען פון פאנאטיזם, און פון דער פאנאטישער פיינד־

שאַפט וואָס מען האָט אַרויסגעוויזען צו איהר איז נאָך געווען פּריש. נאָך אין 1756 האָט די אידישע געמיינדע אין בערלין אויס־געוויזען אַ קינד פון דער שטאָדט, דערפאַר וואָס עס האָט אַוועק־געטראָגען אַ בוך צו אַ קריסט. פון דער אַנדער זייט האָט אַפילו משה מענדעלזאָהן זיך ניט געקענט וויזען אין גאַס מיט זיינע קינדער און מען זאָל אויף זיי ניט וואַרפען קיין שטיינער.

מיט דער גאַנצער מאַכט פון זיין אינטעלעקט און ווילען, האָט ראהעל'ס פאָטער געזוכט בייצוקומען די אונאַבהענגיגקייט פון דעם קראַנקען קינד'ס כאַראַקטער, און בלויז איהר אויסערגעוועהנליכע עלאַסטיציטעט און שטאַרקייט פון גייסט האָט איהר ערלויבט איינ־צוהאַלטען איהר אָריגינאַליטעט. ווען זי איז נאָך געווען יונג, האָט זי געפיהלט אַז זי האָט שוין געליטען אַזוי פיעל דאָס קיין זאַך איז אין איהר ניט איבערגעלאָזען געוואָרען צו בויגען אָדער צו ברעכען.

ס'איז געווען אונפאַרמיידליך דאָס אַ פרוי מיט אַזאַ ליידענ־שאַפטליכען כאַראַקטער, זאָל ליעבען ליידענשאַפטליך און זאָל ליי־דען יסורים דורך איהר ליעבע. און זי האָט ניט אויסגעמידען איהר שיקזאַל. צוויי מאָל, ווען זי האָט געליעבט זעהר היים, האָט זי געפיהלט ווי מען וואָלט איהר געשטאָכען מיט אַ מערדער'ס אַ מע־סער און איהר איבערגעלאָזען צו לעבען מיט דעם מעסער אין איהר וואונד.

אין דער עלטער פון פיער־און־צוואַנציג יאָהר, האָט זי זיך שטאַרק צוגעבונדען צו דעם גראַף קאַרל פאָן פינקענשטיין, דער זוהן פון אַ פרייסישען מיניסטער, אַ מאַן פיעל יונגער פון איהר. זיי זיינען פאַרלאָבט געוואָרען און ראהעל האָט איינינע יאָהר גע־לעבט בלויז פאַר איהר ליעבע. פינקענשטיין איז געווען אַ גוטער מאַן, שטאַרק פאַרליעבט, און ערנסט איהר איבערגעבען, נאָר מיט אַ שוואַכען כאַראַקטער. ער האָט איהר דערצעהלט, וואָס ער האָט אויסצושטעהן פון זיין פאַמיליע, ווען עס האָט רע־וואָלטירט געגען זיין פאַרבינדונג מיט אַ פערזאָן פון אַ ניעדריגערן שטאַנד, און וועלכע האָט געזוכט אויף איהם צו ווירקען ער זאָל איהר אויפגעבען. ראהעל'ס שטאָלץ איז טיעף פאַרוואונדעט גע־וואָרען און זי האָט איהם צוריקגעגעבען זיין וואָרט. זייענדיג סיי

אין כאַראַקטער און סיי אין אינטעלעקט פיעל העכער פון איהם, האָט זי זעהר גרינג געקענט בייקומען זיינע פאָראורטיילען, אויב זי וואָלט נאָר עס געוואָלט טאָן. נאָ ראַנשטאָט דעם האָט זי איהם באַלד פריי געלאָזען, און ער איז געווען גענוג שוועכליננ, אָבוואָהל ער איז געווען צו איהר צוגעבונדען, צו צונעהמען די פרייהייט וואָס זי האָט איהם פאָרגעשלאָגען. זי האָט קיינמאָל ניט פאַרגעסען איהר ערשטע גרויסע ערנידערונג.

דריי יאָהר זיינען אַריבער, און זי איז ווידער געוואָרען פאַר־ליעבט, דיזען מאָל לײדענשאַפטליך, מיט איהר גאַנצער נשמה און געפיהלען, און איהר ליעבע איז איהר אָפגעענטפערט געוואָרען. איהר צווייטע פערלאָבונג איז געווען מיט דאָן ראַפאַעל אורקיו־איזשאַ, אַן אויסגעוועהנליך אַנציהענדער יונגער אַטאַשע פון דער ספּאַנישער געזאַנדשאַפט אין בערלין. די פערלאָבונג האָט גע־דויערט אַ יאָהר. זיי זיינען לײדענשאַפטליך געווען צוגעבונדען איינער צום צווייטען, נאָר זייערע כאַראַקטערע זיינען געווען פאַר־שיידען, ער איז געווען ענטשיעדען נידעריגער פון איהר. ער האָט איהר געמאַטערט און באַליידיגט מיט זיין אייפערזוכט אַזוי ווייט, אַז אום אָנצוהאַלטען איהר זעלבסט־ווירדע האָט זי זיך געשיידען פון איהם; זי האָט עס אָבער געטאָן מיט אַ געפיהל פון אַ צו־דריקענדע, ווילד־מאַכענדע פאַרצווייפלונג, אַ געפיהל פון איינזאַמ־קייט, אַ געפיהל פון ווערען איבערגעלאָזען צו דער קעלט פון דרוי־סען אַהן שוץ, אַהן וועלכען זי מיט איהר פרויען־האַרץ האָט ניט געקענט אויסקומען.

נאָך דעם ווי פינקענשטיין האָט איהר פאַרלאָזען, האָט מען פאָרגעשלאָגען, אַז זיי זאָלען מאַכען „אַ געזעצליכע חתונה“. איהר ענטפער איז געווען: „איך קען ניט חתונה האָבען, וואָרום איך קען ניט זאָגען ליגען. שטעל זיך ניט פאָר אַז איך בין צו שטאָלץ פאַר דעם; איך קען דאָס ניט טאָן אַקוראַט ווי איך קען ניט שפּיעלען אויף דער פליוט... ער טאָר ניט האָבען קיין פאָר־אורטיילען, אַנדערש וועל איך ניט קענען אויסהאַלטען... און ער טאָר ניט זיין נאַריש און צווינגען מיר צו זאָגען ליגען און פּרע־טענדירען אַז איך פאָרגעטער איהם. איך וויל זיין אימשטאַנד צו זאָגען אַלעס וואָס איך וויל“.

אַ לאַנגע צייט זיינען די פאַרלאַנגען פון איהר הארץ ניט געווען פאָלשטענדיג באַפריעדיגט, און זי האָט זיך איבערגעגעבען מיט וואָרימקייט צו אינטעלעקטועלער ארבייט. עס איז געווען אַ גרויסע שטערונג פאַר איהר וואָס זי האָט ערוואַרבען אַזוי ווינציג וויסענשאַפט. זי אַליין האָט גערעדט וועגען איהר גרוים אונוויסענהייט. זי איז געווען, זעלבסטפערשטענדליך זעהר ווייט פון צו זיין אומוויסענד, נאָר דאָס איז זיכער, זי האָט קיין מאָל ניט ערוואַרבען קיין אמת'ן בעגריף וועגען דעם, וואָס וויסענשאַפט בעדייטעט, און האָט קיינמאָל ניט געטראַכט קיין וויסענשאַפטליכען געדאַנק.

זי האָט פון דער אידישער דאָגמאַ געוואוסט פונקט אַזוי ווינציג ווי פון געשיכטע אָדער געאָגראַפיע. זי דערצעהלט, אַז זי איז אויפגעוואַקסען ווי אַ בוים אין וואַלד און עס איז געווען אונמעגליך פאַר איהר צו לערנען רעליגיאָן ווי וועלכע אַנדערע זאַך. אַזוי האָט זי זיך געשאַפען אַן אייגענע רעליגיאָן, און ווי קאַרל היללעבראַנד באַמערקט ריכטיג, האָט זי פיעל עהנליכקייט צו שאָפּענהויער'ס לעהרע; איהרע געדאַנקען פון אַ ווילען אין דער נאַטור, פון אונגליק אין דער וועלט, פון רחמנות אלס דער איינציגער קוואַל פון מאָראַליטעט, זיינען עהנליך צו זיינע. זי איז געווען אַ גרויסע פאַרעהרערין און שעצערין פון אַנגעלוס סילעזיאוס און סעינט-מאַרטין; ווי געטהע, איז זי געווען אַ הייסע פּאַנטהעאיסטקע. זי קאָפּירט דעם דייטשען מיסטיקער'ס שורות.

„אַלע טוגענדען זיינען איין טוגענד.
שאַ, אַלע טוגענדען זיינען אָהן אונטערשייד.
ווילסט דו דען נאָמען הערען? זי הייסט גערעכטיגקייט".

און אונטער דיזע שורות שרייבט זי:

„ווייל זי איז אמת. איינפאַכהייט, אונפּאַרטייליכקייט, זעלבסטלאָזיגקייט, אויסטיילונג פיר אַלע".

זי האָט געזעהן יעדער זאַך אין איהר איינהייט און גאַנצקייט. זי האָט געהאַט עטוואָס פון דער דאָרפישער פּריסטערין אין איהר נאַטור. עס איז אַ שאַד וואָס איהרע ווערטער, אַבגעזונדערט פון איהר פערזענליכקייט, אַזוי ווי מיר האָבען זיי, זיינען אָפט דונקעלע, נביאות'דיגע אויסשפּרוכען.

זי איז געווען, דערצעהלט קאַרל היללעבראַנד, פול מיט פּאַרטעי־

בונג צו די שולדיגע, מיט סימפּאַטיע צו די בעליידיגטע און נידע־ריגע, מיט רחמנות צו די אָרימע; די איינציגע זאַך וואָס זי האָט פעראַכטעט איז די קאָרעקטע מיטעלמעסיגקייט, און איהר פאַר־אַכטונג האָט זי געוויזען אָפען, אַפילו ווען זי האָט זיך דורך דעם געמאַכט שונאים.

די צייט איז געגאַנגען און זי איז אויסגעוואַקסען אַן אַלטע מויד; נאָר די יאָהרען האָבען קיין ענדערונג ניט געמאַכט אין איהר אויסזעהן און ניט קלענער געמאַכט איהר וואונדערבאַרע קראַפט. אין פאַרלויף פון צעהן יאָהר האָט זי אָנגעפיהרט אַ צאַר־טע קאָרעספּאָנדענץ . מיט איהר צוקונפטיגען מאַן וואַרנהאַגען פאָן ענזע. ער איז געווען מיט פערצעהן יאָהר יונגער פון איהר. צוערשט איז ער געווען אַ בראַווער אָפיצער, שפּעטער אַ קלוגער דיפּלאָמאַט, און צום לעצט ז אויסגעצייכענטער אַגרעסיווער שרייבער; ער האָט זיך פריהער געמוזט אויסצייכענען אין קריעג און פריעדען איידער ער האָט געקענט ערשיינען אַלס איהר חתן און מען זאָל איהם ניט אינגאַנצען פאַרזעהן. זי האָט איהם געהייראַט, ווען זי איז אַלט געווען צוויי־און־פערציג יאָהר, און האָט געהאַט אַ פאָל־שטענדיג גליקליכען לעבען פאַר אַ צייט פון נייַנצעהן יאָהר.

ראהעל האָט זיך ערוואָרבען איהר ליטעראַרישע אויסצייכנונג דורך דעם פאַקט, וואָס זי איז געווען די ערשטע אין די ליטעראַ־רישע קרייזען פון בערלין צו באַגרייפען און פּראָקלאַמירען געטהע'ס אמת'ע גרויסקייט. אַ לאַנגע צייט איידער מען איז געקומען צו אַ באַשטימטען שלום איבער דער וויכטיגער פראַגע אין דער דייטשער קולטור, האָט ראהעל, פאָלשטענדיג איבערצייגט אין דער גרויסקייט פון געטהע'ס געניע, פאָלשטענדיג אונטער דעם איינדרוק פון זיין קראַפט, פּראָקלאַמירט צו אַלעמען מיט וועמען זי איז געקומען אין באַריהרונג, אַז דעם דאָזיגען מאַן קען מען ני טפאַרגלייכען מיט אַנדערע מענער; אַז ער שטעהט איינער אַליין — דער ערהאַבענ־סטער אינטעלעקט, דער קליגסטער בעל־עצה און שופט אין אַלע זאַכען פון דעם לעבען. דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען געטהע, אַלס שרייבער, איז געווען בלויז איינער פון עולם, און ווען אַנדערע זיינען באַטראַכט געוואָרען פיעל העכער פון איהם. אַ לאַנגע צייט איידער די קריטיק פון די ברידער שלעגעל האָבען פעסטגעשטעלט

זיין פּאָזיציע אויסער יעדען צווייפעל, האָט ראהעל אריינגעפיהרט דעם קולט פון דעם גרויסען, ניט באַגריפענעם, און פאַלש־פאַרשטאַנענעם זשעניע אין איהר קרייז פון בערלין, האָט איבעראַל פּראָקלאַמירט די שבחים פון זיין אַלץ־באַלייכטענדען וואָרט, און ערקלערט זיין נאָמען אַלס אַ היילינגען.

אין דעם יאָהר 1795, ווען זי איז נאָך אַלט געווען פיער־און־צוואַנציג יאָהר, האָט זי געהאַט דעם גליק צו באַגעגענען איהם אין טעפּליץ. מיר געפינען אויס פון אַ בריעף פון דוד וויט צו ראהעל, וואָס געטהע האָט געזאָגט וועגען איהר: „יאָ, זי איז איצט אַ מיידעל פון אַ וואונדערבאַרען אינטעלעקט, אַ מיידעל, וועלכע דענקט שטענדיג — און וואָס אַנבעלאַנגט פיהלען — וואו קען מען נאָך געפינען איהר גלייכען? מיר זיינען שטענדיג געווען צוזאַמען, און מיר זיינען געווען אין די פריינדליכסטע, אינטימסטע באַציהונגען“. צו פראַנץ האָרן, האָט געטהע געזאָגט: „זי איז אַ מיידעל מיט אַ ליעבענד האַרץ; זי פיהלט אַלעס זעהר שטאַרק און דאָך דריקט זי זיך אויס זעהר איידעל — מיר פאַרגעטער׳ן איהר אָריגינאַליטעט און זיינען פאַר־כשופ׳ט פון איהר פריינדליכקייט...“

ווען מען האָט עס דערצעהלט ראהעל, האָט זי געשריבען:

„ווי אַזוי קען ער וויסען, אַז איך האָב געפיהלען? קיינמאָל אין מיין לעבען איז מיר אַזוי שווער ניט געווען צו ווייזען זיך אַזוי ווי איך בין. נאָר פאַרוואָס זאָל איך אַזוי שרייבען? — ער איז געטהע און וואָס ער פיהלט און זאָגט איז אמת. איך גלויב וואָס ער זאָגט מיר... ווען דו וועסט איהם זעהען, האָרן, גיב איהם אָפּ אַ גערוס פון איינער, וואָס האָט איהם שטענדיג פאַרגעטערט, זיך צו איהם געבוקט, אפילו ווען קיין אַנדערער האָט איהם ניט געגלויבט, פאַרשטאַנען און געשעצט. און אויב ער וואונדערט זיך, וואָס אַ געלאַסענע יונגע פרוי שיקט איהם אַזאַ גערוס, גיב איהם צו פאַרשטעהן, אַז איהר גרויס עהרעפורכט פאַר איהם האַלט איהר צוריק, זי זאָל איהם דערצעהלען ווי זי פאַרגעטערט איהם. דערצעהל איהם, אַז דאָס איז ניט קיין אַנשטעל, נאָר אַן אמת צאַרט געפיהל. ס׳איז ניט מיין שולד ווען אַנדערע מאַכען אַן אַנשטעל פון דעם, וואָס אין מיין פאַל איז אַ סעריאָזנער ערנסט. בין איך גערעכט? — יאָ, יאָ! איך פאַרגעטער איהם.

מעהרער פון דעם האָט ניט פּאַסירט; עס איז ניט געמאַכט געוואָרען קיין מינדסטער פּאַרזוך פון ראהעל אַנצוהאַלטען איהר בעקאַנטשאַפט מיט געטהע דורך קאָרעספּאָנדענץ אָדער דורך אַנ־דערע מיטלען. זי דערמאָנט קיינמאָל ניט זיין פּערזאָן נאָר אין גאונות. צוואַנציג יאָהר זיינען אַריבער און זי האָט איהם ניט גע־זעהן. אין 1811 האָט וואַרנהאַגען געשיקט צו געטהע אַן אָבשעצונג פון זיין פּאָעזיע געשריבע׳ן פון ראהעל. געטהע איז שטאַרק אי־בערראַשט געוואָרען פון דעם, האָט ערקלערט אַז דער שרייבער האָט אַ וואונדערבאַרען טאַלאַנט צו פאַרשטעהן, באַגרייפען, פאַר־בינדען, העלפען און פאַרענדיגען; נאָר ער האָט קיינמאָל זיך ניט דערוואוסט — ראהעל האָט פאַרבאָטען וואַרנהאַגען צו דערצעהלען— ווער דער אויטאָר איז געווען. אין 1815, נעבען פראַנקפורט, האָט ראהעל ווידער געזעהן געטהע׳ן. ס׳איז דאָ עטוואָס ריהרענדעס אין דעם באַגעגענען זיך. געטהע איז שוין איצט אַלט זעקס־און־זעכציג יאָהר. ער האָט באַזוכט זיין פריינד, מאַריאַנע פאָן וויל־לעמער (דער סולעיקא פון „דיוואַן") אין וויללמער׳ס דאַטשע, „די לערבערמילע". ראהעל, וועלכע האָט זיך געפונען אין פראַנקפורט, האָט צופעליגערווייזע דערזעהן געטהע׳ן פאָהרענדיג מיט זיינע באַלעבאַטים, און איהר פרעהליכער איבעראַשונג האָט זי אויס־גערופען: „דאָרטען איז דאָך געטהע!"

צוואַנציג יאָהר, ווי מיר האָבען דערמאָנט, זיינען אַריבער. ס׳איז געווען אַ פּערטעל נאָך ניין אין דער פריה, דעם 8טען סעפּ־טעמבער. ראהעל, וועלכע האָט געליטען פון איהרע אויגען, איז אויפגעשטאַנען שפּעטער ווי געוויינליך, און איז געשטאַנען האַלב אָנגעטאָן, וואַשענדיג איהרע ציין, ווען דער בעל־הבית איז אַריינ־געגאַנגען און איהר געזאָגט, אַז אַ מאַן וויל זי זעהן. איהר דיענסט האָט איהר געגעבען זיין קאַרטע. דאָס איז געווען געטהע. און אויס ריינעם רעספּעקט, ער זאָל ניט דאַרפען וואַרטען, האָט זי ניט גענומען די צייט זיך צו אָנטאָן ווי געהעריג, זי זאָל אויסזעהן ווי עס דאַרף צו זיין: „איך האָב זיי געהייסען, זיי זאָלען איהם אַריינפיהרען אין דעם וואַרט־צימער, און איך האָב איהם געלאָזען וואַרטען בלויז די צייט וואָס מיר האָט גענומען צו אָנטאָן אַן אונטעררעק. עס איז געווען אַ שוואַרצער אויסגעשטעפּטער אונטער־

ראַק. איך האָב זיך מקריב געווען אום ניט צו לאָזען איהם ווארטען א מינוט. דאָס איז געווען מיין איינציגער געדאַנק. איך האָב אפילו ניט געבעטען ענטשולדיגונג פאר מיין אויסזעהן; איך האָב גאר ניט געטאָן נאָר איהם געדאַנקט. איך האָב זיך ניט ענט־שולדיגט, ווארום מיר האָט זיך געדוכט אז ער דארף וויסען אז איך האָב אַן זיך פארגעסען, און נאָר וועגען א י ה ם געטראַכט. דאָס איז געווען — ליידער — דער ערשטער איינפלוס פון מיין הארצען. יעצט אין די ליידענשאַפטליכסטע, קאַמישסטע, און לייד־דענדע געוויסענביסע דענק איך אנדערש".

דאָס געפיהל דאָס זי איז געווען אונפאַסיג און ניט שעהן אנ־געטאָן האָט איהר נידערשלאָגען; זי זאָגט גאַרניט אז דאָס איז איהר געווען ווירדיג נאָך אזוי פיעל יאָהרען פון ליעבע צו איהם, פון לעבען אין איהם, פון בענקען נאָך איהם, האָט זי איהם געזעהן איין מאָל און ניט מעהר ווי איין מאָל, פריוואַט עטליכע מינוטען, און אַט ווי עס האָט פאַסירט. „נאָר דו מוזט הערען ביז צום ענדע, ווי נאַריש איך בין געווען", שרייבט זי צו ווארנהאַגען. „ווען ער איז אוועקגעגאַנגען האָב איך זיך אנגעטאָן זעהר פארזיכטיג און שעהן. איך האָב געוואָלט פאַררייכטען אַלעס. איך האָב אנגעטאָן א ליעבליך ווייס קלייד מיט א הויכען קראַגען, א קרוזשעווען שלייער, מיין מאַסקווער שאַל... יעצט קען איך זאָגען ווי פרינץ לואיס האָט געשריבען: „מיין ווערטה האָט געשטיגען צעהן טויזענד טאַלער. געטהע האָט מיך בעזוכט".

ראהעל, נאָך צוואַנציג יאָהר פון ווארטען, נאָך א פערגעטערונג, וואָס האָט געדויערט דעם גאַנצען לעבען, האָט אויפגענומען געטהע'ן אין א געוועבטען אונטערראָק, איידער צו לאָזען איהם ווארטען צעהן מינוטען—דאָס וועט יעדער איינער צוגעבען איז דער העכסטער אויסדרוק פון פרויען־העלדישקייט. נאָך דעם דורכלעזען פון פיעלע ביכער פון ראהעל ליטעראַטור, פאַרבלייבט דיזע סצענע אין יעדען איינעמס געדאַנק, אַלס דייטליך כאַראַקטעריסטיש פון איהר. עס גיט א בעגריף וועגען דער גרויסקייט פון איהר פארגעטערונג, איהר פארשטענדעניש און איהר פעהיגקייט צו בייקומען אפילו די בע־רעכטיגסטע גאווה פון איהר געשלעכט.

עס איז צו באַדויערען, וואָס א פערזאָן מיט אזוינע זעלטענע

פעהיגקייטען זאָל אינגאַנצען ניט פאַרמאָגען קיין טאַלאַנט, קיין שעפּפערישע, פּלאַסטישע קראַפט. איהרע אָריגינעלע, טיעפע געדאַנקען זיינען צואוואָרפען, אַלס ריינע בעאָבאַכטונגען, אין איהרע פּריוואַטע בריעף און פאַרצייכנונגען, וועלכע ענטהאַלטען אַ און פאַר זיך ווינציג אינטערעס פאַר אונזער צייט. מעגליך, אַז קיינער, אויסער די באַגייסטערטע אַנהענגער פון די פרויען־רעכטע־טעאָריעס קען ניט לעזען פיעל פון זיי אויף איין מאָל.

איהר נאַטור איז ניט געוועזען קיין אַרטיסטישע. איהר עסענץ איז געוועזען דער אמת. זי אַליין זאָגט: „אין דעם גרויסען אוניווערסאַלען עלענד פון דער וועלט, האָב איך זיך מנדר געוועזען צו איין גאָט, — דעם אמת; און יעדעם מאָל ווען איך בין געדעטעט געוואָרען איז דאָס געוועזען דורך איהם“. זי איז געווען אַ פעסטע, צופערלעסיגע פריינדין, אפילו ווען זי האָט ריזיקירט צו פאַרלירען אין די אויגען פון אַנדערע, האָט זי אָפען ניט געשעמט זיך מודה געווען, ווען דער געפיהל פון פריינדשאַפט האָט אויפגעהערט ביי איהר. שטאַרק פאַרבונדען מיט איהר וואהרהאַפטקייט איז געוועזען איהר איינפאַכקייט; זי האָט קיינמאָל ניט פרעטענדירט, אַז זי שטעהט העכער פון אַלטעגליכע שוואַכקייטען, קיין סוד געמאַכט פון איהר ליעבע צו זיסע זאַכען און איהר טיעפען אינטערעס אין די לעצטע פאַריזער מאָדעס. און זי האָט געהאַט דעם גליק צו פיהלען, וואָס זי האָט פאַרדינט צו פיהלען, אַ ניט געשטערטע אינערליכע האַרמאָניע, טיילווייז געבאָרען, טיילווייז ערוואָרבען, אַ פאָלשטענדיגע איינשטימונג פון איהר גייסטיגען לעבען מיט איהרע איבערצייגונגען. דאָס איז עס געוועזען וואָס האָט איהר געגעבען אַ גרויסען און בערעכטיגטען זעלבסטצוטרויען. „פעדאַנטיזם קען ניט עקזיסטירען דרייסיג מייל פון דעם אָרט וואו איך געפין זיך“, פלעגט זי זאָגען.

מיר האָבען געזעהן ווי גרויס איהר מאָראַלישע טאָלעראַנץ איז געוועזען; אין אינטעלעקטועלע זאַכען איז זי געוועזען פונקט אַזוי געדולדיג. זי האָט קיינמאָל ניט געפאָדערט קיין מאָראַלישע ריינקייט אָדער אויסגעצייכנטע פעהיגקייטען פון די וועלכע זי האָט געשעצט; וואָס זי האָט געפאָדערט איז ערנסטקייט. זי איז געוועזען איינע אַליין אין איהר שאַרפען דערקענען און אָבשעצען פון יעדער זאַך, וואָס

איז געווען נאַטירליך און אָריגינעל, ווי ניט באַהאַלטען און עניות־דיג; און זי אַליין, ניט קוקענדיג אויף איהר זוכענדען אינטעלעקט, איז געווען נאַאיוו און פריש אין איהרע איינדריקען און פלעגט זיך אויסדריקען ווי אַ בעגאַבטע קינד.

ווען זי האָט דערגרייכט די העכסטע שטופע פון איהר רעפּוּ־טאַציע איז זי געווען געצוואונגען צו מאַכען שוועריגקייטען פאַר די וועלכע האָבען געוואָלט צוקומען צו איהר, צו אַרומרינגלען זיך מיט אַלע סאָרטען פון סאָציאַלע באַריקאַדען און צו זיין פריי אויס־צוקלייבען איהרע פריינד. זי פלעגט שטענדיג אויסקלייבען מענ־שען מיט באַשטימטע אָריגינעלע כאַראַקטערם.

איינער פון איהרע נאָהענטע פריינד, גראַף טילי, שרייבט צו איהר: „איך האָב אַ טויזענד איידעלע בעגריסונגען אייך צו גע־בען, איידער איך וועל ענדיגען. איין מענש פאַרגעטערט אייך; אַ צווייטער איז אייך איבערגעבען; אַ דריטער איז פאַרוואונ־דערט פון אייערע קלוגע ווערטער: אַ פערטער באַדויערט וואָס ער דאַרף זיך זעגענען מיט אייך; און אַפּילו ווען ס'איז ניט מעהר ווי אַ בריעף מוז מען דאָך אַמאָל ענדיגען. דאָס בין איך אַליין וועלכער איז די אַלע פאַרשיידענע פּערזאָנען".

דיזע אַנגענעהמע רייד גיבען אַ בעגריף וועגען די פאַרשיידענע איינדריקען וואָס זי פלעגט מאַכען.

ראַהעל פלעגט אָפט טראַכטען וועגען דעם געגענשטאַנד פון אָריגינאַליטעט. זי שרייבט: „אויב אַ פּערזאָן זאָל זאָגען: דו שטעלסט זי דפאָר, אַז עס איז לייכט צו זיין אָריגינעל? ניין, עס קאָסט אָהן אַ צאָהל זאָרג און אָנשטרענגונג — וואָלט מען איהם געהאַלטען פאַר אַ משוגע'נעם. פונדעסטוועגען וואָלט ער געווען גערעכט. יעדער איינער האָט געקענט זיין אָריגינעל, ווען מענשען וואָלטען ניט אונפאָרזיכטיגערהייט אָנגעשטאָפּט זייערע קעפּ מיט שלעכט־פאַרדייעטע אַקסיאָמען, וועלכע זיי גיבען אַרויס פונקט אַזוי אונפאָרזיכטיג".

עס זיינען געווען באַוואוסטע און אינטערעסאַנטע פרויען אין דער דייטשער אינטעלעקטועלער געזעלשאַפט פאַר ראַהעלן. די לעצטע זיינען געווען קאַראָלינאַ, דאָראָטהעאַ, און די אַנדערע וועלכע זיינען באַריהמט געוואָרען דורך די ראָמאַנטיקער. ראַהעל

איז די ערשטע גרויסע מאָדערנע דייטשע פרוי, און די ערשטע, וועלכע איז געווען פאַלשטענדיג באַוואוסטזיניג פון איהר אָריגינאַליטעט.

דאס אנהאַלטען פון אָריגינאַליטעט אין איהר צייט איז ניט געווען אהן סכנה. איך מיין ניט די סכנה פון מאַכען אַן אַנשטעל. אין אַלע צייטען האַבען זיך געפונען פּערזאַנען וועלכע האָבען זיך פאַרגעשטעלט, אַז זיי זיינען אָריגינעל ווען זיי עסען סוף מיט זייערע שיך. נאָר די שטענדיגע זעלבסט־פאַרשונג און זעלבסט־עקזאַמינירונג וואָס איז געווען פאַרשפּרייט אין ראהעל׳ס צייטען האָט געשאַפען אַ געפעהרליכע טענדענץ צו צושרייבען אייגענטימליכקייט צו געוועהנליכע געפיהלען און איינדריקען, אַ מעגליכקייט צו ווערען ניט אַנגעשטעלטערהייט אוננאַטירליך, ווי די שעהנע הענריעטע הערץ און פיעלע פון איהרע פריינד, וועמענס אויסגיסונגען האָבען אַ טעם פון נאַפט און טינט. די פייערדיגע סימנים פון אָריגינאַליטעט זיינען עטוואָס אינגאַנצען אַנדערש.

דאס קען מען געפינען אין בעטינאַ׳ס „געטהע׳ס קאָרעספּאָנדענץ מיט אַ קינד“. בעטינאַ׳ס בריעף זיינען געשריבען אין פייערדיגע ווערטער, און „זינגענדע פלאַמען“ פון ליידענשאַפט.

בעטינא פאָן ארנים, אַ שוועסטער פון קלעמענס ברענטאַנאָ, די פרוי פון אכים פאָן ארנים, דורך איהר פאַמיליע און הייראַטהען פאַרבונדען מיט די ראָמאַנטיקער, האָט פונדעסטוועגען בעלאַנגט אַלס אַ שרייבערין צו דער יונגער דייטשער שולע. ראהעל האָט פאַרגעטערט און זיך געבוקט צו געטהע׳ן שרעקענדיג, מיט אַ קלאַפּענדען הארץ, מיט אַ שטילער, ווירדיגער ערנסטקייט. בעטינאַ׳ס פאַרגעטערונג האָט זיך אַרויסגעוויזען אין אַן אינסינואירענדער, האַלב־תאוה׳דיגער, האַלב־אינטעלעקטועלער איבערגעבענהייט, אַ מין קלעפּיגען אַנהאַלטען זיך, אינ׳ם צושפּיעלען זיך פונ׳ם ווילדעסטען ענטוזיאַזם.

ווען אין יאהר 1807, האָט זי אַלס געבוירענע פון דער זעלבער שטאָדט, זיך באַקענט מיט געטהע׳ן דורך זיין מוטער, איז זי געווען אַרום דריי־און־צוואַנציג יאהר אַלט; נאָר אין איהר פאַרהאַלטען זיך איז זי נאָך געווען אַ קינד, ריכטיגער, אַ באַשעפעניש האַלב־וועג צווישען קינד און פרוי. זי איז געקומען קיין ווייטאַר,

פאַרזאָרגט מיט אַ ניט־נויטיגען בריעף פון ווילאנד, זי שטרעקט אויס איהרע ביידע הענט צו געטהע׳ן ווי נאָר זי דערזעהט איהם און פאַרגעסט זיך אינגאַנצען. ער פיהרט זי צום דיוואַן, זעצט זיך נעבען איהר, הויבט אָן צו ריידען וועגען דער גרעפין אַמאַליע׳ס טוידט, פרעגט איהר אויב זי האָט פון דעם געלעזען אין די צייטונגען. „איך לעז ניט קיין צייטונגען“, ענטפערט זי. „איז דאָס אמת? איך האָב געמיינט, אַז איהר אינטערעסירט זיך מיט אַלץ וואָס עס קומט פאָר אין ווייסאר“. „ניין, איך בין נאָר פאַר־אינטערעסירט אין אייך און איך האָב ניט קיין געדולד צו לעזען צייטונגען“. „איהר זייט אַ גוט, פריינדליך מיידעל“. אַ לאַנגע פויזע. זי שפּרינגט אויף פון דיוואַן און וואַרפט זיך אַרויף מיט איהרע אַרימס אַרום זיין האַלז.

דיזער קליינער אינצידענט איז גענוג צו ווייזען דעם אונטער־שייד פון איהר פאַרהאַלטונג צו געטהע׳ן און ראַהעל׳ס. זינט איהרע קינדער־יאָהרען האָט זי זיך אויסגעצייכענט מיט אַ יוגענדליכער דרייסטקייט, וועלכע מען טרעפט אָפטער ביי אינגלאַך ווי ביי מייד־לאַך. אין מאַרבורג ווייזט מען נאָך יעצט אויף אַ טויער אויף וועמענס שפּיץ זי פלעגט אַרויפקריכען, אַרויפשלעפּען דעם לייטער נאָך זיך אום זי זאָל קענען פאַרבלייבען אַליין. צוזאַמען מיט דער געשיקטקייט פון אַ יונגען אַקראָבאַט, האָט זי געהאַט עטוואָס פון מיגנאָנ׳ס קינדערשע, אונשולדיגע איבערגעבענהייט. זי איז געווען מיגנאָן איןווירקליכען לעבען, אַזוי ליבעסווירדיג, נאָר פיעל וויני־ציגער ערנסט.

ווען אין 1835 איז איהר „געטהע׳ס בריפוועקסעל מיט איינעם קינדע“ ערשינען, איז בעטינאַ געווען אַלט פופציג יאָהר. אַרנים איז געשטאָרבען אין יאָהר 1831, געטהע אין 1832. זי האָט צוריק־געקראָגען איהרע בריעף, וואָס זי האָט געשריבען צו געטהע׳ן צווי־שען 1808 און 1811, ווען זייער קאָרעספּאָנדענץ האָט אויפגעהערט דורך אַ באַליידיגונג פון איהר זייט צו פרוי געטהע, און האָט זיך גענומען פיעל מעהר פרייהייט מיט איהרע בריעף ווי געטהע אין „דיכטונג און וואַרהייט“ מיט זיינע ערפאַהרונגען אין זיין פערגאַנגענעם לעבען. זי האָט דערצעהלט ניט נאָר אַלעס וואָס זי

האט געקלערט, אז זי האט געדארפט פיהלען; זי האט געגעבען זייער פארקעהר א פיעל מעהר ליידענשאפטליכען קאליר ווי עס איז איהם געקומען, און דאך איז זי געווען עהרליך אין טיעפּ־סטען זין. די בריעף זיינען פריהער אנגענומען געווארען אלס אמת׳ע. נאר א שטארקער פערדאכט איז ערוועקט געווארען דורך דעם פאקט, וואס בעטינא האט פארעפענטליכט פאעמעס, וועלכע זיינען אהן צווייפעל געווען אדרעסירט צו אנדערע פרויען, אלס זייענדיג געווידמעט צו איהר; און עס איז געקומען א צייט ווען איהרע בריעף האבען פארלארען זייער גאנצען ווערטה אלס היס־טארישע דאקומענטען, און מען האט זיי איבעראל באטראכט אלס אויסגעטראכטע. אין 1879 האט אבער לאפער פארעפענטליכט די אמת׳ע בריעף וואס געטהע האט געשריבען צו בעטינא. זי האט שוין זיי כמעט גארניט געענדערט. „עטליכע באגריסונגען זיינען אויסגעלאזען געווארען און „איהר“ איז פארביטען געווארען אויף „דו“. בלויז אי איין בריעף האט ער איהר אדרעסירט אויף „דו“ — נאר דער איינציגער בריעף איז געווען געשריבען מיט זיין אייגענער האנד, ניט דיקטירט, אזוי אז בעטינא׳ס ענדערונג איז ניט געווען אינגאנצען אונבארעכטיגט. בעטינא איז געווען גענוג איינגעבילדעט צו דיינקען, אז די פאעמען וועלכע זיינען אדרעסירט געווארען צו מינא הערצליעב אפילו די וועלכע האבען געהאט צו טאן מיט דעם נאמען הערצליעב, און וועלכע זי האט דעריבער ניט געקאנט פארשטעהן) און צו מאריאנא פאן ווילעמער, זיינען געמיינט געווארען פאר איהר. דאס איז געווען א נארישער טעות, נאר אזא וועלכען מען קען ענטשולדיגען. מען קען איהר אבער ניט ענטשולדיגען דערפאר וואס זי האט איבערזעצט די פאעמען אין פראזע. און זיי צוגעגעבען צו איהרע פריהערדיגע בריעף, מאַ־בענדיג דעם איינדרוק, אז געטהע האט איבערזעצט איהרע געדאנ־קען און געפיהלען אין גראמען.

וואס זי דערצעהלט פון איהרע באציהונגען מיט געטהע׳ס מו־טער, וועגען איהר שטארקען חשק אויסצוגעפינען פון זיין מוטער׳ס מויל איינצעלהייטען פון געטהע׳ס קינדהייט, וועלכע זאלען דינען אלס איינלייטונג צו „דיכטונג אונד ווארהייט“, און אויך וואס זי דערצעהלט פון בעטהאווען און די באציהונגען וואס זי האט גע־

האַט מיט איהם אי, אין אַלע וויכטיגע איינצעלהייטען אַן אבסאָ־לוטער אמת.

קיין איינער, מיט אַ געפיהל פון פּאָעטישען ענטוזיאַזם, וועל־כער האַט געלעזען בעטינאַ׳ס בוך אין זיין יוגענד, וועט קיין מאָל ניט פאַרגעסען דעם ערשטען איינדרוק, וואָס ער האַט געקראָגען פון איהר סטיל. דאָרטען איז דאָ אַ לעבהאַפטיגקייט, אַ מונטער־קייט, אַן איידעלע ווילדקייט, אַ ריטמישע קיילעכדיגקייט און פלי־סיגקייט, וועלכע פאַרוואונדערען און פאַרכשופ׳ען. אוועקגעהענדיג פון ראהעל׳ס טונקעלע העראָגליפען, וועלכע דייטען אַן טויזענדער סעקרעטען, נאָר וועלכע מיר פאַרשטעהען זעלטען, וואָרים דער לעבען וועלכער פלעגט זיי פאַרטייטשען איז שוין מעהר ניטאָ, — איז עס אַן ערפרישונג זיך צו באָדען אין דיזען קלאָרען קוואַל פון נאַאיוועט און צאַרטער איבערגעבענהייט. ראהעל איז טיעפער און מעהר רעאַליסטיש, נאָר טאַלאַנט איז אַ וואונדערבאַרע זאַך. דעם פאַרגניגען וואָס ער גיט איז גרויס. מיר קענען און מיר דאַרפען ענטשולדיגען פיעלעס צוליעב איהם.

אין דיזע בריעף איז בעטינאַ פון דריי־און־צוואַנציג ביז פינף־און־צוואַנציג יאָהר אַלט; געטהע פון אַכט־און־פופציג ביז זעכציג. דעריבער איז איהר ליידענשאַפט ניט די געוועהנליכע ליידענשאַפט פון אַ יונגער פרוי צו אַ יונגען מאַן. זי איז אויפגעוואַקסען מיט איהר; זי איז אַ ירושה פון איהר מוטער מאַקסע ברעטאַנאַ, וועלכע האַט טהיילווייז אינספּירירט ווערטהער׳ס שאַרלאָטע. זי ליעבט געטהע׳ס מוטער, ווי אַ יונגע פרוי ליעבט די מוטער פון איהר געליעבטען, דערפאַר וואָס זי האַט איהם געבוירען — „ווען ניט, ווי אַזוי וואָלט איך פון איהם געקענט וויסען? !“

נאָך דער ערשטער אומאַרמונג באַטראַכט זי איהם אַלס איהר אייגענעם. זי שרייבט צו זיין מוטער: „ס׳איז מעגליך צו ער־ווערבען אַזאַ הערשונג איבער אַ מאַן, וועלכע קיינער זאָל ניט קענען בעשטרייטען. דאָס האָב איך געטאָן מיט וואָלפגאַנג׳ן. און דאָס איז וואָס קיינער האָט פריהער נאָך ניט געטאָן, ניט קוקענדיג אויף אַלע ליעבע געשיכטעס וואָס איהר האַט מיר דערצעהלט. ליעבע איז דער שליסעל צו דער וועלט; דורך איהר לערנט זיך

אוים דער גייסט צו פארשטעהן און פיהלען יעדער זאך. ווי אנדערש וואלט מען געקענט לערנען!“

דיזע בריעף זיינען געגליכען געווארען צו שיפען געלאדען מיט רייכע לאדונגען. געטהע איז דער לייכטענדער שטערן אויף זייער גאנצען וועג.

אלע איהרע געדאנקען וועגען איהם זיינען געדאנקען פון ענטוזיאסטישער איבערגעבענהייט. „איך ווינש אז איך זאל זיצען נעבען זיין טיר ווי אן ארים בעטלער־קינד, אזוי אז ער זאל קענען ארויסגעהן און מיר געבען א שטיקעל ברויט. ער וואלט געלעזען אין מיינע אויגען וואס איך בין, וואלט מיך גענומען אין זיינע ארעמס, ארומגעוויקעלט זיין מאנטעל ארום מיר מיך איינצוווארעמען. איך ווייס ער וואלט מיר ניט געהייסען אוועקגעהן; איך וואלט געקראגען אן ארט אין זיין הויז. יאהרען וואלטען אוועקגעגאנגען און קיינער וואלט ניט געוואוסט וואו איך בין נעווען; יאהרען וואלטען אוועקגעגאנגען; איך וואלט געזעהן דאס גאנצע לעבען אבגעשפיגעלט אין זיין געזיכט, און מעהרער וואלט איך ניט געדארפט לערנען.

„לעצטען מאי, ווען איך האב איהם צום ערשטען מאל געזעהן, האט ער אויפגעהויבען א יונג בלאט פון א קלעטערענדע פלאנצונג נעבען זיין פענסטער און האט צוגעליינט צו מיין באק און געזאגט: „וואס איז ווייכער, — דאס בלאט אדער דיין באק?“ איך בין געזעסען אויף א שטוהל נעבען זיינע פים. ווי אפט האב איך געטראכט וועגען דעם בלאט און ווי ער האט א קלאפ געטאן מיין שטערן און מיין געזיכט מיט איהם, און זיך געשפילט מיט מיינע האר און געזאגט: „איך בין א נאאיווער מאן; ס'איז גרינג מיך אפצונארען; קיינער וועט פון דעם ניט ווערען באריהמט“. ס'איז דא ניטא קיין וואונדערבארעס אין דיזע ווערטער, נאר איך האב איבערגעלעבט דיזע סצענע טויזענד מאל אין מיינע געדאנקען און וועל דאס טרינקען מיין גאנצען לעבען, אזוי ווי דאס אויג טרינקט ליכט — ס'איז ניט געווען קיין אינטעלעקטועלער געשפרעך, נאר ביי מיר שטעהט עס העכער פון יעדער חכמה אין דער וועלט“.

ס'איז דא פאעזיע אין דער באגייסטערונג און אין דעם אופן

ווי זי דערצעהלט וועגען זיין שטענדיגען צוזאַמענזיין מיט איהר, וועגען איהר בענקען נאָך איהם, וועגען איהר שטומער אייפערזוכט אויף די באַריהמטע פרויען, ווי מאַדאַם דע סטעל, וועלכע פלעגען קומען זיך באַקענען מיט איהם; ס'איז דאָ פּאָעזיע אין איהר פאַרצווייפלונג צוליעב איהר אונפעהיגקייט צו זיין נוצליך פאַר איהם, און אין איהר קלאָרען פאַרשטענדניש פון איהר אייגענער פעהיגקייט.

„איך מוז דיר דערצעהלען, וואָס איך האָב גע'חלומ'ט וועגען דיר נעכטען ביי דער נאַכט. איך האָב זעהר אָפט דעמזעלבען חלום. איך געה פאַר דיר טאַנצען. איך האָב דעם געפיהל אַז דער טאַנץ וועט זיין אַן ערפאָלג. אַן עולם האָט זיך אַרומגעקליבען אַרום מיר. איך זוך דיך און איך זעה אַז דו זיצט אַליין, גלייך געגען מיר; נאָר דו זעהסט מיך ניט. מיט גאָלדענע שיך אויף מיינע פיס, מיינע שיינענדע זילבערנע אָרעמס הענגענדיג אָהן באַוועגונג אויף מיין זייט, שטעל איך זיך געגען דיר און וואַרט. דו הויבסט אויף דיין קאָפּ און דיינע אויגען ניט־ווילנדיג קוקען אויף מיר; מיט לייכטע טריט הויב איך אָן צו צייכנען כשופ'דיגע רינגען, און דו קוקסט זיך איין אָניף מיר. דו פאָלגסט נאָך אַלע מיינע בויגונגען און ווענדונגען; איך פיהל דעם טריאומף פון ערפאָלג. אַלעס וואָס איך פיהל דונקעל ווייז איך דיר אין מיין טאַנץ; דו וואונדערסט זיך אויף דער חכמה וואָס עס ווייזט אַרויס. איך וואַרף אַוועק מיין לופטיגען מאַנטעל און לאָז דיך זעהן מיינע פליגלען און איך פליה אַוועק ווייט אין דער הויך. עס פרעהט מיך זעהר וואָס דיינע אויגען פאָלגען מיר נאָך, איך שווים אַרונטער צוריק און פאַל אַריין אין דיינע אָרעמס.“

די סימבאָלישע באַשרייבונג איז גראַציעז אַנגענעם. אין בע־טינאַ'ס פאַרגעטערונג פון געטע איז פאַראַן עטוואָס פון דערזעל־בער ליבע צו קלעטערען און אַרויפשטייגען וואָס זי האָט געוויזען אין איהר קינדהייט. זי קריכט אַרויף אויף דעם אַקסעל פון אַ גרויסער אָלימפּישער סטאַטוע — אַ סטאַטוע וואָס זי פלעגט שטענ־דיג מאָדעלירען — ציהט אַרויף דעם לייטער נאָך זיך, און זיצט דאָרטען אַליין, זייענדיג גליקליך פון דעם פאַרגעניגען וואָס זי איז אַזוי נאָהענט צו איהר. נאָר ס'איז ניט געווען בלויז איהר

פאַרגעטערונג פון געטע אַליין וואָס האָט געמאַכט בעטינאַ פאַר אַ זאַידעאַלען כאַראַקטער, אַז אַפּאָלקיריע אין די אויגען פון דעם יונגען דייטשלאַנד. וואָס עס האָט געוואונען זייערע הערצער איז געווען איהר פּאָליטישער ליבעראַליזם, וועלכען זי האָט אויסגע־דריקט אין איהרע בריעף, און מיט וועלכען זי האָט אַהן ערפאָלג געזוכט אַנצוזאָפען דעם חכם, וועלכער איז געזעסען אַליין אין ווייסאַר; איהר הייסע פאַרגעטערונג פון דעם בראַווען ווידער־שטאַנד פון די טיראָלער געגען דער הערשאַפט פון פראַנקרייך, איהר שטאַרקער וואונש פאַר דעם גליק פון דער מענשהייט, פאַר דער פאַרניכטונג פון די איבלען פון דער געזעלשאַפט. עס האָט געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק ווען זי, אַ פאַרעהרערין פון געטע, נאָר מעהר זעלבסטשטענדיג ווי ראַהעל, האָט באַטראַכט בעטהאָ־ווענ׳ס רעפּובליקאַניזם אַלס העכער ווי געטע׳ס אונטערטעניגער געטרייקייט. זי האָט געזוכט צוזאַמענצוברענגען געטע׳ן מיט בעט־האָווען; זי האָט געוואונשען, זי זאָל קענען שיקען ווילהעלם מייסטער קיין טיראָל, צו אַנדרעאַס האָפער, ער זאָל זיך אויס־לערנען מעהר ענטוזיאַזם און צו טאָן מענליכע טהאַטען.

אין דעם אָנפאַנג פון פרידריך ווילהעלמ׳ס הערשאַפט האָט זי געהאַט די שטיצען קייזערליכען הויף. דאָרטען האָט געהערשט אַן אָפּענהערציגע פריינדליכע אינטימיטעט צווישען איהר און דעם קייזער; זי האָט געהאַט כמעט אַזאַ איינפלוס אויף איהם ווי הומבאָלד; ווען ס׳איז געווען אַ פראַגע צו העלפען טאַלאַנט אָדער צו אָבשאַפען עלענד. נאָר אין אַ קורצער צייט האָבען איהרע געפיהלען איהר געצוואונגען זי דרצו ערקלערען אָפען פאַר די סאָ־ציאַליסטישע פּרינציפּען. אין 1843 האָט זי פאַרעפענטליכט „דאָס בוך געהערט דעם קעניג", אַ ווערק וואָו זי פאַדערט אויף פרידריך ווילהעלם צו באַפרייען זיינע אונטערטאַנען פון עלענד. פון איהרע יונגע יאָהרען האָט זי זיך באַטראַכט אַלס אַ נאַטירליכע קעמפערין און אַדוואָקאַט פון די עלענדע. „די פערלאָזענע און די אומגליק־ליכע האָבען ענטהאַלטען אַ מאַגנעטישע צוציהונגס קראַפט פאַר איהר" — דערצעהלט הערמאַן גרים, וועלכער, זייענדיג איהר איי־דעם, האָט זי געקענט אינטים. איהר נאַטירליכע נייגונג צו העל־פען אַנדערע, און די פריהע איינדריקען וואָס זיינען געמאַכט גע־

וואַרען אויף איהר פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, האבען אין איהר געשאַפען יענע פּאָליטישע איבערצייגונגען וועלכע זי האָט, אָהן וועלכער אונענטשלאָסענהייט, אויסגעדריקט אין איהר נאָאַ־ווער ערוואַרטונג צו ערהאַלטען שטיצע פון קייזערליכען הויף.

אין 1831, ווען די כאָלערא האָט געהערשט אין בערלין, איז זי נעגאַנגען אָהן שרעק צווישען די קראַנקע און די ליידענדע. אור־טיילענדיג פון דעם שווערען גורל פון דעם בערלינער ארבייטער־קלאַס איז זי געקומען צום שלוס, אַז די גאַנצע נאַציאָן איז אין עלענד און נויטיגט זיך אין הילף. פאַר איהר איז פרייהייט שטענדיג געווען אַ כשוף־וואָרט. זי האָט געגלויבט, אַז ווען די ווערטער „עס זאָל זיין ליכט" זאָלען ארויסגעקלינגען פון ריכטיגען אָרט, דאַן וואָלט פרייהייט הערשען, און אַלע געפיהלען און חלומות פון דער מענשהייט וואָלטען גענומען דעם אויסזעהן פון הארמאָנישער מוזיק, נאָך ווען קלאַנגען די פעלקער וואָלטען געמאַרשירט גליק־ליכערהייט פאָרווערטס.

איהר בוך, וועלכען זי ווידמעט צום קעניג אין אַ קליינער אַלע־גאָרישער איינליידונג, איז געשריבען אין דער פאָרם פון אַ גע־שפּרעך. געטע׳ס מוטער איז די הויפּט רעדנערין. עס זיינען דאָ אַ סך וואַרימע געפיהלען אין דעם בוך, פיעל אינפאָרמאַציע וועגען די ליידען פון די נידעריגערע קלאַסען, נאָר זעהר ווינציג פּאָלי־טישע פאַרשטענדניש אום מען זאָל דאָס קענען לעזען היינט.

די שרייבערין דערגרייכט איהר העכסטען פונקט מיט די פאָל־גענדע ווערטער: „אונזער שילד איז די פאָהן פון פרייהייט; איהר ליכטיגקייט באַלויכט די שוואַרצע פינסטערניש פון אונזער צייט. איהר גלאַנץ, פאַרבלענדט און דערשרעקט אַלע די, וועלכע זיינען אויף דעם ברעג, נאָר מיר זיינען צופריעדען און פרעהען זיך... געפאָהרען? — די פרייהייט ווייס ניט פון קיינע געפאַהרען! פאַר איהר איז אַלעם מעגליך. דער שטורם אליין, דער ווילדעסטער פון אַלע שטורמס איז דער קאַפּיטאַן פון אונזער שיף".

מען קען ניט ערוואַרטען אַז אַזוינע סענטימענטען זאָלען קריי־גען אַ פריינדליכע אויפנאַהמע פון דעם פּרייסישען קעניגליכען הויף פון יענער צייט. דאָס בוך האָט געשאַפען אַ סענסאַציע, נאָר האָט

געמאכט אן ענדע צו דער פריינדליכער פארשטענדניש צווישען בעטינא און דעם קעניג.

א לאנגע צייט פריהער, פונדעסטוועגען, האט בעטינא ער־האלטען די איינשטימיגע פארעהרונג פון דעם יונגען דור. די, וועלכע זיינען פאראינטערעסירט, זאלען לעזען גוצקאוו׳ס בעריכט וועגען זיין ערשטען באזוך צו איהר, מונדט׳ס באשרייבונג פון איהר, קוהנע׳ס פאעטישע אפשאצונג. אפילו ראבערט פרוטץ, שטרענג ווי ער איז צו אלע רעפרעזענטאנטען און מאדעלס פון יונגען דייטשלאנד, צעהלט זיך צווישען איהרע פארעהרער. „בע־טינא׳ס בריעף זיינען — זאגט ער — דער לעצטער ליכטיגער פלאם פון ראמאנטיציזם, דאס פינקלענדע, קנאקענדע פייערווערק, מיט וועלכער ער האט געענדיגט זיין מאהלצייט; זיי זיינען אבער אין דער זעלבער צייט די קופע האלץ פון דער לויה אויף וועלכער ער פארברענט זיך אליין, דער זייל פון פייער, וועלכער ערהויבט זיך פון זיין אש — און ווייזט אונז דעם וועג".

די דריטע פרוי, וועמענס לעבען און כאראקטער האבען געמאכט א טיעפען איינדרוק אויף דעם דור פון 1830, איז געווען שארלאטע שטיגליץ, די טאכטער פון א לייפציגער סוחר מיט דעם נאמען ווילהעלם. אלס א קינד איז שארלאטע געווען שטיל און ערנסט, אלס א יונג מיידעל איז זי געווען עטוואס עהנליך צו א נאנע. אין יאהר 1822, איז היינריך שטיגליץ, דאן איין־און־צוואנציג יאהר אלט, געקומען קיין לייפציג צו שטודירען פילאלאגיע. צוליעב ניט זיין איינענער שולד איז ער פאר׳משפט געווארען אין דער פאר־פאלגונג פון די דעמאגאגען אין געטינגען. ער איז געווען א שעהנער יונג, דרייסט, און, אורטיילענדיג נאך זיין אויסזעהן, זעהר ליידענ־שאפטליך; און ער איז געווען א פאעט. שארלאטע איז דאן געווען א שעהן מיידעל פון א יאהר זעכצעהן, וועמענס אויסזעהן האט אנגעדייטעט דאס זי פארמאגט יענע איבערנאטירליכע אייגענ־שאפט, וועלכע די דייטשען פון די אלטע צייטען האבען צוגעשריבען צו יענע פרויען, וועלכע, ווי זיי האבען געגלויבט, האבען פארמאגט די פעהיגקייט פון נביאות. זי האט געהאט א הויכען, אפענעם, אינטעלעקטועלען שטערן, קרייזעלדיגע ברוינע האר צוזאמענגע־קליבען אין א האר־פריזור ווי א טורעם, א דינעם, אדעלר־נאז, א

שעהנעם מויל, גרויסע, ווי שטערן, אויגען, וועלכע האָבען אַרויס־געקוקט ליכטיג און בראַוו אויף דער וועלט. זי האָט גערעדט שטיל, נאָר געזונגען מיט אַ פולער און קלאָרער שטים.

וואָס די מאָדערנע פּאָעטען זאָלען ניט האָבען פאַרנאַכלעסיגט, האָבען זיי אָבער קיינמאָל ניט פאַרנאַכלעסיגט צו מאַכען דעם איינדרוק אויף אַלעמען, און איבערהויפּט אויף פרויען, אַז די פּאָעטען זיינען העכערע באַשעפּענישען. ווען שאַרלאָטע האָט זיך פאַרליעבט אין דעם שעהנעם יונגען שטיגליץ, וועלכער איז פון איהר געווען פאַר׳כשופ׳ט, האָט זי געפיהלט, אַז זי ווייס שוין וואָס עס מיינט גליק. דער געדאַנק אַליין, אַז מען איז גליעבט פון אַ פּאָעט, אַז אמת׳ן, לעבדיגען פּאָעט, איז געווען אַ גליק. און צו דעם פּאָעט איהרען האָט זי אָוועקגעשענקט איהר יעדעס געפיהל, איהר יעדען געדאַנק, פון דעם ערשטען מאָל זינט זי האָט איהם דערזעהן ביז צוועלף יאָהר שפּעטער, ווען זי האָט זיך געשטאָכען אין האַרצען צוליעב איהם. זי האָט געהאַט די פרויליכע בעהיל־פיגקייט, די מוטערליכע, הויז־פרויליכע פאַרשטענדניש, און די בראַווע מונטערקייט, וועלכע זיינען פון די בעסטע פרויען־אייגענ־שאַפטען. דעם איינדרוק, וואָס זי האָט געמאַכט איז געווען פון איידעלער הויך־מוטיגקייט.

און די נאָבעלע פרוי איז געווען גענוג אונגליקליך צו מיספאַר־שטעהן אַ ווייבערישען לייפּציגער סטודענט פאַר דעם אידעאַלען מאַן פון איהרע טרוימען — אַ פּאָעט פון אַ נידעריגען, פאַלשטענ־דיג מיטעלמעסיגען טאַלאַנט, פאַר אַ גרויסען אַרטיסט. אום ער זאָל קענען חתונה האָבען, איז שטיגליץ געווען געצוואונגען צו געפינען אַרבייט. אין 1827 איז ער געוואָרען אַ לעהרער אין דער בערלינער גימנאַזיום און אין דער זעלבער צייט אַ געהילף־ביבליאָטעקאַר אין דער קייזערליכער ביבליאָטעק, קרעכצענדיג אויף דער הינדערניש וואָס איז אויף איהם אַרויפגעצוואונגען געוואָרן דורך דיזע אַרבייטען. ער איז געווען פאַרכמורעט, ער האָט ליידענשאַפטליך חשק געהאַט אויסצוצייכענען זיך אַלס פּאָעט, נאָר זיין אַרטיסטישער טאַלאַנט איז געווען בלויז פון ביכער, ניט רעאַליסטיש; ער האָט ניט געהאַט קיין אויסדויער און קיין קראַפט פון ווידערשטאַנד אין דעם קאַמף פאַר׳ן לעבען. ער איז געווען איינער פון די וועמען איין אומגליק

שטירצט אום. ער האָט געהאַט דעם אויסערליכען אויסזעהן פון אַ זשעניע. נאָר אין אמת'ן איז ער געווען אַ טעמפּער נפש.

עס איז געווען אַ טראַגישע מיספאַרשטענדניש פון שאַרלאָטע'ס צייט. זי האָט געגלויבט, אַז ער האָט אַ כאַראַקטער וואָס איז שווער איינצוצאַמען, שווער צו קאָנטראָלירען. „איהר דאַרפט עס ניט לייקענען — שרייבט זי — איהר האָט געדאַרפט זיין אַ פּיהרער פון אַ רויבער־באַנדע". און זי רופט איהם: דער פינסטערער, ווילדער קינזשאַל־געברויכער, מיט פלאַמענדע אויגען. אין פערלויף פון זייער לאַנגער פערלאָבונג האָבען זיי געוואוינט אין פאַרשיידענע שטעדט. זיינע בריעף זיינען פריינדליך, נאַטירליך און צערטליך; נאָר איהר פיהלט אין זיי דאָס ער איז ניט אונגליקליך, ווען ער איז געשיידען פון איהר. זי, מעהר הייס־בלוטיג בענקט נאָך איהם, נאָך זיין אַנוועזענהייט. זי האָט געהאַט אַ כאַראַקטער וועלכען ס'איז געווען שווער צו קאָנטראָלירען — ער איז געווען אַן אמת'ער בוך־מענש, און אַזוי פאַרשיעדען פון אַ רויבער ווי יעדער ביבליאָטעקאַר אויף דער ערד. אַרום דערזעלבער צייט, ווי וויקטאָר הוגאָ אין פראַנקרייך, האָט ער דערפיהלט אַ פּאָעטישע צוציהונגס־קראַפט צום מזרח, און זיצענדיג אין ביבליאָטעק, האָט ער געמאַכט אַזאַ פאַר־שטודיום ווי ער האָט נאָר געקענט פון דער אָריענטאַלישער ליטעראַטור און ציוויליזאַציע. פון דיזען שטודיום איז אַרויסגעקומען „בילדער דעם אָריענטס", דריי ביכער געשאַפען מיט פיעל אַרבייט און מיה. ס'זיינען פאַראַן פיעל שעהנע און בילדליכע באַשרייבונגען אין זיי, און ס'איז אַן עולה וואָס מען האָט זיי אינגאַנצען ניט באַמערקט; נאָר דאָס געפיהל, וואָס באַלעבט די טערקישע און פּערזישע פּאָעמען, די סטאַמבולישע טראַגעדיעס און סצענעס פון איספּאַהאַן, די עטוואָס מעהר ווי דרוקבאַרע גראַמען וועגען דעם גריכישען קריעג פאַר באַפרייאונג, זיינען צופיל אַלטעגליך, צופיל איינגעצאַמט; די שטאַרקע אינדיווידואַליטעט, די ווילדקייט, וועלכע שאַרלאָטע האָט געזעהן אין העגריך שטיגליץ, איז וואָס עס פעהלט אין זיי. ס'איז אַלעם צופיעל ליטעראַריש.

אַ קורצע צייט איידער זיי האָבען חתונה געהאַט, אין 1828, האָט שאַרלאָטע, אויף איהר חתן'ס ביטע, געקויפט פאַר איהם אַ

קינזשאל, ער זאל איהם טראָגען אויף זייער חתונה־רייזע, — דאָס געוועהר, מיט וועלכען זי האָט זיך זעקס יאָהר שפּעטער גענומען דאָס לעבען. ס׳איז געווען בלויז אַ קורצע צייט פון ריינעם גליק, וואָס זי האָט גענאָסען נאָך זייער חתונה. נאָר זי האָט אינגאַנצען זיך אידענטיפיצירט מיט איהר מאַן, און זי איז געווען גענערגערט דערפון, וואָס ער, דער זשעני, איז געצוואונגען אַוועקגעבען אַזוי פיעל צייט און ענערגיע פאַר ארבייט אלס ביבליאָטעקאַר און לעהרער. זי האָט זיך פיעל אָפּגעגעבען מיט שרייבען בריעף צו איהרע קרובים אין רוסלאַנד, וועלכע זיינען געווען מיניסטאָרען און געהיים־ראַטען, און צו אַנדערע פאַטראָנען און פריינד, מיט דער האָפנונג צו פאַרבעסערען זייער שטאַנד. זי האָט איהם צוגעגעבען מוטה אָן אָן אויפהער. זי האָט געוואוסט יעדע איינע פון זיינע פאָעמען אויף אויסענווייניג, האָט פאַראַדירט איינע מיט צאַרטער שפּיעלעדיגקייט. אַ געוויסע סצענע אין זיינע אַ טראַגעדיע, „סע־לים דער דריטער“, קאָסט איהם פיעל צייט און מיה. איין מאָל ווען ער איז געקומען אַהיים, פיהרט זי איהם צו, שמייכלענדיג, צו זיין טישעל, וואו ער געפינט, שוין פאַרענדיגט — די שעהנע סצענע צווישען דעם סולטאַנ׳ס מוטער און דעם דאָקטאָר אין דעם דריטען אַקט.

פון צייט צו צייט קומט איבער איהר, וואָס זי רופט אָן, איהר שאַמפּיין־שטימונג; זי טרויערט, וואָס דאָס איז ניט מעהר דער פאַל מיט איהם. זי שרייבט אַ פּאָעמע צו איהם מיט אַ מתנה פון זעקס פעדערס, אויפמונטערענדיג איהם צו זיין ענערגיש און ענט־שלאָסען און ניט טראַכטען לאַנג איידער ער הויבט אָן:

„גיס איין פילהאָרן אוים מיט פריכטען,
בליטה און פריכטע גיעב צוגלייך,
ווייזהייט זיי אין דיינע דיכטען
וויטץ און יוגענד, מאַך עס רייך.

מענשען לאָז עס דרינען פינדען
מענשען די געלעבט געדאַכט,
לאָז פון ליעב דיך וואָרם ענטצינדען
און פאָן צאָרן געוויטערנאַכט“.

זי גלויבט שטאַרק אין דער עקזיסטענץ פון מעכטיגע טיטאַ־נישע געדאַנקען און פאָרשטעלונגען אין זיין נשמה, וועלכע ס'איז איהם שווער אויסצורײדען מיט די ליפּען. ליידער! ניט נאָר איז ער ניט־רעדעוודיג, ער איז פּוסט, און אויף דעם גרענעץ פון משוגעת, און צייטענווייז שוין איבער דעם גרענעץ. ער הערט זיך איין צו איהר ערמונטערונג מיט גלייכגילטיגקייט. ער שרייבט: „אַ, הענריך, לאָמיר צייטענווייז זיין אונקאָנזעקווענט, לאָמיר אויפ־פּלאַקערן ווילד, אויפהויבען זיך צו דעם גליק פון הימעל, זינקען צו די טיעפענישען פון גיהנום — יעדער זאַך, נאָר ניט די טעמפּע גלייכגילטיגקייט!“ מיר פיהלען די גייסטיגע קרובה, די פאַרעה־רערין פון ראהעל, אין דיזע ווערטער.

פאַרמאַטערט פון דער לאַנגווייליגקייט פון זיין טאָג־טעגליכען לעבען, פאַרזאָרגט פון דער אונפּרוכטבאַרקייט פון זיין פיעל איבער־שעצטען טאַלאַנט, איז ער צייטענווייז אויפרעגענד און צייטענווייז אומעדיג־טעמפּ. זי זוכט מיט אַלע מיטלען איהם צו דערמונטערן. איין מאָל ווייזט זיך איהר אויס, אַז ער איז צופיעל איינזאַם, און ער נויטיגט זיך אין דער אויפרייצונג פון דער פרויען געזעלשאַפט — און זי איז ניט אייפערזיכטיג. זי שרייבט (אָקטאָבער 1834): „איך וואָלט געוואָלט, הענריך, אַז דו זאָלסט האָבען מעהר פאַר־קעהר, פּערזענליך אָדער דורך קאָרעספּאָנדענץ מיט קלוגע ווייב־ליכע פרויען. זיי זיינען דעם פּאָעט׳ס בעסטע געזעלשאַפט. עס וואָלט פאַר דיר געווען אינטערעסאַנט צו לערנען, אַפען און וואהר, וואָס זיי דענקען פון דיר און דיינע פּאָעטישע ווערק. אַזאַ פאַרקעהר וואָלט געווען באַלעהרענד און ערפרישענד, אַ ניצליכע און אַן אַנגענעהמע צייט־פאַרטרייב פאַר דיר“.

זי איז ענטשלאָסען, אַז זיי זאָלען רייזען, געהן ווייט אין די פעלדער. ער וואַרפט אַוועק זיין אַרבייט און זיי פאָהרען קיין פּע־טערבורג און פינלאַנד. נאָר אַלעס איז אומזיסט.

ווען זי און שטיגליץ זיינען געשטאַנען נעבען דעם וואַסער־פאַל פון אימאַטראַ, אין יולי 1833, האָט זי אַרויסגערעדט די פאָלגענדע גרויסע ווערטער: „איז דאָס ניט ווי אַ גרויסער געדאַנק, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט אין די בערג־איינזאַמקייטען? געפיהלען, ווי מעכטיגע ים־אינדען, דונער־שטורמס און ציקלאָנען וואָלטען

געווען אַ פּאַסענדע באַגלייטונג צו דיזען פּאַלענדען, שוימענדען וואַסער. ווי אָרים, וואָלט דאָס ליעד וועגען דער קליינער פּיאַלקע דאָ געקלונגען, ווי שעהן עס זאָל ניט זיין! ווי אַ מעכטיגער וואַסער־פּאַל, דיזע שוימענדע, ווילד־אויפגערעגטע צייט, פאַר אַ מעכטיג ליעד. דו וועסט געבען, וואָס זי פאַרלאַנגט".

אין אָקטאָבער 1835, ווען ער פלעגט זיך אונאויפהערליך באַקלאָגען אויף די קליינע שפּילקע־שטעך פון לעבען, האָט זי איהם געזאָגט ווי ער אַליין האָט פאַרצייכענט): „מיין פאַרזיכטיגע בעאָבאַכטונג פון דיר האָט מיך איבערציינגט, אַז ווער עס וויל דיר טאָן אַן אמת'ע פאַרדיענסט, מוז שאַפען פאַר דיר אַן אמת גרויסען טרויער. קיין זאַך וועט דיר ניט טאָן אַזוי פיעל גוטעס ווי דאָס; קיין זאַך וועט ביי דיר ניט אַזוי זיכער אַרויסברענגען דיינע קרעפטען".

ווי די מעהרסטע מענשען, וועמענס פאַרשטאַנד איז געריהרט, האָט שטיגליץ געהאַט צייטען פון ווילדסטער אויפרעגונג, נאָך וועלכע ער פלעגט אַריינפאַלען אין דעם געוועהנליכען צושטאַנד פון שטילער, כמעט טהירישער אומעטיגקייט. איינמאָל ווען זיי זיינען געגאַנגען אויף אַ שפּאַציר האָט ער זיך אַזוי פאַרלאָרען אין זיינע אייגענע געדאַנקען, אַז זי האָט איהם פאַרלאָזען און איז אַוועקגעגאַנגען אַליין, מיט דער האָפנונג אַז דאָס וועט איהם אויפוועקען; נאָר ער האָט דאָס אפילו ניט באַמערקט. דאָס איז געווען אַ מין וואָרנונג אַז איהרע ענדליכע דעזערטירונג וועט איהם ניט טאָן קיין גוטעס; דאָס איז אָבער געווען אַ וואָרנונג, וועלכע זי האָט ניט פאַרשטאַנען.

אין גאַנצען באַהערשט פון די לעצטע געדאַנקען פון דער צייט, איבערציינגט אַז אַ פּאָעט דאַרף לעבען אין דער ברייטער וועלט, צו בעאיינפלוסען און צו בעאיינפלוסט ווערען פון איהר, איז איהר שטענדיגער פערלאַנג צו טרייבען איהם צו טהאַטען. זי האָט צו איהם געזאָגט איין טאָג: „איך בענק נאָך דיין גייסטיגער ווידערגעבורט. דו וועסט ווידער אויפלעבען! איך ווייס אַז דו וועסט! ווי וואָלט איך געוואָלט שנעלער ברייגנען דיין ווידערגעבורט — אפילו אויב מיט קינסטליכע מיטלען! נאָר וואָס וועט זיין אויב מיין כירורגישע אָפּעראַציע וועט זיך ניט איינגעבען!" און אין

1834, שרייבט זי אין איהר טאָג־בוך, אַז געטע'ס לעבען איז געוואָרען מעהר אינהאַלטס־רייך פון דעם מאָמענט, וואָס ער האָט זיך באַ־קאַנט מיט שילער, נאָר אַז געטע האָט געדאַרפט מעהר פּראָפּיטירען פון זיין פריינד'ס טוידט, און וואָלט עס געטאָן, לויט זיין געוואוינ־הייט, ענטשלאָסען זיך ענטזאָגט צו טרויערען; ווען נאָר ער וואָלט ערלויבט דעם טרויער, ער זאָל צו איהם אריינגעהן, צו ווערען אַ טייל פון איהם, דער רעזולטאַט וואָלט געווען אַ ווידער אויפלע־בונג פון זיין יוגענד, אַזוי ווייט, וואָס אַנבעלאַנגט זיין פּאָעטישען שאַפען.

ס'איז געווען דעם זעלבען מאָנאַט, דעצעמבער 1834, ווען שטיג־ליצעס איבערדריסיגקייט מיט דעם לעבען האָט דערגרייכט דעם העכסטען פּונקט. זיין קראַנקהייט האָט אַנגענומען די פאָרמע פון אינטעלעקטועלער אונבעוועגליכקייט, פון אַבסאָלוטער אונפעה־היגקייט זיך אויסצודריקען. שאַרלאָטע האָט איהם געבעטען, אַזוי ווי ער וואָלט געווען אַ קינד, בעסער צו שרייבען און שטורמען ווי אין אַמאָליגע צייטען איידער אריינצופאַלען אין אַזאַ שרעקלי־כען צושטאַנד; נאָר זי האָט געבעטען אומזיסט. ס'איז געווען דאַן ווען זי האָט זיך ענטשלאָסען צו געברויכען דעם לעצטען מיטעל אין איהר קראַפט, צו נעהמען דעם שריט, וועלכען זי, מיט איהרע אונשולדיגע און הויכע געדאַנקען, האָט געפיהלט זיך געצוואונגען צו געברויכען, אום אַ גרויסער איינפאַכער טרויער זאָל אריינגעהן אין זיין לעבען, אויפוועקען זיין זשעני, און געבען זיין פּאָעזיע נייע טהעמען.

אין דעם אָבענד פון דעם 29טען איז זי געקומען אַהיים, וויסענ־דיג אַז זי וועט האָבען צוויי שטונדען פאַר זיך אַליין, האָט זי אַ וואָרף געטאָן איהר פוטער־היטעלע און מופטע אויף דער פאָר־לאַגע פון קאָרידאָר, שנעל אריין אין איהר שלאָף־צימער, האָט זיך אויסגעטאָן, זיך געשוואַשען, אַנגעטאָן אַ ריינע נאַכט־העמד, אַנגע־שריבען עטליכע שורות צו העגריכ'ן אויסדריקענדיג צו איהם איהר גלויבען, אַז אַ ניי לעבען וועט אויפוואַקסען ביי איהם פון זיין אונגליק, און אויפפאָדערענדיג איהם מעהר ניט צו זיין שוואַך, נאָר געלאַסען, שטאַרק און גרויס, האָט זי זיך אַוועקגעלייגט אויפ'ן

בעט און מיט אַ פעסטער האַנד אַריינגעשטאָכען דעם קינזשאַל צו זיך אין האַרצען.

* * *

איינער פון די ערשטע איינדריקען איז, אַז די דריי פרויען, ראַהעל, בעטינאַ און שאַרלאָטע, וועלכע זיינען אַלע דריי געוואַרען באַריהמט אין דעם יאַהר 1835, האָבען קיין געמיינשאַפטליכעס צווישען זיך. ראַהעל איז געשטאָרבען אין דעם יאַהר 1833 אין דער עלטער פון איין־און־זעכציג יאַהר, און איהר וויכטיגסטע לעבענס ארבייט, איהר ערשטע ענערגישע בערעכטיגונג פון געטעס גאונות, באַלאַנגט אַזוי פיעל צו דעם אַכצעהנטען ווי צום נייַנצעהנטען יאַהרהונדערט. בעטינאַ, וועלכע איז געווען פערצעהן יאַהר יונגער ווערט ניט באַקאַנט עפענטליך ביז אַ יאַהר נאָך ראַהעל'ס טוידט; זי פאַראייניגט דעם ערהויבענעם ענטוזיאַזם און אונווירקליכקייט פון יונג־דייטשלאַנד. שאַרלאָטע'ס איינציגע אויסצייכענונג איז געווען זיך צו דערמאָרדען, אַ זאַך, וועלכע פרויען האָבען שוין אונצאָהליגע מאָהל געטאָן, אָבוואָהל פיליכט קיינמאָל ניט צוליעב דערזעלבער אורזאַך.

נאָר ווען מיר קוקען זיך צו אַביסעל טיעפער זעהען מיר, אַז זיי האָבען פיעלע געמיינשאַפטליכע כאַראַקטער שטריכען. זיי זיינען אַלע אונרוהיג, מיט דער אונרוהיגקייט, וועלכע איז כאַראַקטעריסטיש אין זייער צייט, וועלכע דריקט זיך אויס, ניט אין אייַלעניש און אַנשטרענגונג, נאָר אין שטאַרקע געפיהלען, ניט אין נערוועזיטעט וואָס איז פאַרשפּרייט אין די היינטיגע טעג, נאָר אין שטענדיגען אין־זיך אַריינטיפונג. דאַן איז די זאָנדערבאַרקייט, וואָס קיין איינע פון זיי טרעט ניט אַריבער די געזעצען פון דער געזעלשאַפט, אָבוואָהל קיין איינע פון זיי האָט ניט קיין רעספּעקט פאַר די געזעצען. און דאַן די וואונדערבאַרע אידעאַלע פריינדליכקייט, וועלכע זיי צייגען אַרוים. ראַהעל איז געטע'ס, פון איהר ערשטען אָטהעם אַלס ערוואַקסענע פרוי ביז איהר לעצטען. בעטינאַ איז געטע'ס מיט אַזאַ אַנגעזאָפּטער איבערגעבענהייט, דאַס דער פּלאַן צו אויפשטעלען אַ קאָלאָסאַלען מאָנומענט פאַר איהם, וועלכען זי פאַרטיידיגט אין איהר ערשטער עפענטליכער ווערק (אַ מאָנומענט, וועלכען זי אַליין האָט געפּלאַנעוועט און גע־

מאַכט אין מיניאַטיור), איז געוואָרען אין איהרע לעצטע יאָהרען א מאַניע. שאַרלאָטע באַלאַנגט אַזוי גענצליך צו דעם מאַן, וועמען זי האָט אויסגעקליבען ווען זי איז אַלט געווען זעכצעהן יאָהר, דאָס ניט נאָר זי לעבט פאַר איהם נאָר זי שטאַרבט פאַר איהם.

אַן אַנדער זאַך, וואָס זיי האָבען געמיינשאַפטליך, איז זייער ענטוזיאַזם. ראַהעל ברענט ווי אַ שטענדיגער הייליגער פלאַם; בעטינאַ פלאַקערט אויף אין אַ פייער-ווערק פון געדאַנקען און זעהונגען; שאַרלאָטע באַווייזט זיך אין אַן ענטשלאָסענעם, ניט בעקלאַגענדען מקריב זיין פון איהר לעבען. ס'איז דער זשעני, צו וועמען זיי בוקען זיך; זיי האָבען דעם דייטשען ענטוזיאַס-טישען אַפשעצען פון פּאַטישען זשעני; זייער גרויסער פאַרלאַנג איז צו טהאַן, וואָס זיי קענען, צו העלפען זיין אַנערקענונג און באַריהמטקייט, זיין ענטוויקלונג און עמאַנסיפּאַציע; צו דיזער אויפגאַבע גיבען זיי אַוועק זייערע לעבענס ניט אַכטענדיג אויף דער ווירדיגקייט אָדער אַוונווירדיגקייט פון דעם פּערזאָן וואָס זיי האָבען אויסגעקליבען. ענדליך, די געדאַנקען און די געפיהלען פון די דריי, זיינען וואונדערבאַר אָריגינעל. דיזע פרויען דער-מאָנען ניט קיינע אַנדערע פרויען.

קיינמאָל, אויף ווי וויט ווי מיר ווייסען, איז ניט געווען אַזאַ רעפלעקטירענדע געפיהלפולע פרוי ווי ראַהעל, נאָך אַזאַ לופט-געדאַנק ענטוזיאַסטין ווי בעטינאַ, נאָך אַזאַ זעלבסטמאָרד פון שאַר-לאָטע'ס, אַ זעלבסטמאָרד אינספּירירט דורך אַ הויכען, אַבוואָהל פאַלשען, עסטעטישען פּרינציפּ.

די, וואָס קוקען טיעפער אין דער זאַך און באַטראַכטען די כאַ-ראַקטערס אין דעם ליכט פון דער געשיכטע, זעהען אין ראַהעל'ס זעלבסט-פּאַרטיעפונג און זעלבסט-רעפלעקטירונג, די ערשטע פאָר-מע וואָס די פרויען-עמאַנסיפּאַציע האָט געמוזט אַננעהמען אין דייטשלאַנד פון יענעם יאָהרהונדערט; דעם הויך פון דער אינ-טעלעקטועלער זעלבסטשטענדיגקייט האָט מען געמוזט ערדייכען איידער די פרויען אין אַ לאַנד, וואו פאַר יאָהרהונדערטע זיינען זיי אוועקגעגעבען געוואָרען צו איינפאַכע הויז-אַרבייט, זאָלען זיך קע-נען אויפהויבען צו עטוואָס העכערס פון דעם. אין בעטינאַ'ס דרייפאַכען ענטוזיאַזם פאַר געטע, פאַר די געדאַנקען פון פאַלי-

טישען ליבעראַליזם, און פאַר סאָציאַלע רעפאָרמען, ענדעקט דער פאָרשער פון דער געשיכטע, די איבערגאַנגס־פּעריאָדע צווישען דער צייט פון קונסט און דער צייט פון ליבעראַליזם און סאָציאַליזם. און אין שאַרלאָטעס זעלבסט־מאָרד זעהט ער דעם אויסדרוק פון דעם וואונש פון די פרויען פון איהר צייט אַרויסצורייסען די מענער פון זייער ליטעראַרישער רוהיגקייט און אוועקשטעלען זיי פּנים אל פּנים מיט דער ערנסטקייט און טראַ־געדיע פונ׳ם לעבען. די גאַנצע פּעריאָדע רעדט, ווען זי זאָגט צו שטיגליץ, אַז דאָס ליעד פון דער פיאָלקע קען מען ניט זינגען צום בעגלייטונג פון אַ גרויסען וואַסער־פאַל. קיינער פון די פרויען האָבען זיך ניט געקענט ענטוויקלען ווי זיי אין וועלכער עס איז אַנדער צייט, און אין קיין אַנדער צייט וואָלט מען זיי ניט געקענט פאַרשטעהן און אָפּשעצען אַזוי ווי זיי זיינען דאַן געוואָרען. היינט איז זיי שוין שווער צו פאַרשטעהן.

ס׳איז כאַראַקטעריסטיש, אַז דאָס וואָרט „אַרבייט" געפינט קיין אָרט ניט אין דער באַשרייבונג פון זייערע לעבענס. זיי האָבען קיין זאַך ניט געלערענט מעטאָדיש, און אין זייער שרעק צו זיין ניט ווייבעריש זיינען זיי נאָך שטאַרק געווען מיט דעם — ווי מיר האָבען געזעהן אין דעם פאַל פון ראַהעל. אפילו אַזאַ געבילדעטע לינגוויסטין ווי הענריעטאַ הערץ, איז טיעף באַליידיגט, ווען זשאַן פּאָול אין איינעם פון זיינע בריעף האָט געברויכט דעם אויסדרוק „הער הערץ און זיין געלערענטע פרוי". שאַרלאָטע שטיגליץ האָט ניט דעם קלענסטען באַגריעף דאָס אַ טאַלאַנט ווערט ענטוויקעלט דורך אַרבייט, דורך איינגעשפּאַרטער פלייסיגקייט, און ניט דורך פאַרלוסטען. און בעטינאַ, די טענצערין, וועלכע מאַכט נאָך מיגנאָן׳ס אייער־טאַנץ, האָט קיין שייכות צו אַרבייט. דיזער פאַקט מאַכט אויף אונז אַ איינדרוק, ווען מיר זיינען באַלעסטיגט מיט די נאַכלעסיגע פערפאַסונגען און דעם פעהלען פון אמת׳ער פאַר־שטענדניש פון פּאָליטיק אין איהר בוך פאַר דעם קעניג.

אַרום דעם יאָהר 1848 האָט מען אָנגעהויבען צו אָנערקענען דאָס די אינטעלעקטואַליטעט וואָלט געווען פיעל פעסטער, פיעל מעהר רעאַל, מעהר דויערהאַפט איבער די פרויען וואָלטען געוואוסט עטוואָס, וואָלטען נאָכגעפאָלגט אַ געוויסען קורס פון שטודיום.

וואָלטען אויפגענומען אַ געוויסען צווייג פון דער וויסענשאַפט. אַט דער פליהענדער־געדאַנק, וואָלט געווען צוויי מאָל אַזוי פיל ווערט אויב ער וואָלט אויף דעם ערשטען פּלאַץ זיך אונטערוואָרפען אַ געוועהנליכער דיסציפּלין. צו פליהען אָהן אַ פריהערדיגער איבונג איז זעהר אָפט בלויז אַ פערלוסט פון קראַפט. אויב ראַהעל וואָלט געהאַט אַ פעסטען פונדאַמענט פון וויסענשאַפט אויף וועלכען צו בויען, דאַן וואָלט זי געהאַט אַן אַנדער איינפלוס אויף די קומענדע דורות. ווי עס איז, זיינען איהרע געדאַנקען דונקעל און שניידענדע, מעקענע און קערנער פון קאָרן צושפּרייט געוואָרען פון די ווינטען.

אין די דרייסיגער יאָהרען האָבען מענשען נאָך געגלויבט אין אינספּיראַציע, וואָס האָט געקענט אויסקומען אָהן וויסענשאַפט, און אין אַ מאָראַל פון הארצען, וועלכע האָט אומנויטיג געמאַכט די רעפאָרמען פון דער אַלטער סאָציאַלער מאָראַל, להיפוך צו די געזעצען, וועלכע ערלויבען דעם עקזיסטענץ פון די אַלטע געזעצען, האַלט זיך ריין פון זיי. אַזאַ מין צושטאַנד האָט דאָס יונגע דייטשלאַנד זיך ענטשלאָסען צו ענדערען.

אין דער צייט פון די פערציגער יאָהרען זיינען מענשען געקומען צו דער איבערצייגונג אַז ס'איז דאַ אַ גרעסערע ווערדע ווי פלוצלינגע אינספּיראַציע אין אַ לעבען פון ריינער אינטעלעקטואַליטעט. ס'איז דאָ באַשיידענע און דרייסטע אַרבייט, וועלכע קען געטאָן ווערען אין דער וויסענשאַפט און פּאָליטיק. מיר זעהען די דייטשע פילאָזאָפיע ווי זי ענטוויקעלט זיך אין דעם וועג פון ראַדיקאַליזם, און מיר באַגעגענען פּאָעטען, וועמענס ציעל איז צו צוגרייטען דעם וועג פאַר פּאָליטישער פרייהייט.

.15

פרידריך ווילהעלם דער פערטער פון פרייסען.

זינט דעם יאהר 1840 האָט די ליטעראַרישע באַוועגונג אָנגענומען אַ נייע, מעהר פילאָזאָפישע, און מעהר פּאָליטישע פּאַזע. אַ נייער דור איז אויסגעוואַקסען, אַ דור, וועלכער האָט צו פערדאַנקען זיין טיעפּסטע קולטור צו העגעל, און וועלכען ער האָט בעאיינפלוסט הויפּטזעכליך אויף דעם געביט פון פּאָליטיק. שעלינג אין זיין צייט האָט ערקלערט אַז די קונסט איז דער העכסטער אויסדרוק פון אינטעלעקט. זיין פּרינציפּ, און דער פּרינציפּ פון די ראָמאַנטיקער איז געווען אַז דער אַרטיסט איז דער אמת׳ער מאַן. דאָס וואָס די קונסט איז געווען פאַר שעלינג׳ן, איז דער שטאַאַט געווען פאַר העגעל׳ן, ביי איהם איז די אמת׳ע פאָלקאָמענע מענשליכע בעשעפעניש ניט דער אַרטיסט, נאָר דער בירגער פון אַ קאָנסטיטוציאָנעלען שטאַאַט.

דער יונגער דור איז געווען בעאיינפלוסט פון דער העגעליאַנישער פילאָזאָפיע, ער זאָל מאַכען זיין אויפגאַבע די רעפאָרמירונג פון שטאַאַט. ער האָט געהאַט ווינציג רעספּעקט פאַר די אָנהענגער פון דער יונג־דייטשער שוהלע, זייענדיג מיט דער מיינונג אַז זיי זיינען ניט געווען גענוג בראַוו אין זייער קאַמף, סיי אין דער פילאָזאָפיע און סיי אין פּאָליטיק, צו פיעל אָפּגעגעבען צו דער שעהנער ליטעראַטור, און צו פיעל עפּיקורעער. ער האָט ניט געוואָלט אַנטייל נעהמען אין דעם אַלטען געשריי פאַר דער אויפלעבונג פון קערפּער, און זיך אפילו ניט געוואָלט צו איהם צוהערען. היינע, אין „אַטטאַ טראָלל״, האָט געזאָגט דעם יונגען דור, אַז אַ מאַן מיט כאַראַקטער נאָר אָהן טאַלאַנט איז ניט בעסער פון אַ

בער; דער יונגער דור האָט געענטפערט, אַז אַ מאַן מיט טאַלאַנט נאָר אָהן כאַראַקטער איז ניט מעהר ווי אַ מאַלפּע — מעגליך אַ זעהר אַמוזירענדע מאַלפּע, אָבער ניט מעהר.

אַז די העגעליאַנישע פילאָזאָפיע איז ווידער געוואָרען דער לייטענדער פּרינציפּ, איז געוואָרען קלאָר זינט דער זשורנאַל, וואָס איז באַקאַנט אונטער דעם נאָמען „האַללישע יאַהרביכער" איז אַרויסגעגעבען געוואָרען פון רוגע און ערטערמייער אין 1838. דער דאָזיגער אָרגאַן פון די לינקע העגעליאַנער האָט פאַרשפּרייט די געדאַנקען, וועלכע האָבען מאָדעלירט ניט נאָר די פּאָליטיקער נאָר אויך די פּאָעטען פון יענער צייט. אין אַלע הויפּט־פּונקטען זיינען די דאָזיגע פּרינציפּען געווען די זעלבע וואָס פון יונג־דייטשלאַנד נאָר זיי זיינען פּראָקלאַמירט געוואָרען מיט מעהר וויסענשאַפטליכער געניטקייט און ענטשלאָסענהייט.

די עלטערע מענער האָבען געמוזט, אָדער אַנשליסען זיך אָן די יונגע העגעליאַנער, אָדער אַרויסטרעטען געגען די פּרינציפּען פון זייער יוגענד, לויט ווי זיי זיינען יעצט פּראָקלאַמירט געוואָרען פון אַנדערע. ווי מען האָט געקענט ערוואַרטען, האָבען זיי ניט דערקענט זייערע אייגענע פּרינציפּען ווי זיי זיינען פּראָפּאַגאַנדירט געוואָרען פון דער קריגערישער יוגענד, און עס פלעגט פּאַסירען פילע צוזאַמענשטויסע צווישען דעם יונגען דור און גוצקאָוו, לאַובע און מונדט.

דער געדאַנק פון שטאַאַט איז יעצט געוואָרען דער צענטראַלער געדאַנק פון טאָג, דער געדאַנק פון שטאַאַט אַלס לעבעדיגער אָר־גאַניזם, רעאַליזירט אין דעם באַוואוסטזיין פון אַלע זיינע בירגער. אין די פיעלע פילאָזאָפישע, טעאָלאָגישע, עסטעטישע מלחמות, וואָס זיינען אָנגעפיהרט געוואָרען פון יונגען דור, איז דער שטאַאַט און די נויטווענדיגקייט פון זיין רעפאָרמירונג געווען די הויפּט אור־זאַכע פון זייער געשריי. דאָס איז געווען די צייט פון צוגרייי־טונג פאַר דער איינזאַפונג פון דעם געדאַנק פון שטאַאַט וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער דייטשלאַנד פון דער לעצטער צייט, און וועלכער האָט פאַראורזאַכט אַפילו אַ רעוואָלוציאָנער (נאָר אַ העגעליאַנישען רעוואָלוציאָנער) ווי לאַסאַל, ער זאָל אויס־שרייען: „רייד קיין שלעכטס אויף דעם שטאַאַט! דער שטאַאַט

איז גאָט". עס איז אַ סימן פון דעם כאַראַקטער פון דער ליטע־ראַרישער ענטוויקלונג, דאָס וואָס די „האַללישע יאַהרביכער" האָט אָנגעהויבען צו ערשיינען אַלס פילאָזאָפישער זשורנאַל און איז אונטערדריקט געוואָרען אַלס פּאָליטישער זשורנאַל 1).

די נייע פּאָליטישע געדאַנקען מיט וועלכע די נאַציאָן האָט זיך אָנגעזאָפּט האָבען ענדליך געפונען אַן אויסגאַנג אין דער פּאָעזיע און אין די ליעדער. די ערשטע פּאָליטישע ליעדער זיינען ערשינען אין דעם זעלבען יאָהר, וואָס די „יאָהרביכער" און האָבען פאַר־שפּרייט פרייע פּאָליטישע געדאַנקען אין פיעל ברייטערע קרייזען. פון אָנפאַנג איז עס געווען מעהרסטענס רעטאָריק, אָהן וועלכען עס איז אַרטיסטישען ווערט, נאָר דער געמיינשאַפטליכער נאַציאָנאַ־לער געדאַנק פון די דייטשע לענדער איז אַזאַ לאַנגע צייט געווען איינגעשלאָפען דאָס די בלויזע ווערטער פון „פרייהייט" און „פאָ־טערלאַנד" האָבען געשאַפען אַן עלעקטרישען איינדרוק.

אין דעם יאָהר 1840, דעם 7טען יוני, איז פרידריך ווילהעלם דער פערטער אַרויפגעטראָטען אויף דעם דייטשען טראָן. דער נייער קעניג איז אין יעדער הינזיכט געווען אַ בולט׳ער קאָנטראַסט צו דעם מאַן, וועלכער האָט נאָך דעם יאָהר 1797, פאַר צוויי־און־פערציג יאָהר געהערשט איבער דייטשלאַנד. פרידריך ווילהעלם דער דריטער איז געווען אַ געבאָרענער סאָלדאַט; זיין זוהן איז געווען אין זיין כאַראַקטער אַן אַרטיסט, מיט מיטעלמעסיגע האַלב־אונטערדריקטע טאַלאַנטען, אַ דילעטאַנט אין קונסט און וויסענ־שאַפט. דער פאָטער איז געווען אַ ניכטערער, בעשיידענער, און שטאַרקער כאַראַקטער; דער זוהן איז געווען אַ פאַנטאַסטישער ענטוזיאַסט און עמפפינדליך ווי אַ פרוי. דער פאָטער איז געווען איבערגעבען צו זיין פליכט, אַן עהרליכער, טרוקענער, בעשרענקטער מאַן, דער זוהן איז געווען אָנגעזאָפּט מיט ראָמאַנטישע געדאַנקען, געשיקט און באַריהמט מיט זיינע וויציגע אַרויסטרעטונגען. דער פאָטער איז געווען הויך, מאָגער און אַ סאָלדאַט אין זיין פערהאַל־טונג און קליידונג; דער זוהן האָט געהאַט ווייכע געזיכטציגע

1) ר. פּרוטץ: „פאָרלעזונגען איבער די דייטשע ליטעראַטור דער געגענוואַרט."

און ווי די קעניגין לואיזא, איז ער געווען מעהרער פעט ווי קרעפטיג, שנעל און קאפריזנע אין זיינע באוועגונגען, געזעליג און זעהר רעדעוודיג. דער פאטער איז א מאן אויף וועלכען מ'קען זיך פארלאזען; דער זוהן איז געווען אן אינטערעסאנטע פערזאן.

אבוואהל פרידריך ווילהעלם דער פערטער אלס קרוין־פרינץ האט געהאט די בעסטע לעהרער פון אלע צווייגען פון דער מיליטערישער בילדונג, האט ער זיך פונדעסטוועגען ניט אויסגעצייכענט אין מיליטערישע אנגעלעגענהייטען. ער האט זיך ליעב געהאט צו רופען א פרייסישער אפיצער, דאך די שטרענגע, פעדאנטישע דיסציפלין, וועלכע מען קען ניט אפטיילען פון דער מיליטערישער דיענסט אין צייט פון פריעדען, פלעגט איהם אויסמאטערען און צייטענווייז פלעגט ער, א האהענצאלער, אפלאכען פון די מיליטערישע פאראדען. אפטמאל, פונדעסטוועגען, פלעגט ער ווערען ווילד־ענטוזיאסטיש ביי א פאראד, די מוזיק, דאס קלאפען פון געוועהר, די הויכע קאמאנדעס, דער שיסען פלעגט אויף איהם ברענגען א סארט פאעטישע אויפרעגונג. אוועקגעטראגען פון דעם מיליטערישען ענטוזיאזם, האט ער איינמאל אין די מאנעווערעס אריינגעפיהרט זיינע סאלדאטען גלייך אין בערלין, ניט אכטענדיג אויף דער אונארדנונג וואס ער האט געשאפען, און אויף די הונדערטע שויבען וואס ער האט צובראכען דורך דעם שיסען אין די גאסען.

נאר מעהרסטענטיילס פלעגט דער קרוין־פרינץ פארברענגען מיט וויסענשאפטס לייטע און ארטיסטען — א געלערענטער ווי הומבאלדט, א היסטאריקער ווי ראנקע, א מאהלער ווי קארנעליוס, א סקולפטאר ווי רויך. ער האט זיך זעהר אינטערעסירט מיט ארכיטעקטור, האט געמאכט א שטודיום פון די אנטיקע סטילען און זייער צופאסונג צו דער רעליגיעזער ביזאנטינער ארכיטעקטור, האט געמאכט פלאנען, געזוכט צו שאפען אימפאנירענדע עפעקטען מיט דער הילף פון קאלאנאדען און זאלען. ער האט געמאהלען אידעאלע לאנדשאפטען, וועלכע האבען עראינערט די סצענעס פון די איטאליענישע ברעגען פון מיטעללענדישען ים. ער האט קריטיקירט מוזיק און פאעזיע. ער האט הויפטזעכליך ערמוטיגט און פאטראניזירט דעם שטודיום פון פארצייטיגע דייטשע מנהגים און די

פאַרצייטיגע קונסט, וועלכע האָט געדיענט דער רעליגיאָן. און דיזע באַשעפטיגונג מיט דער פאַרגאַנגענהייט האָט שטאַרקער געמאַכט זיין ווידערווילען צו דער צייט, אין וועלכער ער האָט געלעבט און אַנטוויקעלט זיין נייגונג צו צוריקקעהרען די אַלטע אָרדנונג, יעדענ־פאַלס צו באַקעמפען די רעפאָרמען, וועלכע זיינען געווען אינספּירירט פון דעם מאָדערנעם גייסט.

דיזע נייגונג האָט געמוזט פאַרשטאַרקט ווערען דורך זיין פאַר־קעהר מיט די גלחים אין דעם ענגען קרייז פון ראָמאַנטישע אַריס־טאָקראַטען, וועלכע זיינען געווען זיינע שטענדיגע חברים. פון זיין קינדהייט אָן איז ער געווען רעליגיעז. אַלס אַ יונגער אינגעל, אין פאַרלויף פון דער צייט פון דעם קריעג מיט נאַפּאָלעאָן, האָט ער געלערענט צו גלויבען אין דער היילינקייט פון דעם אַלטען סיסטעם פון דער רעגירונג, און די געטליכע רעכטע פון קעניגע, און אין דער מיסיע פון עסטרייך אַלס יורש צו דער הייליגער רוימישער אימ־פּעריע. ער האָט אָנגענומען דאָס גאַנצע סיסטעם פון געדאַנקען און ענטוזיאַזמען, פון וועלכע יאָזעף דער מייסטער איז געווען דער ערשטער און פעהיגסטער פאַרטרעטער. ער האָט געשטודירט האַל־לערים „רעסטאַווראַציאָן דער שטאַאַטסוויסענשאַפט“. אין אַ קור־צער צייט האָט ער אָנגעהויבען צו קוקען אויף דער קרוין ווי אויף אַ מיסטישען בריליאַנט, אַ קאָמבינאַציע פון גלח־ישער לעגטע און דעם דיקטאַטאָר׳ס גאָלדענעם קראַנץ; דעם קעניגס־באַרוף אַלס אַ הייליגע אויפגאַבע און דער קעניג אַלס פון גאָט אַליין אַ בעגייסטערטע באַשעפעניש. זיין אידעאַל איז געווען, פּאַטריאַרכאַלע באַציהונגען צווישען דעם קיסר און זיין פאָלק, דערזעלבער אי־דעאַל, וועלכען עס האָט נאַכגעפאָלגט אין פאַרלויף פון דער זעלבער צייט די אַזוי גערופענע יונג־ענגלאַנד, די נאַכפאָלגער פון דיזראַעלי.

פרידריך ווילהעלם דער פערטער איז אויפגענומען געוואָרען מיט דעמזעלבען בטחון מיט וועלכען אַ נאַציע, וועלכע איז אין איהר פּאָליטישער קינדהייט נעהמט אויף אַ נייעם קעניג. זיי האָבען געגלויבט אין איהם, ווי מען גלויבט וועגען אַלע קרוין־פּרינצען, אַז זיינע פּרינציפּען זיינען ליבעראַלער פון די פּרינציפּען פון זיין פאָטער. די האָפנונגען און די ערוואַרטונגען פון דער נאַציאָן האָט איהם אַרומגערינגעלט מיט אַ מין היילינקייט. ער

האָט אָנגעפאַנגען, ווי דער שטייגער פון מלכים, מיט עטוואָס וואָס האָט אויסגעזעהן צו רעכטפערטיגען דעם פאָלק'ס אבשאַצונג פון זיין כאַראַקטער; ער האָט פּראָקלאַמירט אַלגעמיינע אַמנעסטיע פאַר פּאָליטישע פאַרברעכער. דאָס האָט געפיהרט צו דער האָפנונג אַז ער וועט ערפיהלען דעם פּאָליטישען פערלאַנג פון לאַנד, אַז ער וועט געבען פּרייסען דאָס, וואָס מען האָט באַטראַכט פאַר נויטיג פאַר איהר ווייטערען פּראָגרעס, — אַ קאָנסטיטוציאָנעלע רעגירונג.

ווי מיר האָבען שוין געזאָגט, האָט דאָס דייטשע פאָלק געהאָט אַ קלאָרען און בעשטימטען קעניגליכען צוזאָג פון אַ קאָנסטיטוציע, אַ צוזאָג, וועלכען מען האָט אויף אַן אונעהרליכען אופן צוריק־געהאַלטען צו ערפילען. דאָס האָט געמאַכט זייער האָפנונג שטאַר־קער; זיי זיינען געווען זיכער אַז זייער צוזאָג וועט מען יעצט ערפילען.

באַלד נאָך דעם, ווי דער נייער קעניג איז אַרויפגעטראָטען אויף דעם טראָהן, האָט מען צוזאַמענגערופען די שטאַנדען פון פּאָזען, מזרח־ און מערב־פּרייסען קיין קעניגסבערג, מיט'ן צוועק אָפּצוגעבען כבוד דעם קעניג. די שטאַנדען פון מזרח־ און מערב־פּרייסען האָבען געענטפערט אויף דער בעקאַנטמאַכונג פון דער דאָ־זיגער פאַרזאַמלונג מיט אַן עניות'דיגער פּעטיציע צום קייסער, אין וועלכער זיי האָבען איהם געבעטען, ער זאָל אויפהאַלטען און פאַר־פאָלקאָמען אַזאַ רעגירונגס־סיסטעם, וואָס באַשטעהט פון פאָלקס־פאַרטרעטער, און וועלכע זיין פאָטער איז דאָ, ווי שטענדיג גע־ווען טריי צו זיינע פאַרשפּרעכונגען און האָט אָנגעהויבען איינצו־פיהרען אַ רעפּרעזענטאַנטען־רעגירונג אין די פּראָווינצען, נאָר האָט איבערגעלאָזען זיין קעניגליכען נאָכפאָלגער ער זאָל פאַרפאָלקאָמען זיין אַרבייט צו „דעם קעניגליכען נאָכפאָלגער, וועמען די נאַציאָן ליעבט מיט אַן אמת'ער איבערגעבענהייט און מיט וועמען זייערע טייערסטע האָפנונגען זיינען פאַרבונדען".

דער מיטעל־קלאַס פון דער באַפעלקערונג, וועלכע האָבען ער־וואַרטעט אַז זייערע געשעפטען זאָלען פּראָפּיטירען אין די קומענדע יומים־טובים אין קעניגסבערג, זיינען געווען שטאַרק אויפגעבראַכט פון דיזער פּעטיציע, ווייל זיי האָבען מורא געהאַט אַז זי וועט דערצאָרענען דעם קעניג. די העכערע קלאַססען, פון דער אַנדער

איט, האָבען זיך פאַרגעשטעלט, אז דער בעגאַבטער מאָנאַרך וועט באַלד נאָכגעבען די גערעכטע פאָדערונגען פון זיין פאָלק; קיינער איז ניט געווען אין אַ בעסערער לאַגע, ווי ער, צו פאַרשטעהן די חסרונות פון דעם אַלטען סיסטעם פון פאָלקס־פאַרטרעטונג. נאָר ניט די, וועלכע האָבען זיך געשראָקען פאַר דעם אויסברוך פון קעניגליכען צאָרן, און ניט די, וועלכע האָבען ערוואַרט דעם קעניגס ליבעראַליזם זיינען געווען גערעכט.

פרידריך ווילהעלם'ס אונבאַשטימטער ענטפער איז געווען, אַז די קאָנסטיטוציעס פון די שטאַנדען איז געבויט אויף אַ נאַציאָנאַל־היסטאָרישען באָדען, אַז דער קייסער איז שטאַרק פאַראינטערעסירט אין די דאָזיגע אינסטיטוציעס, אַז ער איז פעסט ענטשלאָסען צו געהן אין די טריט פון זיינע עלטערען, און זיינע געטרייע שטאַנדען מעגען „האָבען דעם פולען צוטרויען אין דעם קעניג'ס וואונשען“ וואָס אָנבעלאַנגט דעם לאַנדטאַג (פאַרלאַמענט).

ווי וועניג פאָזיטיווע פאַרזיכערונג עס איז ניט געווען אין דער דאָזיגער בעקאַנטמאַכונג, האָט מען זי אויפגענומען מיט פרייד; זי האָט באַפרייט איין טייל פון דעם שרעק פון אַ שטרענגען ענט־פער און האָט ערמוטיגט די האָפנונגען פון דעם אַנדערען. די יומים־טובים אין קעניגסבורג זיינען געווען זעהר ערפאָלגרייך און האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט אַן אַלגעמיינעם ענטוזיאַזם. דער וויכטיגסטער אינצידענט האָט פאַסירט גלייך נאָכדעם וו ידי דע־פוטאַטען האָבען איבערגע'חזר'ט, וואָרט נאָך וואָרט, די שבועה וועלכע מען האָט צו זיי געלעזען. ווי נאָר דער אָבקלאַנג פון הויי־כען „אָמן“, אַרויסגערעדט פון פיער הונדערט שטימען, איז אָבגע־שטאָרבען, האָט דער קעניג זיך אויפגעהויבען פון טראָהן, וועל־כער איז געשטאַנען אויף אַן אָפענעם באַלקאָן, אַרויסגעקומען פאָר־ווערטס, אויפגעהויבען די הענט אַזוי ווי צום שווערען, און האָט אָנגעהויבען ריידען צו דער פאַרזאַמלונג. יעדעס וואָרט פון זיין שטימע האָט מען קלאָר געקענט הערען. ער האָט צוגעזאָגט צו זיין אַ גערעכטער שופט, אַ געטרייער, באַרעמהאַרציגער רעגירער, אַ קריסטליכער קעניג ווי זיין פאָטער. דער לעצטער זאַץ ווייזט אונז אויף זיינע ליטעראַרישע פעהיגקייטען: „זאָל גאָט אויפ־האַלטען אונזער פרייסיש פאָטערלאַנד, צוליעב איהר אַליין, צו־

ליעב דייטשלאַנד'ס וועגען, און צוליעב דער גאַנצער וועלט — אונזער פאַטערלאַנד, וועלכע איז צוזאַמענגעשטעלט פון פיעלע טיילען, און איז פונדעסטוועגען איין גאַנצעס, ווי דער גאַבעלער מעטאַל וואָס איז אַ מישונג פון פיעלע אַנדערע נאָר איז אַליין איין מעטאַל, וועלכער קען קיינמאָל ניט ראָסטען, אויסער דעם בכבוד'יגען ראָסט פון יאָהרהונדערטע, וועלכע באַשעהנט איהם נאָר !"

די פאַרוואונדערונג, אַז אַ פּרייסישער קעניג זאָל אַזוי פון זיין אייגענעם פרייען ווילען געבען אַ צוזאַג צו זיין פאָלק אַלס ענטפער צו זייער צוזאַג צו איהם, צוזאַמען מיט דעם איינדרוק וואָס איז געמאַכט געוואָרען פון דיזער אויגענשיינליך צוגעגרייטער רעדע פון אַזאַ אימפּאָנירענדער קעניגליכער פּערזענליכקייט ווי דער פּריי־סישער קעניג, האָט געשאַפען אַ געפיהל פון אויפגערעגטער פרייד. איבער דעם באַלקאָן האָט די קעניגין געוויינט, אונטען האָט דאָס פאָלק געוויינט, געשמייכעלט און געדריקט איינער דעם צווייטען די הענט. אין דער היץ פון מאָמענט האָט מען ניט באַמערקט, אַז עס זיינען ניט געמאַכט געוואָרען קיינע פּאָליטישע פאַרשפּרע־כונגען, קיין זאַך אויסער ליבעראַלע און ראָמאַנטישע פראַזען.

נאָר דער קעניגסבערגער יום־טוב איז בלויז געווען אַן איינ־לייטונג צו דעם גרויסען יום־טוב וואָס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין בערלין. אין די געדאַנקען פון די איינוואוינער פון דער הויפּט־שטאָדט האָט אַ ליכט פון גאָלדענע פאַרשפּרעכונגען נאָך אַלץ אַרומגערינגעלט די פּערזאָן פון קעניג. זיי זיינען געווען ענט־שלאָסען צו טאָן יעדער זאַך אין זייער מאַכט צו ווייזען זייער איבערגעבענהייט, און צוגעבען צו דעם אַזאַ כאַראַקטער, וועלכער זאָל איהם זיין אַנגענעהם.

דעם מיליטער האָט מען ניט ערלויבט צו שפּילען די ערשטע ראָלע; מען האָט געזוכט עטוואָס אין דעם סטיל פון אַ מיטעל־אַלטער־דייטשען שטאָדט־יום־טוב. די פאַרשידענע גילדען, אַרום צעהן טויזענד פּערזאָן האָבען מאַרשירט טראָגענדיג פאָהנען און עמבלעמען. אַלס אַ קליינע אַנגענעהמע איבערראַשונג פאַר דעם קעניג האָט מען אינגאַנצען אַוועקגענומען דעם גרויסען שטיין נע־

בען ראטה־הויז, אַז וועלכען זיין קאַרעטע האָט זיך אַמאָל אָנגע־שטויסען, ווען ער איז נאָך געווען אַ קרויז־פּרינץ.

אין דער צווישען־צייט צווישען די צוויי ימים־טובים האָט פּאַסירט עפּעס, וואָס האָט געמוזט אויפוועקען אין די געדאַנקען פון דער נאַציאָן אַ פערדאַכט אין דער אונבעשטענדיגקייט פון קעניג. אויף דעם 4טען אָקטאָבער 1840, איז אַ קעניגליכע ערקלערונג פאַר־עפענטליכט געוואָרען, וועלכע האָט געגעבען אָנצוהערעניש, אום צו פאַרמיידען מיספאַרשטענדניסען, אַז דער קעניג, ווען ער האָט אויסגעדריקט זיין אָנערקענונג פון דער טרייהייט פון די שטאַנדען, האָט זיך ניט ערקלעהרט פאַר דער קאָנסטיטוציע, ווי זי איז פאַר־מולירט געוואָרען אין דעם באַפעהל פון דעם 22טען מאַי.

די פּרינצען און נאָבעל־לייט האָבען געדאַרפט נעמען אַ שבועה פון טרייהייט אין פּאַלאַץ, די בירגער האָבען געדאַרפט אָפּגעבען כבוד אין דעם גרויסען פּלאַץ, וואָס געפינט זיך ביי דעם, אַזוי גע־רופענעם, לוסטגאַרטען. פאַר צוויי שטונדען צייט זיינען די ביר־גער געשטאַנען אין דרויסען ווערענדיג אויסגעווייקט פון גרויסען רעגען וואָס האָט דאַן געגאָסען, אין דער צייט ווען דער קעניג האָט זיך צוגעהערט אין פּאַלאַץ צו די רעדעס פון די פּרינצען, נאָבעל־לייט, גלחים, און זיך אָפּגעגעבען מיט האַלטען רעדעס.

ענדליך איז ער ארויס אויף דעם באַלקאָן. דאַ האָט דאָס פאָלק ערוואַרטעט ער זאָל ריידען. בערלין וואָלט זיך געפיהלט באַליידיגט אויב דער קעניג, וועלכער האָט גערעדט אין קעניגסבערג זאָל דאַ אויפנעהמען זיין כבוד שטילערהייט. און ער האָט ווירקליך גערעדט. יעדער איינער האָט געקענט זעהן ווי ער מאַכט מיט די הענד, נאָר די גרוים פון פּלאַץ און דער טומעל פון רעגען האָבען ניט ערלויבט, אַז מען זאָל קענען עפּעס הערען.

יעדעס מאָל ווען ער פלעגט זיך אָפּשטעלען אין זיין רעדען, פלעגט דער עולם, מיינענדיג, אַז ער האָט געענדיגט, אָנהויבען צו אַפּלאָדירען; נאָר דער קעניג פלעגט מאַכען מיט די הענט און פלעגט ריידען ווייטער. דער רעגען האָט געגאָסען — דאָך האָט ער גערעדט. אַלע האָבען אַכטונג געגעבען אויף זיינע באַוועגונגען. פיער מאָל האָט דער עולם געמיינט, אַז ער האָט שוין געענדיגט און האָט אָנגעהויבען צו שרייען „הוראַ!" און פיער מאָל האָט ער

איבער אַ נייעם אָנגעפאַנגען. ער האָט פאַרשפּראָכען צו הערשען, ווי איינער וועלכער האָט מורא פאַר גאָט און האָט ליעב די מענשען, מיט אָפענע אויגען ווען ער וועט זיך באַשעפטיגען מיט די באַדערפעגישען פון פאָלק און פון דער צייט, און מיט פאַרמאַכטע אויגען ווען ער וועדאַרפען טאָן גערעכטיגקייט — נאָר דער אַנטיטהעזיס איז דאַ פאַרלאָרען געגאַנגען אין דער פייפעריי פון דעם ווינד אונדעם גיסען פון רעגען. ער האָט געשריען: „וועט איהר מיר צוזאָגען, דאָס אין דער צייט ווען איך זוך עס אַזוי צו טאָן, וועט איהר אויך צו מיר זיין געטריי סיי אין גליק און סיי אין אונגליק? — אויב ס׳איז אַזוי, דאַן גיט אַן ענטפער אין דעם איינפאַכסטען, שעהנסטען וואָרט פון אונזער מוטער־שפּראַך, אַן עהרליכען „יאָ“!“

געשריען „בראַוואָ! בראַוואָ!“ פון פּלאַץ. זיי האָבען געמיינט אַז דער קעניג האָט שוין געענדיגט. נאָר דער קעניג האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנד און האָט פאָרטגעזעצט. ענדליך האָט ער געשלאָסען זיין רעדע מיט דעם וואָס ער האָט ערקלעהרט דעם רעגען אַלס אַ גוטען סימן — אַבוואויל דאָס אויך איז פאַרלאָרען געגאַנגען פאַר דער פאַרזאַמלונג. „אַזוי העלף מיר גאָט, אַז איך זאָל האַלטען מיינע פאַרשפּרעכונגען, וועלכע איך האָב אייך געגעבען דאַ און אין קענגסבערג! און אַלס אַ סימן פון דעם, הויב איך אויף מיין רעכטע האַנד צום הימעל. געהט אַן יעצט מיט אייער יום־טוב, און זאָל גאָט׳ס בענשונג אויף אייך פאַלען ווי דער דאָזיגער רעגען היינטיגען טאָג!“

נאָר גאָט׳ס רעגען האָט אינגאַנצען אויסגעלאָשען דעם יום־טוב גייסט און האָט אָנגעבראַכט אַ פּראָזאַאישע קעלט אויף דעם עולם און דעם רעדנער.

קיינער האָט ניט געקענט זעהן אַ וועלכע פאַרשפּרעכונגען זאָלען ניט געהאַלטען ווערען, נאָר קיינער האָט ניט געקענט אָנרופען אַ באַשטימטע פאַרשפּרעכונג וועלכע איז געמאַכט געוואָרען פון זיין מאַיעסטעט. דער נייער קעניג און זיין רעגירונג האָבען זיך באַלד געוויזען אין זייער אמת׳ער ליכט.

אייכהאָרן איז נאָמינירט געוואָרען קולטוס־מיניסטער, אַנשטאָט דעם גראַף אַללענשטיין, דער פּאַטראָן פון העגעל און די העגעליאַנער.

אייכהאָרן האָט שוין געוויזען רעליגיעזע נייגונגען; מען האָט באַריכטעט, אַז ער וויל איינפיהרען שטרענגע געזעצען וועגען אָפּ־היטען די היילינע טעג און ערקלערען די געזעצען פון דער קירכע אַלס בינדענדע פאַר די רעגירונגס בעאַמטע. דער צאָרן וואָס איז אַרויסגערופען געוואָרען פון דיזען באַריכט איז געוועזען אַזוי גרויס, דאָס מען האָט זיך באַנוצט מיט דער ערשטער מעגליכקייט דאָס אַרויסצו־ווייזען. ראַסיינ׳ס „אַטהאַליע“ האָט מען געשטעלט אויף דער ביהנע אויף דעם קעניג׳ס ספּעציעלען פערלאַנג. מען האָט ניט געקענט געפינען קיין פעהלער אין דער פאַרשטעלונג אַליין, נאָר עס האָט א רעליגיעזען אינהאַלט און עס איז געשריבען געוואָרען פאַר די איינוואוינער פון א מאַנאַסטיר. ביי דער ערשטער פאַר־שטעלונג האָט מען עס אויסגעפייפט און די בעדייטונג פון דעם האָט יעדער אייוער געקענט פאַרשטעהן. דאָס פאָלק איז געוועזען מעהר אונצופרידען מיט דעם מיניסטער ווי מיט דעם קייסער, וואָ־רים קיינער האָט ניט געצווייפעלט אין דעם, אַז דער קיסר איז א רעליגיעזער מאַן, אין דער צייט וואָס דאָס לעבען וואָס אייכהאָרן האָט געפיהרט אין דער קאָמפּאַניע מיט וועלכער ער האָט פאַר־בראַכט, האָט זיי געצוואונגען זיי זאָלען האַבען פון איהם גאָר א פאַרקעהרטע מיינונג.

און ווען ער האָט גענוצט דעם אויסדרוק „דער קריסטליכער שטאַאַט“, דאָס הייסט דער שטאַאַט, אין וועלכען עס קאָנען ניט גערעכענט ווערען אַלס בירגער די יעניגע, וואָס זיינען ניט קיין פּראָטעסטאַנטען — האָט זיך תיכף אָנגעהויבען א קאַמף, סיי מיט אַלערליי ניכטערע און ערנסטע מיטלען, סיי מיט חוזק־מאַכען, נעגען דעם „פּיערעקיגען צירקעל“, ווי אייכהאָרנ׳ס דערמאַנטער אויסדרוק איז דעמאָלט אָנגערופען געוואָרען. צום אומגליק האָט דער קעניג מיט עטליכע מאָנאַטען פריהער אָפּגעשאַפט די צענזור איבער קאַריקאַטורען. ער האָט דאָס געהאַט געטאָן, וועלענדיג באַווייזען זיין ליבעראַליזם, אָדער אפשר דערפאַר וואָס ער האָט געהאַט אַליין א נייגונג צו הומאָר. עס איז איצט אויסגעקומען זעהר אָפט צו זעהן דעם רעליגיאַנס־מיניסטער אייכהאָרן ערשיינען אין די קאַריקאַטורען אַלס א וועווערקע (אייכהאָרן איז אויף דייטש א וועווערקע), ווי ער קייט בלעטער, אָדער ווי ער קנאַקט די פּוסטע

נים פון דער קריסטליכער קירך א. אז. וו. די אונדאַנקבאַרע קאַ־ריקאַטוריסטען האָבען ניט געזשאַלעוועט אפילו דעם קעניג, און היינע, דער גרויסער אַפּשפּעטער פון זיין צייט, האָט אַזוי אויסגע־לאַכט דעם קעניג׳ס אומבעשטימטקייט אין די פאָלגענדע שורות פונ׳ם ליעד „דער נייער אַלעקסאַנדער״:

„איך בין אַ מין אַנדרוגינוס, אַן איבערגאַנג, ניט פלייש, ניט פיש,
פון די עקסטרעמען פון דער צייט אַ קאָמישער געמיש,
איך בין ניט שלעכט, איך בין ניט גוט, ניט נאַריש, ניט געשיקט,
כ׳האָב נעכטען ערשט געשפּרייזט פאָראויס — געה היינט דערפאַר צוריק״.

אייכהאָרן איז אָבער ניט געווען צופרידען מיט׳ן פאַרקריסט־ליכען דעם שטאַאַט אליין, ער האָט באַצוועקט צו פאַרקריסטליכען די וויסענשאַפט אויך. ער האָט דערהויפט געוואָלט ארויסשטופּען גוט־באַוואוסטע העגעליאַנער פון אַלע וויכטיגע און איינפלוסרייכע עמטער. און געטאָן האָט ער דאָס דערפאַר וואָס די העגעליאַנישע פילאָסאָפיע האָט ניט נושא חן געווען ביים קעניג, מחמת זי האָט ניט איבערגעלאָזט קיין פרייען פעלד פאַר׳ן קעניג׳ס פאַנטאַזיע.

און טאַקע צוליעב דעם קעניג׳ס וואונש האָט מען אַרונטערגע־בראַכט שעלינגען פון מינכען קיין בערלין, ער זאָל פאַרנעהמען די אוניווערסיטעט קאַפעדרע וואָס איז געבליבען לעדיג נאָך העגעל׳ס טויט, און כדי שעלינג זאָל פון דאַנען לאָזען הערען זיין נייע פילאָסאָפיע, די „פילאָסאָפיע פון אָפּענבאַרונג״, וועלכע מ׳האָט פאַר לאַנגע יאָהרען געהאַלטען בסוד סודות, ווי אַ מין געהיימען כשוף, און דאַך האָט מען דאָס אויפגעבלאָזען גלייך ווי עס וואָלט זיך דערמיט אָנגעהויבען אַ נייע ערא. שעלינג האָט באַקומען אַ גרע־סערען געהאַלט, ווי אַ פּריסישער פּראָפעסאָר האָט ווען עס איז געקראָגען (מען איז אפילו אַזוי ווייט געגאַנגען צו זאָגען, אַז ער קריגט כמעט אַזוי פיעל ווי אַן ערשט־קלאַסיגע טענצערין 1). עס איז אודאי ניט דעם קעניג׳ס שולד, וואָס שעלינגען איז ניט גע־לונגען אויסצוואָרצלען די העגעליאַנישע אפּיקורסות, נאָר פּשוט דערפאַר, וואָס שעלינג איז געווען אַ דורכפאַל, כאָטש ער, שעלינג אליין, האָט ניט געפיהלט, ווי די גאַנצע יוגענד פון דייטשלאַנד האָט איהם פאַראַכט. אַזוי למשל האָט כ. קאַפּ אָנגעשריבען זעהר

אַ געלונגענע באַשרייבונג פון די פאַרשיידענע מעטאַמאָרפאָזען פון דעם הויף־פילאָסאָף, זינט זיין יוגענד אָן און ווי אַזוי ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיך זעלבסט. ער האָט אויסגעלאַכט דעם נאַרישען אופן ווי אַזוי שעלינג האָט שלום געמאַכט צווישען דעם פרייען געדאַנק און דער רעליגיע. און לודוויג פייערבאַך האָט איהם, אין זעהר אַן ענערגישער שפּראַך, אָנגערופען דער פילאָסאָפישער קאַליאָסטראָ פון דעם נייצעהנטען יאָהרהונדערט, און זיין פילאָסאָפיע — אַ טהעאָסאָפישען פאַרס.

אייכהאָרן האָט אונטערנומען אַ רייהע מיטלען צו אונטערדריקען דעם פּראָגרעס פון אמת׳ער וויסענשאַפט. ער האָט באַגרענעצט די צאָהל לעהרערס אין די פאַרשיידענע פּרייסישע אוניווערסיטעטען, דערביי רעדוצירענדיג די צאָל פּריוואַטע לעקציעס און אַזוי אַרום פאַרגרעסערט דעם קאַזיאָנעם איינפלוס. פּראָפעסאָר האָפמאַן פון ברעסלאַוער אוניווערזיטעט איז ענטזאָגט געוואָרען צוליעב אַ פּאָר אונשולדיגע פּאָליטישע אָנצוהערענישען אין זיינע „אונפּאָליטישע ליעדער“, וואָס האָבען גראָד אַריינגעפּאַסט צו די ליבעראַלע באַגריפען פון דעם מיטעלקלאַס, און די רעגירונג האָט זיך דערפאַר דערשראָקען. ווייטער, האָבען צוויי ביכער פונ׳ם ביבלישען קריטיקער, ברונאָ בויער, וועגען דער עכטליכקייט פון די פיער עוואַנגעליומס איהם געקאָסט זיין שטעלע אין דער באָננ׳ער אוניווערזיטעט. דער וואונש פון דער רעגירונג איז אָנגענומען געוואָרען דורך די אונטערטעניגע פאַקולטעטען, וועלכע האָבען זיך געמאַכט אַז זיי האַלטען פון פרייער וויסענשאַפטליכער פאָרשונג, און דאָך, האָבען זיי ניט געקאָנט סובל זיין ברונאָ באַוער׳ן אַלס אַ לעקטאָר איבער טהעאָלאָגיע. דער העגעליאַנישער טהעאָלאָג, מאַרהיינעקע, פון בערלין, האָט אויך אָפען ערקלעהרט, אַז ער דענקט, דאָס ברונאָ בויער זאָל באַפרייעט ווערען פון זיין לעקטאָר־שטעל, — נאָר גראָד דערפאַר וואָס ער מיינט אַז אַזאַ גרויסער וויסענשאַפטס־מאַן ווי באַוער דאַרף זיכער באַשטימט ווערען צו אַן איינפלוסרייכערען אַמט, ווי אַ בלויזער אוניווערזיטעט־לעקטאָר. נאָר די רעגירונג האָט אויסגעפיהרט איהרס. די סטודענטען פון האַלע האָבען דערלאַנגט אַ פּעטיציע, אַז דאַוויד שטראַוס זאָל באַשטימט ווערען אַלס פּראָפעסאָר ביי זיי, נאָר זיי האָבען מעהר ניט ווי אויסגעפיהרט.

אַז די ערשטע דריי סטודענטען, וואָס האָבען אונטערגעחתמ׳עט די פּעטיציע, זיינען אויסגעשלאָסען געוואָרען.

נאָכ׳ן טויט פון גאַנז, איז באַשטימט געוואָרען אויף זיין שטעל דער באַוואוסטער רעאַקציאָנער שטאַהל, דער מחבר פון דעם „אומקעהר פון דער וויסענשאַפט". אַביסעל איז עס אפילו געווען אַ דערינדערונג צו דער רעגירונג, וואָס די סטודענטען האָבען ניט געוואָלט צוהערען צו שטאַהל׳ס לעקציעס און האָבען איהם מיט טומעל אַרויסגעיאָגט.

אין דעם זומער פון 1841 איז אין דער שווייץ ערשיענען אַ קליין ביכעל אונטער׳ן נאָמען „געדיכטען פון אַ לעבעדיגען". צווישען אַנדערע איבעראַשענדע פערזען איז דאָרטען אויך געווען אַזאַ:

„רייסט די צלמים פון די קברים,
און שניידט פון זיי אויס שווערדען בעסער —
ס׳וועט גאָט דערפאַר אונז מוחל זיין!
הערט אויף צו עסק׳ען מיט גראַמען,
אויף דער קאַוואַדלע לעגט דעם אייזען: —
ס׳קאָן רעטונג בלויז פון שטאַל אונז זיין!"

און —

„לאָז בעסער, גאָט, אַ שטורעם קומען — אוי, איידער ס׳איז אַ שרעק ווי שטיל!
און שטאָט דער אידילישער פאַרקנעכטקייט — אַ פריהיוטליכע טרויערשפּיל!
און היים און ווילד די האַנט זאָל שלאָגען אין דער פאַרשטיינערטע קאַלטער וועלט,
און שטעל פאַר איהר אַ גבור אויף, צו דער נקמה ברענג אַ העלד!"

ווי אַ הקדמה האָט דאָס ביכעל געהאַט אַ פּאָעטישען אַרויסרוף צו דעם „טויטען מאַן", דאָס הייסט צו פרינץ פּיקלער, וועלכער האָט געשריבען אונטער אַזאַ פּסעוודאָנים. די אַטאַקע איז אפשר געווען אומגעריכט, דאָך האָט זי אַזוי שעהן געקלונגען!

דער אַנאָנימער אויטאָר, וועמעס נאָמען איז זעהר גיך געוואָרען באַוואוסט, איז געווען אַ פיער־און־צוואַנציג יעהריגע יונגערמאַן מיט׳ן נאָמען געאָרג הערוועג, געבאָרען אין ווירטעמבערג אין 1817 און דערצויגען אין דער באַוואוסטער טיבינגענער ערציהונגס־אַנ־

שטאַלט. אין דער צייט, ווען ער האָט געדיענט אין דער אַרמיי, האָט העררוועג זיך צוקריגט מיט אַן אָפיצער און געמוזט אַנטלויפן אין דער שווייץ, וואו ער האָט געוואוינט אַ סך יאָהרען און זיך גע׳חבר׳ט מיט אַנדערע אַנטלאָפענע יונגע ראַדיקאַלען. אין זעהר אַ קורצער צייט האָבען זיינע פּאָעמען, מיט זייער פרישען און געוואָגטען, כּמעט אונדייטשליכען ראַדיקאַליזם, געוואונען אַ געוואַלדיגע פאַרשפּרייטונג אין פאַרלויף פון אַ פּאָר חדשים. דער סענטימענט פון די פּאָעמען איז אפילו ניט שטאַרק קלאָר: דאָ קריגט ער זיך מיט די טיראַנען און דאָ מיט די פיליסטער; דאָ געפינט ער זיינע שונאים אין דייטשלאַנד גופא, און שפּעטער — אין אויסלאַנד; היינט איז ער אַן אָפענער רעפּובליקאַנער און מאָרגען פאָלגט ער נאָך דעם ביישפּיעל פון פּלאַטען און ער אַפּע־לירט צום קעניג אויף אַן ערנסטען אופן און בעט איהם, און וואָרנט איהם, און אין דער זעלבער צייט פאַרזיכערט ער איהם, אַז עס איז נאָך ניט צו שפּעט:

„דו ביזט דער שטערן, אויף וועלכען מיר קוקען,
דער לעצטער פירסט, אויף וועלכען מיר האָפען.“

דאָס פּובליקום פון יענער צייט האָט ניט באַמערקט, ווי דעם יונגען פּאָעט פעהלט באַשטימטקייט; זיין ענטוזיאַזם איז געווען אַנשטעקענד, און זיין ליריש־רעטאָרישען כּח האָט קיינער ניט געקאָנט ביישטעהן. ער איז געווען דער ערשטער לירישער פּאָעט וואָס האָט געשטורעמט מענשליכע הערצער זינט די טעג פון געטע און שילער. פון די אַלפּען ביז צום באַלטישען ים האָט דער יונגער פּאָעט געמאַכט זינגען:

„רייסט די צלמים פון די קברים!“

זאין הערבסט פון 1842 האָט העררוועג אָנגעהויבען אַ טור דורך דייטשלאַנד, מיט אַ פּראַקטישען צוועק פאַר זיך. ער האָט געוואָלט זיין אַרבייט, וואָס ער האָט אָנגעהויבען אַלס אַ פּאָעט, פאָרטזעצען ווי אַ זשורנאַליסט און אַ פּאָליטישער שרייבער. ער האָט אין דייטשלאַנד געוואָלט צונויפקלייבען געלט, אום אַרויסצוגעבען אַ מאָנאַטליכען זשורנאַל מיט׳ן נאָמען „דער דייטשער שליח פון

דער שווייץ". זיין נסיעה איז געווען אַ ט ר י אַ ו מ ף: מען האָט לכבוד איהם געגעבען באַנקעטען אין קעלן און אין לייפּ־ציג, און די סטודענטען פון יענאַ האָבען איהם באַגלייט מיט גע־זאַנג — קיינער פון די דייטשע פּאָעטען פאַר איהם האָט ניט געקראָגען אַזוי פיעל פאַרעהרונג.

צום סוף אָקטאָבער איז ער אַנגעקומען אין בערלין, וואו ער האָט ניט געקאָנט האָפען צו מאַכען אַ גרויסע סענסאַציע. דער עיקר דערפאַר, וואָס ער האָט געפאָלגט די עצה פון זיין באַגלייטער, רוגע, און האָט ניט אַנגענומען דעם פאָרשלאָג פון אַ געוויסער ראַדיקאַלער געזעלשאַפט. נאָר דערפאַר האָט פּאַסירט עפּעס, וואָס קיין שום פאָלקס־דעמאָנסטראַציע וואָלט ניט געווען ביכולת אויפצוטאָן — דער קעניג אַליין האָט אויסגעדריקט זיין פערלאַנג זיך צו באַקענען פּערזענליך מיט הערוועג'ן.

ביז אַהער האָבען זיך פרידריך ווילהעלמ'ס ליטעראַריש־עסטעטישע נייגונגען עפענטליך אויסגעדריקט אין דער אונטערשטיצונג פון טיעק און ריקערט, וועלכע ער האָט פריהער געהאַט איינגע־לאַדען אין בערלין. לודוויק טיעק, וועלכער איז שוין געווען אַלט און האָט געליטען פון רעוומאַטיזם, פלעגט, ביי געלעגענהייט, פאָר־לייענען אין הויף זיינע זאַכען און שטעלען געוויסע פּיעסען אויף דער סצענע. פרידריך ריקערט האָט געזאָלט העלפען אָרגאַניזירן דעם שטודיום פון אָריענטאַלישע שפּראַכען אין בערלינער אוניווערזיטעט, נאָר ער האָט זיך צו דעם אַרויסגעוויזען ניט פּאַסיג. אין שייכות מיט ליטעראַטור, איז זיכער ניט געווען קיין טראַדיציע אין דער האָהענצאָלערן פאַמיליע, און בלויז איין פּרעצעדענט איז געווען איידער מען האָט אַהין איינגעלאַדען הער־וועג'ען, און דאָס איז געווען פרידריך ווילהעלמ'ס פערזענליכער ענט־פער צו פּלאַטען'ס אַן אָדע, אין וועלכער ער האָט געבעטען דעם קעניג זיך אַנצונעהמען פאַר פּוילען. פרידריך ווילהעלם, וועלכער איז דעמאָלט נאָך געווען אַ טראָנפאָלגער האָט, אין זעהר אַ האַר־ציגען בריעף צו דעם פּאָעט, אויסגעדריקט זיין סימפּאַטיע צו די פּאָליאַקען און שטאַרק באַדויערט וואָס ער איז ניט בכח זיי צו העלפען. אין דער אָדע, וואָס הערוועג האָט אַדרעסירט צום קעניג, האָט דער יונגער פּאָעט איהם געבעטען אונטערצודריקען קלערי־

קאַליזם. און עס איז געווען אַן אַנגענעמער סיורפּריז אויסצוגע־
פינען אַז דאָס איז ניט באַטראַכט געוואָרען פאַר אַ גרויסער עבירה.

די אוידיענץ איז פאָרגעקומען דעם 19טען נאָוועמבער 1842.
הערוויג איז געווען זעהר שטילשווייגענד, ווי נידערשלאַגען דורך
אַזאַ סיטואַציע, וועלכע איז געווען ניי פאַר איהם. דערפאַר איז
דער קעניג, ווי זיין שטייגער, געווען שטאַרק באַרייִדעוודיג. מען
דערצעהלט, אַז ער זאָל האָבען געזאָגט צו הערוויג'ן: איהר זייט
דער צווייטער שונא מיינער וואָס איך האָב אויפגענומען היי־יאָהר;
דער ערשטער איז געווען מ. טהיערס (וועלכער האָט געהאַט געסטראַ־
שעט מיט אַ מלחמה אין יאָהר 1840, צוליעב דער שטיצע וואָס די
גרויס־מלוכות האָבען געגעבען צום סולטאַן אין זיין קריגעריי מיט'ן
פּאַשאַ פון מצרים); נאָר אַ גרויסען פאַרגניגען האָב איך צו זעהן
אייך. מיר האָבען איטליכער זיין באַרוף: מיין באַרוף איז צו
זיין אַ מלך, און אייערער — צו זיין אַ פּאָעט. איך וועל זיין געטריי
צו מיין עובדא און איך פאַרהאָף אַז איהר וועט אויך אַזוי זיין גע־
טריי צו אייערער. קיין זאַך איז מיר ניט אַזוי אָפּשטויסענד ווי
אונענטשלאָסענהייט; איך אַכט יעדע געגנערשאַפט וואָס איז
געבויט אויף אמת'ער, עכטער איבערצייגונג". ריידענדיג וועגען
הערוויג'ס יונגקייט האָט ער איהם פאַראויסגעזאָגט „אַ טאָג פון
דמשק" און ער האָט געענדיגט מיט די ווערטער: „ביז דאַן לאָמיר
זיין אָרענטליכע געגנער".

אַזוינע איינצעלהייטען וועגען דער באַגעגעניש פון דעם קעניג
מיט'ן פּאָעט האָבען אַרויסגעבראַכט אָדער קינדערשע קנאה אָדער
קינדערשען פאַרדראָס און פאַראַכטונג צווישען די אָפּאָזיציאָנעלע
שרייבער פון יענער צייט. זיי האָבען געקלערט, אַז הערוויג האָט
ביי אַזאַ געלעגענהייט גענדאַרפט, אויפ'ן שטייגער פון מאַרקיז פּאָזאַ,
פאָדערן פּאָליטישע פרייהייט פאַר פּרייסען.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז הערוויג אָוועקגעפאָהרען פון בערלין.
אין קעניגסבערג, וואו מען האָט ווידער געגעבען אַ באַנקעט פאַר
איהם, האָט איהם געטראָפען די אונגעריכטע נייעס, אַז זיין פּראָ־
יעקטירטער זשורנאַל איז ערקלערט געוואָרען אַלס קאָנטראַבאַנדע
אין פּרייסען, נאָך איידער ער איז ערשינען. פאַר אַזאַ סאָרט פאַר־
באָט האָט ער אפילו באַדאַרפט זיין צוגענרייט, ווייל אַלע ביכער

וואָס זיינען פאַרעפענטליכט געוואָרען אין אויסלאַנד, זיינע אייגענע לידער אַריינגערעכענט, זיינען אין פּרייסען ניט אַריינגעלאָזען געוואָרען, א חוץ יענע, פאַר וועלכע מען האָט געקראָגען א ספּעציעלע ערלויבניש. נאָר וויל הערוויג איז שוין געווען אויפגערעגט דורך דעם וואָס אַז אַנדער ראַדיקאַלע אויסגאַבע האָט איהם באַשולדיגט אין פאַרראַט צו זיינע אידעען, איז ער פון דעם פאַרבאָט שטאַרק צוטומעלט געוואָרען און ער האָט אַדרעסירט צום קעניג אַן אומגעלומפּערטען, פּחדנות'דיגען, און כלומר'שט פּאַטהעטישען בריעף.

אין בריעף האָט ער דערמאָנט דעם קעניג'ס פאַרשפּרעכען פון בכבוד'יגער געגנערשאַפט, — א פאַרשפּרעכען, וועלכער איז איצט געבראָכען געוואָרען; אַז ער וואָלט ניט בעטען דעם קעניג צוריקציהען דעם פאַרבאָט, ניט געקוקט דערויף, וואָס עס גלוסט זיך איהם שטאַרק ניט צו זעהן ווי זיין פּען וועט דאַרפען זיין אין שטענדיגען קאָנפליקט מיט די געזעצען פון זיין לאַנד; ווייטער האָט ער געשריבען אַז דער פאַרבאָט קען איהם ניט שאַדען, והא ראיה, ער האָט איצט דעם גליק צוצוגרייטען זיינע לידער שוין צו דער פינפטער אויפלאַגע, כאָטש זיי זיינען אויך פאַרבאָטען; דאָך פיהלט ער זיך געצוואונגען עהרליך צו אַפּעלירען צום קעניג צום לעצטען מאָל, און, כאָטש דער דאָזיגער אויפרוף זיינער איז א פּריוואַטער — דאָך דריקט ער פאָרט אויס די סענטימענטען פון טויזענדער אַנדערע א. אז. וו.

דער בריעף אַליין איז געווען געגוג נאַריש און לייכטזיניג. ווען ער איז פּובליקירט געוואָרען אין א לייפּציגער צייטונג אין א פּאָר וואָכען אַרום האָט ער אויך געקראָגען געעטפּערט פאַר דער נאַרישקייט: זייענדיג אין שטעטין, האָט הערוויג ערהאַלטען א באַפעהל צו פאַרלאָזען דאָס לאַנד. די בעאַמטע האָבען איהם באַגלייט צו זיין קאַרעטע, פון וועלכער ער האָט אין האַלע שוין ניט געטאָרט אַרויסגעהן. ווי יום־טוב'דיג זיין אויפנאַמע איז געווען — אַזוי איז זיין געזעגענען זיך מיט פּרייסען געווען געגוג קאַלט און טרויעריג.

דער גרויסער סאַטיריקער היינע, האָט אַזוינע שורות אין זיין געדיכט „דער עקס־לעבעדיגער".

„אַראַנכוועז! פאַר'ן קעניג פיליפ ווען איך שטעה
און זיינע גרויסע דאַמען —
ווי גיך די שעהנע טעג
אויף דיין זאַמד זיינען פאַרשוואונדען.

כ'בין איהם שטאַרק געפעלען
ווען כ'שפיעל די שפיעל פון מאַרקיז פאַזאַ;
מיין פערז איז איהם געפעלען שטאַרק
ס'געפעהלט איהם אָבער ניט מיין פראָזאַ."

און אין זיין „די אוידיענץ" לאַכט ער אָפּ נאָך מעהר אומ־ברחמנות'דיג פונ'ם שוואַבישען זויגלינג (הערוועג):

„ווי דער הייליגער נוצרי — אַזוי אויך וואָלט איך
מיט'ן אַנבליק פון קינדער זיך פרעהען.
ברענג די קינדער אַריין. צו ערשט וויל איך פאַר זיך
דעם שוואַבישען חברה־מאַן זעהען.

דער מאָנאַרך האָט גערעדט און דער קאַמערהער לויפט
און דעם בחור געבראַכט גלייך אַהין,
האָט זיך געניגט פאַר'ן קעניג דער שוואַבישער העלד
און געבוקט זיך כדת וכדין.

פרעגט דער מלך איהם אָן: „ביסטו טאָקע אַ שוואָב?
ס'איז אוים חרפה און בושה ביי לייטען געוואָרען".
„געטראָפען" — דער שוואָב זאָגט. — „איך בין פון דאָרטען אַליין,
אין שוואַבענלאַנד טאָקע געבאָרען".

זאָגט דער מלך: בעט עפּעס אַ גנאָד אויס פון מיר".
פאַר'ן מלך דער שוואָב פאַלט אַנידער,
און ער זאָגט מיט געבעט: „אוי קעניג, מיין האַר,
צום פאָלק קעהר זיין פרייהייט אום ווידער".

ס'איז אַ סצענע געווען, ווי דער קעניג שטעהט שטיל,
זיך אין אַ ריהרענדע לאַגע געפונען.
און דער שוואָב ווישט אָראָפּ מיט זיין אַרבעל אַ טרער,
וואָס האָט פון זיין באַק שטיל געגרונען.

„ס'איז אַ גאַנץ שעהנער חלום" — רעדט דער קעניג צום סוף:
„נאָר דו דאַרפסט, נאָך צו חכמה זיך גרייטען,
און דערפאַר, וואָס דו שיינסט מיר אַ סאָמנאַמבוליסט
דאַרפסטו האָבען ווער עס זאָל דיך באַגלייטען.

זשאַנדאַרען צוויי זיכערע וועלען שוין דיך
צום גרעניץ זיין דיינע באַגלייטער;
זיי געזונט, ווייל איך מוז שוין איצט געהן צום פּאַראַד
כ'הער פּויקען און הער די טרומייטער".

נאָר עס איז ניט געווען צוליעב דעם הומאָר אַליין נאָר אויך מיילוויז צוליעב קנאה און שנאה. מענשען האָבען גענומען נקמה אָן זייער פריהערדיגען ענטוזיאַזם. נאָך די הערוועג־קאַטאַסטראָפע האָט מיטגעבראַכט מיט זיך שלעכטע פּראַקטישע רעזולטאַטען. די „לייפּציגער אַלגעמיינע ציימונג", די סאַמע פאַרשפּרייטעסטע אָפּאָזיציאָנעלע צייטונג אין פּרייסען איז אונטערדריקט געוואָרען אויפ'ן אַנדערען טאָג, נאָכדעם ווי עס האָט פאַרעפענטליכט דעם בריעף צום קעניג. די „רהיינישע צייטונג", די וויכטיגסטע ליבע־ראַלע צייטונג אין פּרייסען, האָט אויך געהאַט דעמזעלבען פּסק. אויך אין זאַקסען, לויט אַ בקשה פון פּרייסען, איז פאַרמאַכט גע־וואָרען אַרנאָלד רוגע'ס „דייטשע יאַהרביכער", אַ פּעריאָדישע אויס־גאַבע, וואָס האָט אויסגעדריקט די מיינונג פון דער נאָכדענקענדער יוגענד פון יענער צייט.

דער יונגער דור האָט פון דער פּאַסירונג אַ וויכטיגע לעקציע אָפּגעלערענט. דאָס, וואָס אַ יונגער פּאָעט האָט זיך געפיהלט צע־טומעלט פאַר אַ קעניג און האָט דערנאָך ניט געוואוסט ווי זיך אומצוגעהן מיט איהם איז ניט געווען פון גרויס וויכטיגקייט. די מענשען פון דער צייט האָבען זיך געהאַט פאַרגעשטעלט אַז זיי

זיינען וווּיט אַוועק פון זייערע פאָרגענגער פון דרייסיגער יאָהרען; זיי האָבען געקלערט, אַז זיי פאַרמאָגען שטאַרקע כאַראַקטערים, אין דער צייט ווען יענע זיינען געוועזען באַשאַנקען ניט מעהר ווי מיט טאַלאַנט. איצט אָבער האָבען זיי געלערענט, אַז ניט נאָר ערוואַרט מען פון פּאָעטען, עס זאָל פון זיי אַרויסקומען גרויסע פּאָליטישע פיהרער, נאָר אַז דער גאַנצער דור מוז זיך גוט דיסציפּלינירען, כדי עס זאָל קאָנען בעסער ביישטעהן דעם טאָג פון פּראָבע, ווי דער פריהערדיגער דור האָט געטאָן.

פון איצט אָן האָבען דענקער און פּראָפעסיאָנעלע פּאָליטיקער (וועלכע זיינען נאָך דערצו געוועזען פּראָפּיטאָרען) אויפגענומען די פיהרערשאַפט. און דער פאַקט, אַז דער דור וואָס האָט רעוואָלוציאָניזירט דעם גייסט פון דייטשלאַנד איז אַזוי אויגענבליקליך דורכגעפאַלען צום סוף פון דער רעוואָלוציע פון 1848, איז צוצושרייבען, ניט נאָר צום אויספעהלען פון שטאַרקען כאַראַקטער, נאָר אויך צום אידעאַליזם, וואָס וואַקסט אויס אין די מוחות פון מענשען, וועלכע האָבען קיינמאָל ניט געהערשט, און אויך צו זייער גלויבען אין דעם גרויסען כח פון אידעען און אידעאַלען זיך זעלבסטשטענדיג צו רעאַליזירען, ווי אויך צו זייער פאַראַכטונג צו דער ברוטאַלער דרויסענדיגער קראַפט, וועלכע, באַטש טעאָרעטיש איז זי געוועזען פון קלענערער באַדייטונג, דאָך האָט זי זיך פּאָרט, נאָך דעם, ווי זי איז באַזיעגט געוואָרען אין׳ם ערשטען צוזאַמענשטויס, זיך קאַלט ערלויבט צו ווערען גרינג געשעצט פון איהרע געגנער און ערוואַרט דעם מאָמענט ווען, מיט באַנייטע קרעפט, זי האָט זיך צוריקגעקעהרט צו דער אַטאַקע.

עס זיינען געוועזען פאַרשיידענאַרטיגע מיינונגען מכח די פאַרשיידענע מיטלען, וואָס פרידריך ווילהעלם׳ס מיניסטאָרען האָבען גענומען, נאָר דאָס רוב האָט מען זיי קריטיקירט אָהן רחמנות. אונטער יעדער פראַגע האָט געטליעט די פראַגע וועגען דער פּרייסישער קאָנסטיטוציע. דעם קעניג׳ס פּראָוואָ גראַב פטור צו ווערען פון דער פראַגע איז געוועזען אָהן ערפאָלג, און די מיטלען, וועלכע ער מיט זיינע עצה־געבערס האָבען באַנוצט אונטערצודריקען די באַוועגונג זיינען געוועזען אונגליקליכע. אין

דעם שלעזישען לאַנדטאַג האָבען דער הויפּט מאַגיסטראַט און אַנ־
דערע פאַרשטעהער פון דער שטאָדט ברעסלאַו פאַרגעלעגט אַן אַד־
רעס פון די שלעזישע שטאַנדען וועגען דער פראַגע פון אַן אַלגע־
מיינע פאַרזאַמלונג פון די שטאַנדען פון דעם גאַנצען קעניגרייך —
אַ פּאַרלאַמענט. דער קעניג האָט געענטפערט מיט אַ באַזונדערער
באַקאַנטמאַכונג וועגען דער פּראַצעדור וואָס זאָל אָפּגעהיט ווערען
ביי דער שטאָדט ברעסלאַו, און ער האָט דערביי אָנגעוויזען אַז
קיין שום הכנות זאָלען ניט געמאַכט ווערען צו זיין אויפנאַם —
ווייל ער וויל פון ברעסלאַו קיין זאַך ניט אָננעהמען. און דאָס איז
געווען אין מאַי, און עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען אַ נסיעה
וואָס וועט פאָרקומען ערשט אין אָקטאָבער, און וואָס פון ברעסלאַו
זיינען דערווייל נאָך ניט אָנגעקומען קיין איינלאַדונגען! און דער
קעניג איז פאָרט געקומען אין ברעסלאַו און די פייערליכקייטען
זיינען יאָ פאָרגעקומען, כאָטש אונטערן אויסרייד, אַז דאָס קומט
נאָר פאַר צוליעב דער הונדערט־יעהריגער פאַראייניגונג פון שלע־
זיען און פּרייסען. ער האָט זיך באַגנוגענט מיט'ן באַקלאָגען זיך
פאַר אָפּוועזענהייט פון „אויסדריקע וואָס וואָלטען איהם געמאַכט
הערצליכען פאַרגניגען" אין דער איינלאַדונג, און ער האָט זיך אויך
אָפּגעזאָגט צו פאַרברענגען אין ברעסלאַו מעהר ווי אַ טאָג צוויי,
מיט'ן אויסרייד, אַז ער איז צו קורץ אין צייט.

דער קעניג אָבער האָט זיך שטאַרק גענויטיגט אין דער הסכמה
פון די שטאַנדען פון קעניגרייך, כדי ער זאָל זיין ביכולת אויס־
צופיהרען אַ פּראָיעקט, וואָס איז זעהר וויכטיג געוואָרען פאַר דער
גאַנצער מדינה. מען האָט געדאַרפט בויען אייזענבאַהנען און
דערצו איז נויטיג געווען צו קומען צו אַן אויסגלייך וועגען אַן
הלואה וואָס איז נויטיג פאַר'ן בויען די באַהנען, און אויך אַ שטאַט־
ליכע גאַראַנטיע פאַר די בויער פון פּריוואַטע באַהן־ליניעס. לויט'ן
געזעץ, וואָס האַרדענבורג האָט דורכגעפיהרט אין 1820, איז נויטיג
געווען די הסכמה פון די שטאַנדען אין ביידע פאַלען. דער קעניג
האָט אויסגעאַרבייט אַן אוממעגליכען פּלאַן: צונויפצורופען אַ
פאַרזאַמלונג פון 600 פאַרשטעהער, אויסגעקליבען דורך די פאַר־
שיידענע פּראָווינציאַנעלע לאַנדטאַגען און לאָזען די דאָזיגע פאַר־
זאַמלונג שפּילען די ראָלע פון רייכסשטאַנדען. מעטערניך איז

געוועז געצוואונגען זיך אריינצומישען און באווייזען די גאנצע אומפּראַקטישקייט פון דער סכעמע.

עס איז געוועז אין דער צייט ווען אַ קליינער פּאַמפלעט „פיער פראַגען פון אַן אַסטפּרייסער" האָט געמאַכט אַ סענסאַציע אין גאַנץ דייטשלאַנד. דאָס קליינע ביכעל איז ערשינען אויפ'ן גייסטיגען האָריזאָנט ווי דער ערשטער וועכטער־בליץ, וואָס זאָגט אָן דעם שטורם. עס איז פאַנאַדערגעוואָרפען געוואָרען אומעטום צום סוף פעברואַר 1841 און איז כלומר'שט געדרוקט געוואָרען אין מאַנהיים. עס איז אַזוי פאָרזיכטיג אָראַנזשירט געוואָרען, אַז דאָס ביכעל האָט זיך באַוויזען ביי אַלע בוכהענדלערס אין זייערע פענסטער, אין יעדער פּרייסישער שטאָדט און אין דעם זעלבען טאָג — אַ חוץ אין בערלין, וואו עס האָט זיך באַוויזען אַ ביסעל שפּעטער און די דאָזיגע פאָרזיכטיגקייט איז אָנגענומען געוואָרען כדי אויסצומיידען קאָנפיסקאַציע איידער עס ווערט גוט פאַנאַנדער געטיילט.

די פיער פראַגען, וואָס דאָס ביכעל האָט ענטהאַלטען האָבען פאָראויסגעזאָגט דעם פאָלק פון דער אַבסאָלוטער מאָנאַרכיע. די פראַגען זיינען געוועזן: וואָס האָבען די שטאַנדען געבעטען? וואָס פאַר אַ רעכט האָבען זיי געהאַט צו מאַכען אַזאַ בקשה? וואָס פאַר אַן ענטפער האָבען זיי ערהאַלטען? און וואָס בלייבט זיי צו טאָן?

דעם ענטפער וואָס דאָס בוך האָט געגעבען אויף דער ערשטער פראַגע איז געוועזן, אַז דאָס פאָלק האָט כמעט ניט קיין דעה אין זיין אייגענער רעגירונג, ניט קוקענדיג דאַרויף וואָס דער אַלגע־מיינער הויכער צושטאַנד פון פאָלק'ס ערציהונג דאַרף ברענגען דערצו, זיי זאָלען דאָס יאָ האָבען. און אַז זייער פאַרלאַנג צו האָ־בען אַ רעפּרעזענטאַנטען פאַרזאַמלונג, אַ נאַציאָנאַלען פּאַרלאַמענט, איז געוואָרען נאָך הייסער דורך דעם, וואָס זיי פאַרמאָגען ניט קיין שום אַנדערע מיטלען, ווי, למשל, אַ פרייע פּרעסע, אויסצודריקען זייערע מיינונגען, און אַז דעם קעניג'ס מיניסטאָרען ווערט, צוליעב זייער ווילקיר, פּיעטעט און אונטערטעניגקייט, פון פאָלק ניט גע־שענקט דאָס מינדעסטע צוטרויען.

אויף דער פראַגע: וואָס פאַר אַ רעכט האָבען די שטאַנדען אַזוינס צו פאָדערען? ענטפערט דער מחבר פון בוך, אַז דאָס איז דאָס רעכט פון אויטאָריטעט, וואָס איז דערקלערט און אַנערקענט

געוואָרען דעם 22טען מאַי 1815. אויף דער דריטער פראַגע: וואָס פאַר אַן ענטפער זיי האָבען ערהאַלטען? איז געווען די תשובה: אַן אַנערקענונג פון זייער לאָיאַליטעט, אַ פאַרוואָרפען פון זייער פאָרשלאַג און אָפּטיגע פאַרשפּרעכונגען וועגען עפּעס אונקלאָרע צוקונפטיגע באַפרידיגונגען. דער ענטפער צו דער לעצטער פראַגע: וואָס בלייבט פאַר די שטאַנדען צו טאָן? האָט פאַרנומען בלויז אַ שורה און אַ האַלבּס: צו פאָדערען איצט, ווי אַ דעמאָנסטרירטע רעכט, דאָס, וואָס זיי האָבען ביז אַהער געבעטען בלויז, ווי עפּעס וואָס זיי קומט, דורך רחמנות.

דער ערנסטער איינדרוקספולער טאָן פונ'ם פאַמפלעט, און ווי עס אַפּעלירט צום פאָלק'ס גערעכטיגקייטס געפיהל און זיין זעלבסט־רעספּעקט, האָט אַרויסגערופען אַ שאַרפען פאַרלאַנג צו וויסען דעם נאָמען פון דעם אַנאָנימען מחבר. דער אויטאָר אַליין האָט אַריינ־געשיקט דאָס ביכעל צום קעניג און האָט אויפגעשריבען זיין נאָמען אויף דער ערשטער זייט: דר. יאָהאַן יאַקאָבי, אַרצט אין קעניגס־בערג. דער קעניג האָט גלייך באַפעהלען צו פאַרפיהרען אַ פּראָצעס קעגען איהם. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ער איז געווען אַ גאַנץ רייכער מאַן און אַ זעהר געאַכטעטער דאָקטאָר. אין 1831, אין דער צייט פון דער ערשטער כאָלערא־עפּידעמיע, וואָס האָט שטאַרק געבושעוועט אין פוילען, איז ער אַהין אוועק צו שטודירען די קראַנקהייט, און ער האָט דאָרטען אין דער לעצטער צייט געהאַט אַ פאַרלענגערטע פּאָלעמיק מיט אַ וואַרשאַווער דאָקטאָר, — אַ פשוט'ער שאַרלאַטאַן, — וועלכער האָט, צו דער צייט ווען די עפּידעמיע האָט פון דאָס ניי אויסגעבראָכען אין 1837, אַנאָנסירט זיינע אַן ערפינדונג, אַ זיכערער הייל־מיטעל געגען דער דאָזיגער „אומבאַדייטענדער גרינג־אויסהיילבאַרער קראַנקהייט“. דר. יאַקאָבי האָט אָנגעשריבען אַ קורצען וויסענשאַפטליכען אַרטיקעל, וואָס האָט אָבער שטאַרק פוגע בכבוד געווען דעם דערמאָנטען „דאָקטאָר“. דער דאָזיגער האָט גלייך אָנגעשריבען אַן ענטפער פול מיט זידלערייען און האָט איהם אָפּגעדרוקט אין די בערלינער צייטונגען. און דורך דער הילף פון איינפלוסרייכע גוטע פריינד האָט דערוויזען ניט נאָר דערצו אַז דר. יאַקאָבי'ס ענטפער איז פאַרבאָטען געוואָרען געדרוקט צו ווערען, נאָר ער האָט אויך געמאַכט צו גאַרנישט

יאַקאָבי׳ס באַמיהונגען פאַר׳ן בערלינער הויפּט צענזאָר, פאַר׳ן העכסטען צענזור־ראַט, פאַר׳ן אינערן מיניסטער, ראָכאָוו׳ן, און פאַר׳ן קעניג אַליין.

די פאַרלעגער פון האַמבורג, לייפּציג, גריממא, באַזעל און בערן האָבען זיך אַלע אָפּגעזאָגט צו דרוקען די דאָקומענטען, וועלכע וואַרפען אַ שיין אויף דער גאַנצער אַנגעלעגענהייט. איטליכער מענש וואָלט זיכער געהאַט אויפגעגעבען יעדען פאַרזוך אָבער ניט יאַקאָבי. עס זיינען אַוועק מאָנאַטען, דער מאַנוסקריפּט האָט געררייזט טויזענדע מיילען און איז לסוף אָפּגעדרוקט געוואָרען אין פּאַריז אונטער׳ן נאָמען: „אַ בייטראַג צו אַ קומענדיגער היסטאָרישער אָפּשאַצונג פון דער פּרעס צענזור אין פּרייסען“.

אַזאַ איז געווען יאַקאָבי׳ס כאַראַקטער. הייסט עס, אַז סוף כל סוף איז געקומען דאָס, וואָס יונג־דייטשלאַנד האָט אַזוי נעדאַרפט, דאָס וואָס אַפילו די גאַר יונגע דייטשלאַנד מיט איהר הערוויג׳ן האָט ניט אַרויסגעבראַכט, דאָס וואָס איז אַזוי וויכטיג אין געזעלשאַפטליכען לעבען — אַ מאַן. דייטשלאַנד פון די פערציגער יאָהרען האָט געפונען אַ שטאַרקען פּאָליטישען פיהרער — אַפילו ניט קיין שטאַאַטסמאַן אין געוועהנליכען זינען פון וואָרט, ווייל די צייט האָט באַוויזען, אַז יאַקאָבי איז ניט געווען פעהיג זיך צוצופּאַסען אינגאַנצען צו די אומשטענדען, אַז ער האָט ניט געקאָנט זיך צופרידענשטעלען מיט׳ן שטרעבען צו דעם, וואָס איז דערגרייכבאַר; ער איז אָבער געווען אַ מאַן, מיט אַ ווילען וואָס לאָזט זיך ניט בויגען, אַ מאַן פון אַן אַבסאָלוטער גאַנצקייט, וועלכע לאָזט זיך ניט צאַמען און ציהט זיך מוטיג צו זיין צוועק.

די רעגירונג און די פאַרלוימדערישע פּרעסע האָבען אָנגעהויבען אַ סיסטעמאַטישע אַטאַקע געגען איהם. זיין פּערזענליכקייט איז געווען ריין, און דער איינציגער פלעק אויף איהם איז געווען דאָס, וואָס ער איז געווען פון אידישער אָפּשטאַמונג. אַ גרופּע מאַגנאַטען פון אַ קליינער שטאָדט נעבען קעניגסבערג האָבען אַרויסגעלאָזען אַ קליינעם פּאַמפלעט אונטער׳ן נאָמען: „אַ שטים פון געטרייע אונטערטאַנען פון זיין מאַיעסטעט דער קעניג פון פּרייסען“, און דאָרט לייענט זיך אַזוי: „ניט פון דייטשע, ניט פון קריסטליכע ליפּען אַראָפּ קומען אַזוינע דיבורים... מזרח־פּרייסען וואָלט געווען

פאַרשעמט, ווען איהרע זין וואָלטען אַזוינס אויסגעדריקט... די זרע ישראל האָבען ניט געטאָן הארכען צו דער שטים פון גאָט און האָבען ניט אַנערקענט זיין איינ־איינציגען זון, אַנשטאָט דעם האָבען זיי איהם פאַרפייניגט צום טויט; דערפאַר האָט זיי גאָט פון זיך אָפּגעטרייסעלט און זיי זיינען פאַרשפּרייט געוואָרען צווישען אַלע פעלקער פון דער וועלט". דאָס אַלץ האָט אָבער ניט געשטערט, אַז מיט דער צייט זאָל יאַקאָבי'ס פּאָרטרעט זיך געפינען אינ'ם שויפענסטער פון יעדען דייטשען בוכהענדלער. זיין פּנים, מיט די שעהנע רעגולערע געזיכטס־צוגען איז געווען אַרומגערינגעלט מיט פיער פראַגע־צייכענס; זיין פּען האַלט ער אויסגעשטעלט ווי אַ שפּיז, ערב אַן אַטאַקע.

די וויכטיגקייט פון דער דאָזיגער פערזענליכקייט האָט זיך געלאָזט פיהלען צווישען די פּאָעטען פון יענער צייט, אַפילו ביי די, וואָס זיינען געווען ווייט פון צו האָבען אַ שטאַרקען כאַראַקטער, און אַפילו אויך ביי דינגעלשטעדט, וואָס האָט ביי יענער צייט געהאַלטען אין פאַרהאַנדלען זיינע אָפּאָזיציאָנעלע אַנשויאונגען פאַר דעם טיטעל „געהיימראַט". אין דינגעלשטעדט'ס זאַמלונג ליעדער מיט'ן נאָמען „נאַכטוועכטער'ס וועלטגאַנג", געפינען מיר אַ ליעד מיט אַ קעפּעל וואָס באַשטעהט פון פיער פראַגע־צייכענס (????), די פראַגעס זיינען באַשיינפּערליך געשטעלט צום פּרייסישען קעניג:

„דו וועסט מיר זיי ניט אויסמעקען — דו ווייסט וואָס זיי באַדייטען?
זיי זיינען דאָך ניט מעהר ווי פיער, פיער קליינע פראַגע־צייכענס.
ווי דעמבעס, וואָס זיי וואָרצלען טיעף און הויך אַזוי זיך הויבען,
עס שטעהען פאַר'ן דייטשען פאָלק פיער קליינע פראַגע־צייכענס,
און כאָטש דו גלויבסט ניט שטאַרק צו זעהן זיי—ביי דיר אין דיין מלוכת
דאָך הויבען זיי די קעפּ פון ס'ניי — די קליינע פראַגע־צייכענס.

און ווען דו שטאַרבסט און ליגסט אין קבר — וועלען זיי נאָך בלייבען
און וועלען שטעהן אויף דיין מצבה — די אויסגעקריצטע פראַגע־צייכענס."

הערוועג האָט אויך שטאַרק באַזינגען יאַקאָבי'ן, פּונקט ווי ער וואָלט פאָראויסגעזעהן, אַז ווען יאַקאָבי זאָל געווען שטעהן פּנים אל פּנים מיט'ן פּרייסישען קעניג, וואָלט ער זיך אויפגעפיהרט מו־

טיגער ווי ער. און דאָס איז טאַקע אַזוי געווען. אין נאָוועמבער 1848, ווען דער קעניג האָט צו אַ דעפּוטאַציע, וואָס איז געקומען צו איהם פאָדערען אַן ענדערונג אין מיניסטאָרען־קאַבינעט, גע־ענטפערט בזה הלשון: „איך וויל ניט הערען צו קיין שום מיט־טיילונג וועגען דעם דאָזיגען ענין“, — איז יאַקאָבי אַרויסגעגאַנגען פאָראויס און געזאָגט: „עס איז שטענדיג דער גרויסער אונגליק פון קעניגען, וואָס זיי ווילען דעם אמת ניט הערען“. הערוועג'ס אַ ליעד, וואָס האָט אַלס קעפּיל אַ „י“ (דער אָנהויב פון יאַקאָבי'ס נאָמען) הויבט זיך אָן אַזוי:

„געלעגען לאַנג אויף אונזער לאַנד
אַ קללה האָט זי אויסגעצערט;
אַז אויפשטעהן וועט אַ גרויסער מאַן —
ווער האָט פון דעם געקלערט.
אַ פרייער דייטש, אַ גאַנצער מאַן —
ווער האָט פון דעם געטראַכט,
אַז פון איהר שלאָף די דייטשע לירע
וועט האָבען אויפגעוואַכט?“

דערוויל איז דער פּראָצעס געגען יאַקאָבי'ן אָנגעפיהרט געוואָרן זעהר ענערגיש. אין קנאַפּע פיער וואָכען האָט מען איהם געבראַכט צוואַנציג מאָהל צום פאַרהער. און גאַנצע 96 עדות זיינען אויסגע־הערט געוואָרען. זיין אמת'ער פאַרברעכען איז געווען נאָר דאָס אַריבערטרעטען די פּרעסע־געזעצען, אייגענטליך נאָר דאָס אַרום־געהן די צענזור. נאָר מען האָט איהם אויך באַשולדיגט אין אויפ־העצען צו אומצופרידענהייט. וואָס פאַר דעם איז געקומען אַ שטראָף — צוויי יאָהר טורמע און פאַרלירען זיין שטימרעכט; אויך האָט מען איהם באַשולדיגט אין מאַיעסטעטס־באַליידיגונג, וואָס דערפאַר האָט מען געקראָגען פיער יאָהר אַרעסטאַנטסקע שטראָף־אַרבייט; און אויך אין „הויכ־פאַרראַט“, וואָס דערפאַר קומט טויט־שטראָף מיט „דער אָנווענדונג פון די סאַמע שטרענג־סטע און אַפשרעקענדע פאַרפייניגונגען און שטראָף“.

מען האָט איהם פאַרגעבראַכט אין אָנהויב פאַר'ן געריכט אין קעניגסבערג, נאָר דאָס דאָרטיגע געריכט האָט זיך ערקלערט אומ־קאָמפּעטענט אין דעם פאַל, ווייל דאַ איז פאַרבונדען אויך הויך־

פאַרראַט און האָט דעם משפט איבערגעגעבן צום קאַמער־געריכט אין בערלין. דאָס קאַמער־געריכט, וואָס האָט געוואוסט אַז די באַשולדיגונג פון הויכפאַרראַט קאָן ניט דורכגעטראָגן ווערן, האָט זיך אויך ערקלערט פאַר ניט קוואַליפיצירט און האָט דעם פאַל אָפּגעשיקט צוריק. דער קעניג האָט געמוזט אַרויסגעבן אַ פאַראָרדנונג און געצוואונגען דעם קעניגסבערגער געריכט אָנצוגעהן מיט'ן משפט. פאַר יאַקאָביי'ן האָט אַפילו בעסער געלוינט גע'משפט צו ווערן אין זיין היימישער שטאָדט, נאָר דער געדאַנק פון אַן אומגעזעצליכער באַפרייאונג האָט איהם שאָקירט און ער האָט דערפאַר עקשנות'דיג געפאָדערט גע'משפט צו ווערן דורך דעם קאַמער־געריכט אין בערלין — ווייל מען האָט איהם דאָך באַשולדיגט אין הויכפאַרראַט. מען האָט געמוזט אַזוי טאָן און ער איז פאַר'משפט געוואָרען צו דריי מיט אַ האַלב יאָהר טורמע און שווערער אַרביים און צו פאַרלירען זיין שטימרעכט. נאָר אין דריי יאָהר אַרום האָט דער פרייסישער קאַסאַציאָנס־געריכט ערקלערט איין פאָלשטענדיגע באַפרייאונג.

אונטערדעסען האָט מען אין גאַנץ דייטשלאַנד געקליבען געלט איהם צו פרעזענטירען מיט אַ ציוויל־קראַנץ. געלט האָט זיך געשאָטען פון אַלע זייטען און אָנגעזעהענע מענשען האָבען אונטערגעשריבען די ליסטען אויבענאָן. די רעגירונג האָט אָבער גלייך פאַרכאַפּט די געלדער מיט די ליסטען און אָפּגעשטעלט די גאַנצע אַרביים. אין דער צייט ווען די פּאָליציי מיט דער צענזור האָבען אַזוי געאַרביים אָפּצושטעלען די אַגיטאַציע פאַר אַ פרייער קאָנסטיטוציע — איז אַרויסגעלאָזט געוואָרען אַ פאַראָרדנונג וואָס איז דער גרעסטער אַבסורד אין דער געשיכטע פון וועלכער ניט איז אויטאָקראַטיע — איינער פון די געזעצען וואָס האָבען עקזיסטירט אין לאַנד איז ערקלערט געוואָרען אַלס פאַרבאָטען צום דרוקען... דאָס איז געווען דער געזעץ פון דעם 22טען מאַי 1815 — דער געזעץ וועגען דער אינסטיטוציע פון שטאַנדענפאַרשטעהער פון דעם רייך— ווייל דאָס האָט אַ טענדענץ צו באַשאַפען אונצופרידענהייט...

אין יאָהר 1842 האָבען די יעניגע פרייסען, וואָס האָבען געהאָפט צו זעהן זייער לאַנד זאָל אונטער דעם נייעם קעניג זיך באַפרייען פון די באַליידיגענדע באַציהונגען מיט צאַר ניקאָלאַי דעם ערשטען—

זיך דערוואוסט, אַז פרידריך ווילהעלם דער פערטער, וועלכער איז אין פּלאַטענ'ס צייטען געווען אַזאַ הייסער פריינד פון פּוילען און אַ שונא פון רוסישע דרכים, גרייט זיך צו אַ נסיעה קיין ווארשע צו באַגעגענען דעם רוסישען צאַר. אויף זיין וועג צוריק האָט דער קעניג זיך אָפּגעשטעלט אין קאַליש צו באַטראַכטען דעם מאָנומענט, וואָס איז דאָרטען אויפגעשטעלט געוואָרען לכבוד דער באַגעגעניש פון די אימפּעראַטאָרען פון רוסלאַנד און פּרייסען אין 1813. דער רוסישער גענעראַל בערג, וועלכער איז שפּעטער געוואָרען „באַרוהיגער" פון פּוילען, האָט איהם איבערזעצט די אויפשריפטען. איינע פון זיי האָ זיך געלייענט בזה הלשון:

„זאָל דער אַלמעכטיגער געבען זיין ברכה צו דער פריינדשאַפט צווישען רוסלאַנד און פּרייסען אַזוי, אַז זי זאָל ברענגען צום שלום און וואוילזיין פוןביידע לענדער און זאָל אַרויפוואַרפען אַן אימה אויף זייערע ביידענס שונאים".

ווען דער קעניג האָט דאָס געהערט, איז ער גיך אַרויף אויף די טרעפּלאַך פונ'ם מאָנומענט און האָט אויפגעשריבען מיט זיין קעניגליכען פינגער אין שטויב דעם וואָרט: „אָמן".

16.

די נייטראלע ליטעראטור.

פונדעסטוועגען איז פרידריך ווילהעלם דער פערטער געווען דער טאלאנטפולסטער קעניג פון דער דאמאלסדיגער אייראפא; אין זיינע געשפרעכען ווייזט זיך ארוים א דורכדרינגענדע קלוגשאפט און א לעבעדיגע פאנטאזיע, דערביי פלעגט ער קיינמאל ניט פארגעסן זיין חוב — צו פיהלען זיך מעשה קעניג. זיינע ארויסגעגעבענע בריעף און צעטעלאך צו הומבאלדטען זיינען געשריבען געווארען אין אן אמוזירענדען הויף־זשארגאן, און פון זיי ווייזט זיך ארוים א שנעלע עמפפינדליכקייט, א באלעבט מיטגעפיהל און א געלונגענע שארפזיניגקיים. מען קען ניט זאגען, אז ער האט גארניט געהאט צוטאן מיט דער דייטשער ליטעראטור און מיט דעם גייסטיגען לעבען פון יענער צייט; נאר זיינע באמיהונגען זיינען געווען אויסשליסליך געווענדעט אויף צוציהען צו זיך די „גוטע“ ליטערארישע כחות און דערוויטערען די „שלעכטע“, און אין גיכען האט ער אנגעהויבען צורעכענען צו די לעצטע אלע געגנערישע עלעמענטען.

פון אנפאנג איז אלעקסאנדער פ. הומבאלדט געווען דער גרעסטער ליטערארישער כח ביים הויף. ער איז שוין געווען 83 יאהר אלט; ער איז געווען דער בארימטסטער נאטור־פארשער פון זיין צייט און געווען באוואוסט איבער דער גאנצער וועלט. די ליבעראלע רעגירונגס־אידעען פון זיין ברודער זיינען, אמת זאגענדיג, געווען אונטערדריקט, זיינע אייגענע פאליטישע פריידענקונג האט ניט געקענט בליהען אין דער הויף־אטמאספערע, און ער, וועלכער פלעגט זיך באציהען מיט׳ן זעלבען עקעל צו אבערגלויבען און

רעאַקציע, פלעגט מוזען שוויינען, זעהענדיג דאָס וואָס פלעגט איהם אויפרעגען; פונדעסטוועגען פלעגט ער זיך אַמאָל ערלויבען פריי רייד, נאָר אַלס אַ צירונג פאַר דעם הויף און די שטאָלץ פאַר דער רעגירונג, פלעגט מען זיך מיט גרויס עהרע באַציהען צו איהם אין די הויף־ספערען. זיין איינפלוס פלעגט ער אויסנוצען כדי צו העל־פען דער וויסענשאַפט און פון צייט צו צייט אָננעהמען זיך מיט זיין שטאַרקען וואָרט פאַר דעם אָדער יענעם פאַרפאָלגטען שרייבער. ביז דעם יאָהר 1848, ווי מען זעהט פון די בריעף, פלעגט זיך אין דעם קעניג׳ס טאָן וועגען איהם ארויסווייזען אַ שפּאַסיגע הארציג־קייט, כאָטש צווישען זיי האָט קיינמאָל ניט עקזיסטירט קיין טיפע סימפּאַטיע און געמיינשאַפטליכע פארשטענדניס. נאָך דעם יאָהר 1848, ווען די פּאַרטיע „קרויצייטונג“ האָט געקראַגען די אויבער־האַנד, האָט הומבאָלדט ארויסגעזאָגט זיין אונצופרידענהייט וועגען דעם וואָס ער האָט פאַרלאָרען זיין פריהערדיגען איינפלוס אין אַזוינע באַמערקונגען ווי: „עס איז איצט שווער צו אַמוזירען דעם קעניג“, אָדער „ער ווייזט איצט ארויס אַ שטאַרקע צוגעבונדענקייט צו פּערזאָנען, וועלכע האָבען נאָר געפונען חן אין זיינע אויגען“. איהם פלעגט זיין ניט גרינג זיך איינלעבען מיטן הויף. ער פלעגט אָפט ארויסווייזען צאָרן און אויפרעגונג, ווען ראַנקע׳ס פּאָליטישע מיי־נונגען פלעגען קריגען די אויבערהאַנד איבער זיינע. פיעלע האָבען איהם ניט ליעב געהאַט — צווישען אַנדערע, די קעניגין — פאַר זיין פּאַרטייאישקייט צו לואי־פיליפּ און זיין געזינד. ער פלעגט אָפט פאַרלעזען הויך אַלערליי זאַכען, אָבער קיינמאָל ניט — זיינע אייגענע ווערק; אָפטער פון אַלץ פלעגט ער פאַרלעזען „זשורנאַל דע דעבאַ“, אין דער צייט ווען דער קעניג פלעגט אַנוואַרפען אַרכי־טעקטור פּלענער און פּייזאַזשען.

אַן אַנדער פאַרלעזער פאַר דער קעניגליכער געזינד איז געווען דער גערופענער פון דרעזדען און בערלין, לודוויג טיק. זייענדיג מיט אַ סך יאָהרען אינגער פון הומבאָלדט׳ן, האָט ער זיך געפיהלט, צוליעב זיין פיזישע שוואַכקייט, אונטערדריקט אונטער דעם יאָך פון דעם הויף־לעבען. ער פלעגט גערן פאַרלעזען שעקספּיר׳ן און קלייסט׳ן. דער קעניג האָט געצוואונגען פאַרצושטעלען אין בערלין זיין צויבערליכע קאָמעדיע: „דער קאָטער אין שפּריוז־שיך“. די

קאָמעדיע האָט געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ גייסט פון אַ לאַנג־פאַרגאַנגענער צייט. אויפגעפאָדערט פון דעם קעניג האָט טיק אויפגעפיהרט אויף דער ביהנע סאָפאָקלס „אַנטיגאָנע“, און מענ־דעלסאָן האָט געשריבען מוזיק צו איהר. נאָר טיק איז געוועזען בלויז איינער פון די אינוואַלידען פון דער ליטעראַטור. אויב דער הויף פלעגט עסען זיין מאָהלצייט אונטער׳ן פרייען הימעל אין סען־סוסי, פלעגט ער זיך אָפּהיטען פון אַ צוג אַפילו אין די הייסע טעג.

אַן אַנדערער פון די אַמאָליגע באַריהמטע פּאָעטען פון דער ראָ־מאַנטישער עפּאָכע, וועמען דער קעניג האָט געבראַכט אין בערלין, איז געווען לאַ מאָט פוקע, וועלכער איז אין גיכען דאָרט געשטאָר־בען. ער איז אַלט געווען אַריבער 60 יאָהר, און ער האָט זיך איבער־געלעבט אין אַלע הינזיכטען. דער יונגער דור האָט געקוקט אויף די העלדען פון זיינע ראָמאַנען ווי אויף זאַכען וואָס באַלאַנגען צום אַלטערטום. אַלעמען זיינען דערעסען די ערצעהלונגען פון דער ריטער־צייט און די פרויען־פאַרגעטערונג אין קינדערשע פאָרמען; דאָס פאָר־הסטאָרישע אין אַנשויאונגען אויף פאַרגאַנגענע צייטען און זיין ניט־אויפריכטיגקייט צו זיין רעליגיאָז פלעגען אַרויסרופען געלעכטער. ווען ניט דעם קעניג׳ס הילף, וואָלט ער געשטאָרבען אין נויט, און אַבסאָלוטער פאַרגעסענהייט.

עס איז געווען נאָך אַ גרויסער פּאָעט, וואָס האָט ניט באַלאַנגט צו דער ראָמאַנטישער שוהלע, וועמען דער קעניג האָט געבראַכט אין בערלין אין דעם יאָהר 1841 אויף וואַרנהאַגען׳ס ראַט. דאָס איז פרידריך ריוקערט (1789—1865). ער איז געווען אַביסעל עלטער פון פופציג יאָהר, נאָר ער האָט שוין אויך ניט באַלאַנגט צו דער געגענוואַרט. אין דער ליטעראַטור פון יענער צייט איז ער געווען דער אויסדרוק פון דער איינגעזעסענער, ניט קוקענדיג אויף אַלע ניט גינסטיגע באַדינגונגען, שטאַרקער דייטשער אוניווערסאַליטעט, די פעהיגקייט צו אַריינזאַפּען אין זיך און איבערגעבען די אינדי־ווידועלע שטריכען פון אַלערליי פעלקער. ער האָט אין זיין לעבען אַרויסגעטרייסעלט פון אַרבעל איין ליעד נאָך דער אַנדערער מיט אַ געשיקטקייט, וואָס פלעגט אַלעמען ערשטוינען. נאָך אין זיין יוגענד האָט יאָזעף פ. האַמער איהם באַקאַנט מיט די אַראַבישע,

פערסישע און טערקישע ליטעראַטורען, און אין יאהר 1826 האט ער געקראַגען אַ דאָצענט־שטעלע פאַר אָריענטאַלישע שפּראַכען אין ערלאַנגען. נאָך די גאַנצע צייט פּלעגט ער פאַרנאַכלעסיגען זיינע פליכטען אלס לעקטאָר.

אין דעם מאַנער פון זיין שרייבען איז דאָ עטוואָס, וואָס דער־מאַהנט אַן געטעס סטיל, ווי ער איז דאַמאַלס געווען, ווען געטע האט געשריבען זיין „דיוואַן“, און אין דערזעלבער צייט וואַרפט זיך דורך עטוואָס, וואָס איז ווי אַנטנומען פון די ברידער שלעגעל, מיט זייער אומערמידליכקייט אין זייערע פאָרשונגען און איבערזעצונגען. נאָך אין זיין דיסערטאַציע פון יאהר 1841 „וועגען דעם כאַראַקטער אין דער פילאָלאָגיע“ באַמערקט מען דעם איינפלוס פון פר. שלעגעל'ס ווערק וועגען דער וויזהייט פון די אור־אַלטע אינדיאַנער: ער געהט דאָ אַרויס פון דעם באַגריף וועגען „וועלט־פּאָעזיע און גיט צו, אַז די גערמאַנישע שפּראַך איז די פּאַסנע פאָרם פאַר איהר. און אין דער אמת'ן, האט דער ווירטואָז פון סטיל אונז איבערגעלאָזען די מוסטערס פון „וועלט־פּאָעזיע“. אין אָנפאַנג טרעט ער אַרויס מיט זיינע „קריגערישע סאָנעטען“ אין פאָרזיכטיג געשליפענע און פיינע פאָרמען. נאָכדעם באַווייזען זיך איין בוך נאָך דעם אַנדערען מיט 500—600 ליעבעס־ליעדער, גע־ווידמעט אַלערליי יונגע פרויען; דאָס רייכסטע, לויט'ן אינהאַלט, איז געווען די זאַמלונג „ליעבעס־פריהלונג“, געווידמעט זיין כלה לואיזע ווירטהאַוז. די גרופּע איז די איינציגע צווישען ריוקערט'ס ווערק, וועלכע איז דורכגעדרינגען מיט געפיהל. אין אַנדערע לידער ווייזט ער זיך אַרויס אַלס דידאַקטישער פּאָעט אין לירישע פאָרמען. דאָ טרעט ער אַרויס אין דער ראָלע פון אַ זינגער. די סכעמאַ־טישע פאָרמע שטערט אויך דאָ דעם נאַאיווען אויסברוך פון גע־פיהלען. ריוקערט'ס שטרעבונג צו באַווייזען זיין קענטניס צו באַ־הערשען די שפּראַך ציינט זיך אויך דאָ אַרויס אין זיין שטענדיגען באַנייאונג פון דעם ווערטער מאַטעריאַל און אין ניט־געצוואונגענער ווערטער־קאָמבינירונג אין די פּאָעטישע פאָרמען, נאָך ניט געזעהענע ביז יענער צייט און אַרויסרופענדיג די נאָכמאַכונג פון דעם דענישען שרייבער אָרעסטרופּ:

„וועלכע העלדענפּריידיגקייט דער ליעבע
וועלכע שטאַרקע מוטהיגען ענראַגענס
וועלכע הימליש ערדענטשוואונגנע טריבע,
וועלכע גאָטטבעגייסטרונג דעם ערטראַגענס!
וועלכע זיך־ערהויבונג, זיך־ערנידערונג,
זיך־ענטויסשרונג, וואויל־גע איהם־זיך־געבונג,
זיך־ענטויסרונג, וואויל־גע איהם־זיך־געבונג,

אזעלכע סאָרטען ליעדער שטעלען מיט זיך פאַר גיכער א לינג־וויסטישען און טעכנישען איידער א פּאָעטישען אינטערעס. נאָר ריוקערט איז אייגענטליך פּונקט אזא פילאָלאָג ווי א פּאָעט. זיין גרויסע פעהיגקייט איז א ריין לינגוויסטישע אין א צווייפאַכיגען זין: די פעהיגקייט צו שטודירען שפּראַכען און דורכדרינגען אין זייער גייסט און די פעהיגקייט, א דאנק דעם טיעפסטען דורכ־דרינגען אין די געהיימניסען פון די אייגנע שפּראַך, איבערגעבען אויף איהר די בעסטע אויסלענדישע פּאָעטישע ווערק. ער האָט ליעב געהאַט צו באַשאַפען פאַר זיך אליין לינגוויסטישע שוועריג־קייטען כדי שפּעטער זיי בייקומען. דערפאַר זעהען מיר איהם ארויסטרעטענדיג פאַר אונז אדער אין אַן אַלט־גערמאַנישען סטיל, וואס פּאַסט זיך צו צו זיינע לאַנגע אלברעכט־דיורעראַוסקע לאָקען, אדער אין געשטאַלט פון א יונגען דייטשען אַפיצער פון דער עפּאָכע פון נאַפּאָלעאָנ׳ס מלחמות, אדער אין געשטאַלט פון א בעדואין, וועלכער דערצעהלט אונז מיט א זעלטענע פעהיגקייט וועגען „מאַק־מאַר גארירים“, אדער אין געשטאַלט פון א פּערסיאַנער, וועלכער פערהילט זיינע גראַמען אין פאָרמען פון גאַזעלען, אדער שאַפט א הערלאַישע פּאָעמע וועגען „רוסטעק און זאָראַב“. ער טרעט ארויס אין געשטאַלט פון א טערק אין א קאַפטאַן און טשאַלמע, אדער אין געשטאַלט פון א כינעזער אין טופלעס און א צאָפּ, נאָר אָפטער און מעהר גערן פון אלץ אין געשטאַלט פון א בראַמין אויף די ברעגען פון היילינען גאַנג, און לערנט אין קלינגענדיגע ליעדער די וועיזהייט פון לעבען.

וועגען טעאָפיל גאָטיע פלעגט מען אָפט זאָגען, אז ער איז נאָך זיין גייסט, ביי זיך אין דער היים אין דעם אלטען עגיפּעט, פּונקט ווי אין דעם רומלאַנד פון אונזער צייט, אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל

פונקט ווי אין סעוויל; דאָס איז ריכטיג וועגען איהם אין דעם זין וואָס ער האָט געקענט דעם קלימאַט און די דענקמאָלען פון פרעמדע לענדער. נאָר דאָס איז נאָך מעהר ריכטיג וועגען ריוקערט'ן, וועלכער פלעגט פאַרשטעהן מענשען, דורך זייערע ליטעראַטורען, זייער שפּראַך און זייער אינדירעקטען גייסט. ער האָט ניט געזעהן פרעמדע לענדער מיט זיינע אייגענע אויגען, און דערפאַר ניט געהאַט די קלאָרקייט פון פאַרשטעלונגס־קראַפט וו גאָטיע מיט זיין קאָלאָריט און פּלאַסטיק, אָבער ער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט דער פעהיגקייט פון באַגרייפען און דורכדרינגען, מיט דער פיעל־פאַכיגקייט פון פאַרשטאַנד און אויסדרוקען, מיט דער פולקייט פון מעטרישע פאָרמען. דער, וואָס וויל זיך באַקענען מיט די בעסטע מוסטערען פון זיין קונסט, דאַרף דורכלעזען „מאַקאַראַר גאַרירי" (ספּעציעל די אַפּטיילונג „יונגפראַו אונד יונגע פראַו"), אָדער זיין ווערק „די וויזהייט פון די בראַמער".

אָט די אַרבייטען האָבען ריוקערט'ן באַשאַפען אַ גרויסען קרייז לעזער אויך אין בערלין, נאָר די שטאָדט מיט איהר גערויש און איהר אונרוה איז איהם געווען דערווידער. ער פלעגט דאַרפען לייענען לעקציעס אין אוניווערזיטעט וועגען אָריענטאַלישע שפּראַ־כען, און נאָר די ערשטע צוויי לעקציעס, אַ דאַנק דער נייגעריגקייט, האָבען געצויגען אַ גרויסע אוידיטאָריום צוהערער. אינגיכען האָט ער אינגאַנצען אויפגעהערט צו באַזוכען די אוניווערזיטעט, ווייל אויף זיינע לעקציעס פלעגען זיך צונויפקלייבען ניט מעהר ווי צוויי־דריי צוהערער. ער פלעגט כמעט קיינמאָל ניט פאַרלאָזען זיין וואוינונג, וואָס האָט זיך געפונען אויפ'ן דריטען גאַרן אויף בערענשטראַסע, נאָר ער פלעגט זיצען דאָרט און שרייבען לידער. אין וועלכע ער פלעגט אויסדריקען זיין עקעל צו בערלין מיט זיין געגענוואַרטיגען זודיגען לעבען. אפילו דאָס בערלין פון די קעניג־ליכע ראָמאַנטיקער פלעגט זיך איהם אויסווייזען צו געגענוואַרטיג פאַר די גרויסע מענשען פון דער פאַרגאַנגענהייט.

אביסעל שפּעטער האָט דער קעניג גערופען צו זיך דעם פּאָעט כריסטיאַן שערענבערג. זיינע לידער און ספּעציעל זיין באַשריי־בונג פון דער שלאַכט „וואַטערלאָ", „אבוקיר", זיינען געפעלען געוואָ־רען אין הויף, און ער פלעגט זיי מוזען פאַרלעזען. שערענבערג, וועל־

בער איז אפילו אין זיינע אכציגער יאהרען פארבליבען א ליעבליכער מענש און פלעגט זיין אויפגענומען מיט אפענע ארעמס אין די געזעלשאפטליכע קרייזען פון בערלין, איז געבוירען געווארען אין יאהר 1897. זיין לעבען האט מיט זיך פארגעשטעלט א שטענדיגען קאמף. אין די יאהרען 1833—1840, נאך זיין פאנאנדערגעהן זיך מיט זיין פרוי, די הייראט מיט וועלכע איז געווען אן אונגליקליכע, האט ער געלעבט אין א קליינע וואוינונג אין דעם ראג־הויז אויף בענדלערסקע גאס געגען דעם טירגארטען; ער איז געווען אזוי ארים, אז ער פלעגט גאר ניט קענען טראכטען וועגען קויפען האלץ, נאר ער פלעגט שיקען זיינע קינדער אין פארק צונויפקלייבען טרו־קענע צווייגען. ער האט געשריבען ליעדער, קאמעדיעס, טרא־גערדיעס, אבער ער פלעגט קיינמאל ניט געפינען קיין פארלעגער פאר זיינע ווערק; פונדעסטוועגען האט ער אזוי וואונדערבאר פארהיט די אויסערליכקייט פון א דזשענטעלמאן, אז זיינע קרובים אין שטעטינג פלעגען דענקען אז ער האט א גרויסען ערפאלג אונטער א פסעוודאנים, און פלעגען איהם בעטען „אראפנעהמען די מאסקע" פאר זיין משפחה. די פען פלעגט איהם ברענגען נאר די הכנסה, וואס מען פלעגט קריגען פון צונויפשטעלען ביטעם אדער פון אי־בערשרייבען מאנוסקריפטען; דערצו פלעגט ער פארדיענען עט־וואס, געבענדיג שטונדען דעם גערטנער'ס קינדער, וואס האבען געוואוינט אין שכנות, נאך זיי, נאך זייער געמיינשאפטליכען איינ־שטימונג, פלעגען איהם באצאהלען אויסשליסליך מיט קארטאפעל. פאנטאן, אין זיין „שערענבערג'ס ביאגראפיע", דערצעהלט א וואונ־דערבארע געשיכטע, ווי אין בענדלערסשטראסע האט מען געהאפט, אז די לאנג־ערווארטעטע שבירות, אין פארם פון א פערטעל גע־בראטענעם קאלב, וועט מען ברענגען פאר פסח, או זווי איינער פון זיינע תלמידים, האט, אין זיין אונשולדיג פארלאנג ארויסווייזען זיין ליעבע צום לעהרער, איהם געבראכט אנשטאט דעם א לערכע אין א קליינער, גרינער שטייגעל. און שערענבערג האט אין א פסח'דיגען פריהמארגען ארויסגעטראגען די לערכע אין פעלד, גע־עפענט דאס שטייגעל און האט אנגעשריבען א שעהן ליעד, אין וועלכע עס האט זיך געפונען דער פאלגענדער פערז:

„זינג, לערכע, דאס איז דיין זאך, — האב איך געזאגט צו מיין

קליינעם גאַסט. — איך גיב דיר די פּריוויוס, ווייל דאָס איז מיין זאַך. זאָל ער טאָן תפלה אַזוי ווי ער קען.“

דער אָרימער דיכטער, זייענדיג באַלאָדען מיט זאָרג וועגען טרוקענעם ברויט, האָט אומגעקעהרט דער לערכע איהר פרייהייט, נאָר דעם קליינעם גרינעם קריגעל אין שטייגעל האָט ער באַהאַלטען אויף אַן אָנדענקונג, פאַרוואַנדלענדיג זי אין אַ טינטער.

שערענבערג׳ס ליעדער האָבען ענדליך ערוואָרבען באַריהמטקייט, און דער קעניג האָט געוואָלט זיך באַקענען מיט איהם. די אָריגי־נאַליטעט און די געוואַגטע ענערגיע פון זיינע קריעגס־ליעדער האָבען פרידריך ווילהעלמען ענטציקט. שערענבערג, רעדענדיג וועגען זיינע פאַרלעזונגען אין הויף, פלעגט אַלע מאָל דערעצהלען ווי ער פלעגט אָנגענעהם פאַרברייגנען בעפאָר זיינע פאַרלעזונגען אַ האַלבע שטונדע ביי זיין מעצענאַט גראַף ביסמאַרק באַלען, אין זיין צימער, וואו מען פלעגט טרייבען שפּאַס און רויכערען סיגאַרען, און דער־נאָך, אַזוי ווי דער קעניג פלעגט ניט פאַרטראָגען קיין טאַבאַק, פאַרניכטען דעם גערוך מיט אָדעקאָלאָן.

אַ סך יאָהרען שפּעטער האָט זיך אין בערלין באַוויזען אַנאַנדער הערשער, צו וועמעס הויף שערענבערג האָט זיך צוגערעכענט. דאָס איז געווען פערדינאַנד לאַסאַל. ביי איהם האָט דער דיכטער גע־פונען אַנאַנדער, מעהר לעבידיגע געזעלשאַפט, צווישען וועלכע ער האָט ליעב געהאַט אַפּלאַכען פון זיינע מעצענאַטען אין הויף. איינער פון די שטריכען פון זיין כאַראַקטער איז געווען זיך „זעצען צווישען צוויי שטוהלען“. אין הויף האָט מען געוואוסט וועגען אָט דער אייגענשאַפט, נאָר מען פלעגט איהם דאָס ניט אויפ־וואַרפען.

אַנאַנדער ליעבלינג פון פּריסישען, ווי אויך פון אַנדערע הויפען, איז געווען פירשט הערמאַן פּיוקלער־מוסקאַו, וועלכער פלעגט קומען קיין בערלין זיך זעהען מיט זיין הייס־ליבענדע גע׳גט׳ע פרוי. ער איז געווען שעהן, פראַכטפול, נאָבעל, אַריסטאָקראַטיש, פלעגט צוציהען צו זיך מענער מיט זיין פרעהליכקייט און לעבע־דיגקייט, און פרויען — מיט׳ן ספּעציעלען רייץ פון זיין אייגענעם וועזען; מען קען צונויפשטעלען אַ לאַנגען צעטעל פון באַריהמטע פרויען, פאַרליעבטע אין איהם: סאָפי גאַי, העגריעטע זאָנטאַג,

בעטינאַ, אידאַ האַן־האַן א. ד. ג. מיט דעם כאַראַקטער פון זיין קלוגשאַפט האָט ער באַלאַנגט, פונקט ווי פירשט דע־ליני ביז איהם, צו דער קאָסמאָפּאָליטישער אַריסטאָקראַטי פון איירופּאַ. זיין לייד־ענשאַפט צו באַריהמטקייט האָט ניט אויסגעשלאָסען אין איהם דעם אַבסאָלוטען, אמת׳ען פאַרשטעהן די באַגרענציטקייט פון זיינע פעהיגקייטען און אַפילו די אויפריכטיגסטע איינזאַכקייט. נאָך זיין גייסט נאָך איז ער געווען אַ — וואַגאַבונד, אַן אמת׳ער קינסט־לער נאָך זיין אַרט לעבען וועלכען ער האָט געפיהרט, און באמת אַ ריכטיגער קינסטלער אין איין ספּעציאַליטעט. אייגענטליך קיין אַנדערער ווי ער האָט פאַרניכטעט אין דייטשלאַנד די ליידענ־שאַפט צו פלאַנצען גערטנער אין דעם אומגעלומפּערטען פראַנ־צויזישען געשמאַק און ער האָט אומגעקעהרט דער נאַטור איהרע געזעצען. זיין פּאַרק אין מוסקאַו איז געוואָרען אינגיכען דער מוס־טער פון אַלע פּאַרקען אין איירופּאַ.

ער האָט ניט נאָר דורכגעלעבט אַ מורא׳דיג גרויסע צאָהל פון מאָמענטאַלע ליעבעס־וועהען, נאָר אַפילו זיין הייראַט איז געווען איינע פון זיי. ער האָט איין מאָל זיך פאַרליעבט אין צוויי יונגע מיידלעך, די טעכטער פון דעם קעניגליכען גראַף פאָן־פּאַפּענהיים, וואס האָט געהייראַט די טאָכטער פון קאַנצלער האַרדענבערג. נאָר די מוטער, 40 יאָהר אַלט, און עלטער פון איהם מיט 9 יאָהר, האָט זיך אַנגעצונדען מיט אַזאַ פלאַמענדע ליידענשאַפט צו איהם, אַז זי האָט אויך איהם אַנגעשטעקט דערמיט. זי האָט זיך פון אַלע אָפּגעזאָגט כדי זיך פאַראייניגען מיט איהם, און ער האָט געהייראַט מיט איהר, לאָזענדיג פאַר זיך די פולע פרייהייט אין עראָטישען זין. די הייראַט איז געווען אַ גליקליכע. נאָר נאָך צעהן יאָהר פון געמיינשאַפטליכען לעבען האָט דאָס פּאָרעל, נאָך זייער גע־מיינשאַפטליכע און פריערליכע איינשטימונג, זיך געגט, מיט דער האָפנונג, אַז דער פירשט וועט געפינען אַ רייכע יורש׳טע און מיט דעם הייראַטען מיט איהר וועט ער פאַרבעסערען זיין רואי־נירטען פאַרמעגען.

מיט דעם ציעל האָט ער זיך פריהער אַוועקגעלאָזען קיין לאָנ־דאָן, נאָכהער האָט ער אַרומגערייזט גאַנץ דייטשלאַנד. מיט זיין ריינעם געוויסען לאָזט ער טעגליך וויסען זיין גע׳גט׳ער פרוי וועגען

זיינע ערפאָלגען און שוועריגקייטען, אויף וועלכער ער שטויסט זיך אָן, זוכענדיג פאַר זיך אַ רייכע יורש׳טע. זיין פאַרזוך פאַלט דורך און ער קעהרט זיך אום צו זיין ליוסי און ער לעבט מיט איהר ווידער אייניגע יאָהרען אין צאַרטסטע באַציהונגען; נאָכדעם לאָזט ער זיך אוועק ווידער רייזען און קעהרט זיך אום צוריק אין זעקס יאָהר אַרום מיט אַ וואונדערבאַרער יונגער שקלאַפין מיט׳ן נאָמען מאַקבובאַ, וועלכע ער באַזעצט אין מוסקאַו. די פירשטין איז ניט געווען איבעריג צופריעדען דערמיט, כאָטש זי האָט אָב־געמאַכט ביי זיך קיינמאָל ניט מאַטערען איהר מאַן מיט אייפער־זוכט. אויך אין עלטער פון 70 יאָהר האָט זי באַהאַלטען די צאַרטסטע ליעבע צו איהם און פלעגט זיך אַלע מאָל באַציהען צו איהם מיט פאַרקערפּערטער גוטסקייט, אָפענהערציגקייט און האַרציגקייט.

פירשט פּיוקלער האָט קיינמאָל ניט געטראַכט צו ווערען אַ שרייבער. נאָר אין יאָהר 1830 איז איהם איינגעפאַלען אַ געדאַנק אין קאָפּ אַרויסצוגעבען אַנאָנים זיינע בריעף, וואָס ער פלעגט שיקען צו ליוסי אין דער צייט פון זיין פרוכטלאָזער וואַנדערונג נאָך כלות; און דער וועלטליכער טאָן פון די בריעף, וואָס איז אַזוי זעלטען אין דער גערמאַנישער ליטעראַטור, די צוציהענדע זאָרגלאָזיגקייט, וואָס איז פון דעם וואָס דער אויטאָר האָט קיינמאָל ניט ערוואַר־טעט צו דרוקען זיי, די צומישונג פון אויסערגעווענליכער חכמה מיט לייכטזיניגקייט איז זעהר געפעלען דאָס פּובליקום. ווי איך האָב שוין דאָס פריהער דערמאָנט, האָבען פיעלע געדענקט, אַז די בריעף האָט געשריבען היינע. דער אויטאָר איז געווען מאָדערן ביז עקסטרעם, אַנגעזעטיגט ביז דער טיעפעניש פון זיין נשמה, זעהר ליבעראַל אין פּאָליטישען זין, און פריידענקענד אין פולען זינען פון וואָרט.

פאַר אונז, מענשען וואָס לעבען איצט, איז דאָס לייענען פון די פיער בענדער „בריעף פון אַ פאַרשטאָרבענעם" פונקט אַזוי וויכטיג ווי דאָס לייענען פון די אינטערעסאַנטסטע פיער בענדער פון מאַדאַם דע־זשיראַרדען: „פאַריזער בריעף צו פירשט דע־לאָוני": איהרע בריעף צייכענען זיך אויס מיט גרויס פרישקייט, און זי שרייבט זיי פיעל מאָל בעסער איידער דער פירשט. ער האָט אַ גרויסע קאָסמאָפּאָליטישע ערפאַהרונג, ווייל ער האָט באַזוכט פיעלע

לענדער און האָט זיך געפונען אין אַלערליי קרייזען פון געזעלשאַפט, וועלכע זיינען פאַרבליבען אינגאַנצען אונבאַוואוסט פאַר איהם. לעזט דורך, צום ביישפּיעל, אַלס מוסטער פון זיין סטיל, דעם פּשוטן איבערגעבען פון זיין געשפּרעך מיט געטע'ן אין וויימאַר, אין די בריעף פון דעם דריטען באַנד. זיין ענטציקטע פאַרגעטערונג פון געטע'ן גיט זיי צו דעם שטעמפּעל פון אויפריכטיגקייט; דעמזעלבען איינדרוק טראָגט מען אַרויס פון געטע'ס ענטפערס אויף זיינע ליעבליכקייטען. געטע האָט באַלד פאַרפיהרט אַ געשפּרעך מיט'ן פירשט וועגען מוסקאַו (דער נאָמען איז באַמערקט מיט'ן בוכשטאַב מ.) און האָט געלויבט פּיוקלער'ן פאַר זיין קענען ערוועקען דאָס געפיהל פון שעהנקייט. זאָל יעדער אין זיין קרייז — האָט געזאָגט געטע — אַ גרויסען אָדער קליינעם, אַרבייטען פלייסיג, מיט ליעבע און די געזעלשאַפט וועט אַוועקגעהן פאַראַוים אויפ'ן וועג צום אַלגעמיינעם גליק. ער פון זיין זייט פלעגט אַלע מאָל אַזוי האַנדלען און פּיוקלער האָט אויך אַזוי געאַרבייט אין מוסקאַו.

די שפּעטערדיגע גרויסע צאָהל בענדער מיט רייזע־באַשרייבונגען, וואָס פּיוקלער האָט אַרויסגעגעבען, לאָזען ניט איבער קיין שום איינדרוק. זיי פעהלט די אונמיטעלבאַרקייט פון די ערשטע בריעף־זאַמלונגען, און נאָך אין אַ גרעסערען גראַד, ליטעראַרישער טאַלאַנט, וועלכער וואָלט געקענט פאַרטוישען די אונמיטעלבאַרקייט. נאָר זיי זיינען געפעהלען געוואָרען זיינע צייט־גענאָסען ביז דעם יאָהר 1844, אין דעמזעלבען גראַד ווי די ערשטע ביכער און דעם אויטאָר'ס פּאָפּולאַריטעט האָט דערגרייכט די העכסטע שטופע: ער איז געווען באַוואוסט און געלויבט אומעטום כמעט אַזוי ווי פּרינץ ליסט. היינע ווידמעט איהם, נאָך אין יאָהר 1854, זיין „לוטעציע" אין אַן ענטציקטער פאָררעדע, אין וועלכער ער רופט איהם אַן „מיין באַריהמט געוואָרענער און געמיינשאַפטליכער נאָכ'ן גייסט צייט־גענאָסע". און אין וואַרנהאַגענ'ס טאָג־בוך לעזען מיר אונטער דעם דאַטום פון 7 יולי 1839:

„דער נאָמען פון פירשט פּיוקלער ווירקט אויף דעם פּובליקום אויף אַ צויבערנדן אופן. די גאַנצע אינטעליגענטנע וועלט פון אַלע נאַציאָנען ווערען זיך צו מיט גרויס אינטערעס, ווען מען פאַרפיהרט אַ געשפּרעך

וגען איהם. ער פאַרמאָגט ריזיגען רוהם, און וואָס קליגער דער מענש איז אַלס מעהר שעצט ער דעם פירשט".

שוין אין יאהר 1834 פלעגט וואַרנהאַגען זאָגען וועגען פּיוקלער'ן, אַז ער האָט עטוואָס געמיינשאַפטליכעס מיט דער יונגער דייטש־לאַנד, אייגענטליך דאָס וויכטיגסטע אין איהר — פאַלשטענדיגע פרייהייט פון געדאַנק. און שפּעטער פלעגט ער זיך אויסדריקען, רעדענדיג וועגען איהם, אין פאָלגענדען אופן: „פּיוקלער באַלאַנגט צו דער העכערער פּאַלאַטע אין דער געגענוואַרטיגער דייטשער ליטעראַטור, פּונקט ווי הייגע באַלאַנגט צו דער נידעריגער".

פּיוקלער איז געוועזן ריטערליך איבערגעגעבען צום הויז פון זדי האָהענצאָלערנס און האָט זיך דערנעהענטערט צום קעניג ווען ער האָט פאַרבראַכט אין בערלין. ער איז געוועזן ענטציקט פון דער קלוגשאַפט און בילדונג פון פרידריך ווילהעלם דעם פערטען. נאָר אזוי ווי אין רעליגיעזען הינזיכט איז ער געוועזן אַן אמת'ער וואָל־טעריער, זעהענדיג אין יעדען גייסטליכען אַ ליגנער, וועלכער באַ־ציהט זיך ווי צו אַ מגפה צו יעדער עם־הארצות, פלעגט איהם דעם קעניג'ס ראָמאַנטישער כאַראַקטער־שטריך שטאַרק אָפּשטויסען. פּונקט ווי הומבאָלדט פלעגט ער פון די הויף־קרייזען זוכען רוה ביי וואַרנהאַגענען, דעם קאַלטען בעאָבאַכטער און קריטיקער, וועל־כער פלעגט זיצען אַ דערשלאָגענער אין זיין ווינקעל און שרייבען זיין טאָג־בוך — וועלכען ער האָט געפיהרט אויף דעמזעלבען אופן ווי סענט־בעוו — די געשיכטע פון זיין צייט. און אין די שפּעטער־דיגע יאָהרען איז דער פירשט אויך געוואָרען אַ שטענדיגער באַזו־כער פון די קליינע מאָהל־צייטען ביי לאָסאַל'ן, און ער פלעגט גערן האָלטען רעדעס; מען זאָגט, אַז ער איז געוועזן דער איינציגער מענש, וועמען לאַסאַל האָט ערלויבט צו באַהערשען דעם געשפּרעך.

אויב נאָך צורעכענען צו די שרייבער דעם אַלטען ארנדט, דעם פאַרפאָלגטען אין יענער צייט אַלס דעם פאַרפיהרער פון פאָלק, און גערופענעם דורך פרידריך ווילהעלמען אין בערלין, וועלען מיר קריגען דעם גאַנצען צעטעל פון ראָמאַנטישע, קאָנסערוואַטיווע, נייטראַלע אָדער אַריסטאָקראַטישע שרייבער, וועמען דעם מעכטיג־סטען פון די קעניגע פון דייטשלאַנד האָט זיך איינגעגעבען צו־בינדען צו זיין פערזענליכקייט. מיר זעהען, אויף ווי לאַנג און

אויף וויפיעל שטאַרק פלעגט זיך איהם דאָס איינגעבען. אפילו נעגען יענע שרייבער, וועלכע זיינען צופעליג געקומען אין באַריה־רונג מיט'ן הויף און מיט די הערשענדע ספערען, פלעגט די אָפּאָ־זיציע זיך צונויפקלייבען מיט אַלע כחות. מיר האָבען געזעהן, ווי נעאַרג הערוועג האָט ערעפענט זיין ערשטע לידער־זאַמלונג מיט אַ שאַרפען אַרויסרוף, געווענדעט צו פירשט פּיוקלער. ער האָט אויך אַנגעווענדעט זיין שפּאָט געגען אַרנדט'ן — ער האָט איהם אַנגערופען דער אַווענד־שיין, וואָס האָט מעהר נים געקאָנט באַ־לייכטען די יונגע וועלט — און ער האָט דערפאַר געקראָגען אַ פּאָ־עטישען אויסרייד פון פריילִיגראַט'ן. פערדינאַנד פריילִיגראַט איז געווען דער איינציגער פון די יונגע דיכטער וועמען דער קעניג האָט גלייך (אין יאָהר 1841) צוגעצויגען צו זיך (מיט הייבלען האָט ער זיך אָנגעהויבען צו אינטערעסירען מיט צוויי יאָהר שפּעטער). גענעראַל פ. ראַדאָוויץ, זייענדיג ענטציגט פון דאָס ליעד „לאַוועגרים", ניט קוקענדיג אויף איהר אַנגעצויגענקייט, האָט אוים־געפיהרט ביים קעניג פאַר פריילִיגראַט'ן און איהם צוגעשטעלט אַ סטיפּענדיע פון 300 טאַלער פון דער קעניגליכער קאַסע. הערוועג האָט זיך ניט באַפרידיגט דערמיט וואָס ער האָט אָפּגעלאַכט פון דיכטער אין פאָלגענדע שורות:

„מיר ווירד פאַן אַללע דעם זאַ דום,
אַלס גינג מיר איין פריילִיגראַטאַ הערום."

אין זיין ליעד „דער דועל פון פענסיאָנערען", באַשרייבט ער דעם פאָלגענדעם געשפּרעך:

הייבעל: דאָס ביזטו?

פריילִיגראַט: יאָ, הערט אַלע: איך בין דער סאָלדאַט פון אמת, וועמען די לאַקעען רופען אַז ברודער, איך בין דער זינגער פריילִיגראַט.

דורכלייענענדיג דאָס, האָט זיך פריילִיגראַט אָבגעזאָגט פון זיין פענסיע. פון דאַמאָלסט אָן איז פאָרגעקומען אַ פאָלקאָמע פּאָלי־טישע איבערקעהרעניש. מיט אַלץ אַ גרעסער און גרעסער וואַק־סענדיגער ליידענשאַפט איז ער אין זיינע לידער־זאַמלונגען „איין גלויבענבעקאַנטניס" (1844), „דער סימבאָל פון גלויבען" און „קאַאירא" (1846), צוגעשטאַנען צו דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי,

ווענעס באַליעבסטער דיכטער ער איז געוואָרען. באַלד נאָך דער אויסגאַבע פון זיין ערשטער זאַמלונג האָט ער געמוזט שנעל אַנט־לויפען פון זיין וואוינונגס־פּלאַץ אין סען־גאַאַן אויפ׳ן רהיין קיין ברוסעל, און פון דאָרטען קיין לאָנדאָן, וואו ער איז געוואָרען אַ סוחר כדי דערשלאָגען זיך צו מיטלען פאַר עקזיסטענץ.

וואָס פאַר אַ גרויסע פּאָפּולאַריטעט ער האָט געהאַט אין יענער צייט קען מען זעהן פון דעם פאָלגענדען אַנעקדאָט. פון ברוסעל איז פריילינגראַט אוועקגעפאָהרען קיין אַנטווערפּ; דאָרט איז געשטאַנען פאַראַנקערט אַ דריי־מאַסטיגער שיף, וואָס האָט געוואָרט אויף זיין רייזע נאָך קאַנטאָן; דעם פּאָעט און זיינע פריינד האָט זיך זעהר געוואָלט באַקוקען די שיף; דער עלטערער שטורמאַן האָט איינגעשטימט באַווייזען זיי די שיף און האָט זיי אַנגעהויבען פיהרען איבער איהם, ווען דער קאַפּיטאַן איז אַרויס פון זיין קאַיוטע מיט די פאַרזאַמעלטע ביי איהם געזעלשאַפט. די באַזוכער האָבען זיך אַנגעהויבען ענטשולדיגען, נאָר דער העפליכער ים־מענש האָט זיי אַריינגעפיהרט אין זיין קאַיוטע. אין אַ קליינעם בוך־שראַנק זיינען געשטאַנען פריילינגראַט׳ס ליעדער. איינער פון דעם פּאָעט׳ס באַגלייטער האָט איהם געפרעגט: —פרעהט דיך ניט, וואָס דיינע ליעדער וועלען אוועקפאָהרען קיין מאַנטאָן? — ווי אַזוי? האָט געפרעגט דער קאַפּיטאַן — דער העך איז פריילינגראַט — דער אמת׳ער? — ווען אויף דער פראַגע האָט ער דערהערט אַ פאַרזי־כערטען ענטפער, האָט זיך דער קאַפּיטאַן אַ וואַרף געטאַן צו דער טרובע: — אין דער הויך אַלע פאַנען! אַלע מענשען אויף דער שיף! שאַמפּאַניער אויפ׳ן דעק!

אין דייטשלאַנד האָט געהערשט אַ שטאַרקע אונרוה. אין עסטרייך זיינען די אונגאַרען, אונטער קאָשוט׳ס פיהרער־שאַפט, אויפגעשטאַנען געגען מעטערניכען; אין בייערן האָט די קעניגליכע מאַכט פאַרלאָרען אין אַ גרויסען גראַד איהר פרעסטיזש אַ דאַנק די האַרטע באַציהונגען פון דעם קעניג לודוויג צו דער טענ־צערין לאָלאַ מיונטעס; אין דער דייטשער שווייץ האָט די ראַדי־קאַלע פּאַרטיי געפיהרט אַ פאַרצווייפעלטען קאַמף געגען דער יע־זואיטישער. אין פּרייסען האָט געהערשט דער שטאַרקסטער קלע־ריקאַליזם; די רעגירונג׳ס קירך, געבענדיג די קאַטוילִיקען אַלערליי

פּריווילעגיעס, האָט פאַרפאָלגט אַלע נעגנער, ניט נאָר די פּאַר־טיי פון פרייע קאַטוילקען, געגרינדעט פון ראַנגע, נאָר אויך די אַזוי גערופענע „די פריינד פון דער וועלט" — אַ פרייע קירך־פּאַרטיי, געגרינדעט דורך וויסליצענוס, נאָר באַשטעהענדיג פון גאָטספאַרכ־טיגע און אָבערגלויביגע — זיי האָט מען פאַרפאָלגט אַלס ניט גענוג אמת־גלויביגע. דעם קעניג פלעגט מען אַלע מאָל אונטער־טראָגען אדרעסען מיט פּראָטעסטען אין נאָמען פון די פּאַרטיידיגער פון דער פרייהייט פון געוויסען. צו דערזעלבער צייט איז דערמיט געוואַקסען אַ ריין פּאָליטישע אַגיטאַציע. ד י פיהרער פון די אָפּאָ־זיציאָנס־פּאַרטייען פון אַלע בירגערליכע רעגירונגען האָבען סאָ־לידאַר געקעמפט געגען דעם אַלטען פאַראייניגטען ראַט. אַלע העכער און העכער האָט מען געהערט אין פּרייסען — וויל דער קעניג האָט ספּעציעל ניט פאַרפאָלגט דעם געדרוקטען וואָרט — פאָדערונגען צוגעזאָגטע ביי די פאַרשטעהענדע אינסטיטוציעס. און פון אויסלאַנד פלעגט מען ערהאַלטען נאַכריכטען וועגען רע־וואָלוציאָנערע באַוועגונגען, נאָך מעהר אָנצינדענדיג די מוחות. פון יאָהר 1856, איז דער פּאַפּסט פּי דער 9טער אַרויסגעטראָטען אַלס ליבעראַל און איטאַליענישער פּאַטריאָט. איבעראַן גאַנצען אי־טאַליענישען האַלב־אינזעל פלעגען אויסברעכען אויפשטאַנדען, און אַזוי ווי מעטערניך איז ניט געווען אימשטאַנד זיי צושטערען, האָט דער שרעק פאַר איהם און זיין נאָמען אָנגעהויבען ביסלעכווייז פאַרשווינדען. די דייטשע עמיגראַנטען אין דער שווייץ און אין נאָרד־אַמעריקאַ פלעגען ווי וויים מעגליך אונטערהייצען דעם פייער אין דייטשלאַנד.

אין דערזעלבער צייט האָט זיך דער פּרייסישער קעניג פאַר־נומען מיט גרינדען אַ נייעם אָרדען „די שוואַן" און מיט אַרכי־טעקטען־פּלענער. ער האָט געוואָלט אויפבויען אַ גרויסען דענקמאָל פאַר דייטשלאַנד אויף די ברעגען פון רהיין, אַלס סימבאָל פון דראָ־הונג געגען דער קאָנסטיטוציאָנעלער פראַנקרייך, און האָט באַ־פעהלען נאָך אַ דריי־יעהריגען שטילשטאַנד אָנפאַנגען אויף ס׳ניי די אַרבייט פון אויפבויען דעם קעלנער קאַטעדראַל — אַן אונטער־נעהמונג, וואָס האָט געקענט פאַררעכענט ווערען אַלס סימוואָל ניט אין נאַציאָנאַלען נאָר אין קירכליכען הינזיכט. און וואָס האָט געגע־

בען היינע'ן די אורזאכע פאר מאנכע ניט־צופרידענקייטען און ניט־געלונגענע פאראויסזאגונגען אין דייטשלאנד („די ווינטערדיגע מעשה"), און דאוויד שטראוס'ן אז אורזאך פאר דער באריהמטער פול מיט גיפט בראשור: „דער ראמאנטיקער אויפ'ן טראהן פון צעזאר", אין וועלכער ער באשרייבט יוליאן אפאסטאט, אלס אן ענטציקטען רעליגיעזען רעאקציאנער — אזוי אז דער פארגלייך מיט פר. ווילהעלמען האט זיך געבעטען אויפ'ן צונג.

די צוריק אויפגעקומענע ליטעראטור, צו וועלכע דער קעניג האט זיך באצויגען מיט אן ענטשלאסענער שנאה, האט באלד אנגעהויבען צוציהען זיין אינטערעס. ער האט ביי זיך געהאלטען אין סען־סוסי דעם אלטען צוקריפעלטען טיק'ן אלס דעם ערשטען און באדעקט מיט לארבער־קראנצען פאעט, און דעם קונצענמאכער שעלינג אין בערלין אלס דעם גרעסטען רעגירונגס־דענקער. ער האט באפעהלען אויפפיהרען אין די טעאטערען פון בערלין און פאטסדאם סאפאקל'ס „אנטיגאנע" און עוריפידס „מעדעיע", כדי צו ווירקען בארוהיגענד אויף דער רעבעלירטער דייטשער ליטעראטור. נאר די דייטשע ליטעראטור איז געגאנגען איהר וועג.

17.

די פאליטישע ליריק. די פילאסאפישע רעוואלוציע.

צווישען די לידער פון אנאסטאסי גריון (גראף אלעקסאנדר פאן־אוערשפערג) „די שפאצירען פון א וויענער פאעט“, איז דא א ליעד מיט׳ן קעפעל „פארוואס?“ ווען די שטאדט־פארוואלטונג גיט ארויס נייע פארבאטען, שטעהט א קליינער מענש פאר די פלאקאטען און פרעגט שטילערהייט: פארוואס? ווען די קלעריקאלען דונערען פון זייערע בימות מיט זון־שיין, פרעגט ער: פארוואס? — ווען דער חיל פאלט אן אויף וואראבייטשקעס מיט זייערע פיקעס און אלעבארדען, ווען זיי פייערען פון הארמאטען אויף לערכען, האלט ער אין איין פרעגען: פארוואס? — און ווען מען שלעפט איהם אין געריכט, ווען מען פאר׳משפט איהם און ער ווערט הינגעריכטעט, האלט ער נאך אלץ אין שטעלען פון קבר ארויס איינע און דיזעלבע פראגע: פארוואס?

כמעט דאסזעלבע איז פארגעקומען אין דייטשלאנד, ווען דער געטריי־אונטערטעניגער צוטרוי צו דער קעניגליכער מאכט, ווי צו א פאטריארכישען כח, איז אונטערגעריסען געווארען. פון אומעטום און צו יעדער צייט, ווען די רעגירונג האט זיך ערלויבט א וואסער ניט איז גוואלד־טאט, טאקטלאזיגקייט אדער אנווארפען און צו־שטערען אדער איינגאנצען פארטיליגען א וואסער ניט איז האפע־נונג, פלעגט זיך דערהערען פון דעם האפענונגס־קבר א פראגע? פארוואס? און נאך יעדען „פארוואס?“ — האט מען געהערט א סך אנדערע. מען האט זיך שוין ניט באפרידיגט מיט פיער פראגען פון מזרח־פרייסען; פראגען פלעגען זיך אויף ס׳נייע פאר־מירען און פארמעהרען, ווי אן אונזעהבארער באציל, וואס רואינירט

אַ גאַנצען אָרגאַניזם. פאַרוואָס זאָל מען האָבען דורך־אויס? פאַר־וואָס האָבען צוטרוי? פאַרוואָס זאָל מען ליידען און, דאָס וויכ־טיגסטע, פאַרוואָס זאָל מען שווייגען? דער ערשטער טראָט, וואָס מען מאַכט, ווען מען וויל אָראָבוואָרפען פון זיך אַ יאָך, באַשטעהט אין דעם, אַז מען זאָל אויפהערען שווייגען וועגען דעם. דער וועה־טאָג און צאָרן, דער פאַרלאַנג און די שטרעבונג צו אַן אַנדער אָרדנונג האָבען באַשאַפען פרייהייט אין ווערטער און לידער.

די פּאָליטישע ליריק, וואָס פלעגט אין די פריהערדיגע צייט־טען אַרויסשווימען אויף דער אויבערפלאַך ביי פּלאַטענען און אור־לאַנדען, לענאַוען און היינען, האָט זיך קאָנצענטרירט, און ווידער זיך קריסטאַליזירט אין ספּעציעלע פאָרם פון פּאָעטישע ווערק, אי זאַן איינהייטליכער און איינגעשלאָסענער קינסטלערישער פאָרם. איינגיכען לאָזען זיך הערען אין דייטשלאַנד גאַנצע כאָרען פון אָלערליי פּאָליטישע לידער. עס טראָגען זיך זאַמען אין לופטען און עס באַווייזען זיך אַ מאַסע טאַלאַנטען: האָפמאַן און הערוועג, דינגעלשטעדט און פּרוץ, פרייליגראַט און מאַקס וואַלדאַו, קאַרל בעק און מאָריץ האַרטמאַן — אַ מאַסע טאַלאַנטען, אַזעלכע רייכע און בליהענדע ווי נאָך קיינמאָל ביז יענער צייט. כאָטש די אַלטע ראָמאַנטיקער האָבען זיך אַרויסגעזאָגט מיט פאַראַכטונג וועגען דער פּראָזאַאישער (ד. ה. פּאָליטישער) פּאָעזיע און כאָטש די פאַר־פרוירענע, אין געוויסע פאָרמען, עסטעטיקער האָבען געלאָזט וויסען, אַז אַט די טאַלאַנטען, אפילו דאַמאָלסט ווען זיי פלעגען זינגען, זיינען געווען בלויז אָראַטאָרען און ניט קיין דיכטער, האָט דאָס ניט געהאָלפען. בלויז די גרויסע צאָהל פון אַט די פּאָעטען און די אַבסאָלוט נאַטירליכע פּאַראייניגונג זייערע אין איין גרופּע האָבען דערוויזען, אַז זיי זיינען אויסגעוואַקסע זגעוואָרען פון אַב־סאָלוט נאַטירליכע אורזאַכען, און בלויז דערפאַר וואָס זיי האָבען געמוזט אויסוואַקסען; דער צייט־גייסט האָט אין זיי אויסגעקלי־בען זיין אָרגאַן און מיט'ן כח פון זיין גערעכטער און איינציגסטער רעכט — די, וואָס האָבען זיך ענטוויקעלט נט קוקענדיג אויף אַלע שטערונגען, — האָבען זיי אויסגעקעמפט זייער פּלאַץ אין דער לי־טעראַטור און ערוואָרבען די ליעבע פון פאָלק.

די פּאָעטען האָבען געהאַט אין די דרייסיגער יאָהרען אַן איינ־

צינגען פאַרלויפער, דעם אויבענדערמאַנטען עסטרייכישען פּאָעט אַלעקסאַנדר אוערשפּערג. זיין לירִיק איז געווען פּראַכטפול, אויס־צייכענדיג זיך מיט אַן אונגעוועהנליכען בילדער־רייכטהום, אמת, צייטענווייז אַביסעל געשמאַקלאָז, אָבער אין זיין ליעד האָט זיך געפיהלט שטאַרקייט, און דער פּאַטאָס פלעגט אָטעמען מיט אויפ־ריכטיגקייט. איהם האָט מען געקענט אָנרופען דער יאָזעפינער, וויל אוערשפּערג׳ס העלד — יאָזעף דער צווייטער, און די פּאָליטישע פרייהייט, פאר וועלכע ער נויגט זיך, שטאַמט פון דער אויפקלע־רונגס עפּאָכע. זיין האס איז צום גרעסטען טייל געווענדעט געגען דעם קלעריקאַליזם, אָבער ער פיהרט דורך אַן אונטערשייד צווישען „פּפאַפען“ און „פּריעסטער“ (ד. ה. צווישען גוטע און שלעכטע קיר־כען־דיענער); ער פאַלט אַן אויף די ערשטע, לויבט און מאַכט באַריהמט די צווייטע. נאָך די שורות: „שאָל אין האָרן, מיליטער־העראלד, און רופט אַלע שטאַרקע צו וואָפען! קאַמף און קריעג געגען די נאַרישע פאַלשע קלעריקאַלען!“ — פאָלגען שורות, „די אמת־פרומע פּאַסטאָרען“. נאָר קלאָר איז, אַז נאָך זיין מיינונג, זיינען פאַראַן אין זיין אייגענער צייט אַ סך מעהר פון די ערשטע איידער פון די לעצטע. ער רעכענט אלס אַ צייכען פון דער צייט דאָס, וואָס די פריהערדיגע בעסטיאַלישע פּריסטען זיינען פאַרטײַשט געוואָרען דורך קלוגע, כיטרע, מאַכטגייציגע עפּיסקאָפּען.

„ד י ק ע א ו ן ד א ר ע“.

מיט אַ האַלב יאָהרהונדערט צוריק זיינען אונזערע עלטערען געווען אַלע שטאַרקע מענשען, גערופענע צו וואָפען געגען די דיקע, פעטע קלעריקאַלען. און מיר זיינען אויך איצט באַוואָפענט. נאָר זאָל אונזער שלאַג־וואָרט זיין דער פאָלגענדער: קריעג געגען דינע, קליינע און דאַרע פּאַסטאָרען!“

דער העלדישער פּאָעט האָט געווענדעט זיינע פלאַמענדע שורות געגען מעטערניכ׳ן, געגען דער געהיימער פּאָליציי, געגען צענ־זור. אַ יוגענדליכע קאַמף־לוסטיגע שטימונג האָט געהערשט אין זיי, נאָר עס איז ניט געווען קיין שפּור פון האַס, פון שטורמישע אונצופרידענהייט. אַ פאַרגעפיהל פון אַ גרויסער צוקונפט און אַז ענטציקטע היגרייסונג מיט גרויסע ערשיינונגען פון דער צוקונפט באַשאַפען, מעהרסטען טהייל, דעם פּאַטאָס, וואָס ליגט איז גרונד

פון זיינע ווערק — נאָר די קינסטלערישע פעהיגקייט ביי אוער־שפערגען איז געווען אַ שוואַכע: ער פלעגט זיך צו אָפט פאַרפּלאָנ־טערן אין אַלעגאָריעס.

פיעל גרעסער אין גייסטיגען, ווי אויך אין קינסטלערישען היג־זיכט, איז דער גרעסטער פון די פּאָליטישע ליריקער, וואָס איז אַרויסגעטראָטען אויף דער סצענע אין די פערציגער יאָהרען.

געאָרג הערוועג, אומקעהרענדיג זיך פון זיין רייזע, האָט אַרויס־געגעבען אין פאַרלויף פון אַ יאָהר די צווייטע זאַמלונג „געדיכטע איינעס לעבעדיגען", וואָס האָט פאַראייניגט דעם ווערט פון דער 1ער זאַמלונג מיט אייניגע נייע לידער, וואָס שטעלען מיט זיך פאָר אַ גרע־סערען ווערט. פון זיינע לידער זאָגט זיך אַרויס אַ געוואַגטערע און אַ שטורמדיגערע שטימונג, און זיין מיטגעפיהל און אַנטיפּאַטיע זיינען געווענדעט געגען מעהר דעפינירטע זאַכען. אין זיי באַמערקט מען וויניגער אילוזיע און אַ קלאָרערען באַוואוסטזיין פון מיטלען, וואָס סזיינען נויטיג כדי צו דערגרייכען דעם ציעל. ניטאָ מעהר קיין לידער געווענדעט צום קעניג מיט אַ פאָדערונג צו שטעלען זיך אין שפּיץ פון זיין פאָלק, ניטאָ מעהר קיין הימנען צו גאָט מיט אַ געבעט צו שענקען די פעלקער פרייהייט און גליק. פרידריך ווילהעלם דער פערטער האָט אין דער קורצער צייט געטויטעט אין הערוועג'ן דעם גלויבען אין קעניגען, און לודוויג פויערבאך האָט צוגענומען ביי איהם דעם גלויבען אין גאָט. נאָר אין די לידער דריקט זיך אויס דער באַוואוסטזיין, אַז אין די מוחות וועקט זיך אויף ניט די רויטקייט נאָר דער טאָג.

אין די אַלטע לידער, וועלכע שעקספּיר פאַראַפראַזירט אין זיין „ראָמעאָ און יוליא", דערמאָנט זיך אָפט, ווי אַ יונגע פרוי האַלט ביי באַגינען איהר געליעבטען, פאַרזיכערענדיג, אַז ניט די זון געהט אויף נאָר די לבנה, וועמעס שיין באַצירט דעם האָריזאָנט, אַז ניט די לערכע זינגט נאָר דער סאָלאָווי, וועמעס ליעד דערטראָגט זיך צו אונז. אין ליעד „מאָרגען־צורוף" באַשרייבט זיך דערזעלבער פאַקט נאָר אויף אַן אַנדער אופן:

„ניט דער סאָלאָווי נאָר די לערכע האָט נאָר וואָס געזונגען איהר ליעד; די זון געהט אויף אין איהר הימעלשען זאַל, אויפ־געטראָגען מיט דעם פריה־מאָרגעןווינטעל. דער טאָג כאַפּט זיך

אויף, דער טאָג האָט זיך אויפגעכאַפּט. מיט בלוט וועט באַלד באַפאַרבט ווערען, אַ נאַכט, דיין האָפנונג! וואַרפט אַראָב פון זיך שלאָפעדיגע, די קראַנצען פון ליעבע און גאַרטעלט זיך אַרום מיט פלאַמענדע שווערדען!"

געגען קעניגע איז געווענדעט דער עפּיגראַם „די אומגליקליכע ליעבע":

„שולדיג זיינען ניט קעניגע, ווייל קעניגע האָבען ליעב פריי־הייט, נאַר, צום גליק, האָט פרייהייט ניט ליעב קעניגע".

די פאַרינגע זאַמלונג לידער האָט אפילו אין זיינע כלומר'שטע אַנטירעליגיעזע אויסדריקען זיך אויסגעצייכענט מיט אַ דעאיס־טישער ווענדונג. ווען דער אויטאָר האָט זיך געווענדעט מיט אַן אויפרוף צו די צלמים פון דער ערד כדי פאַרוואַנדלען זיי אין שווערדען, האָט נאָך דעם אויפרוף געפאָלגט אַ ווענדונג צו גאָט אין הימעל. דאָ לויבט ער פויערבאַכ'ן אין איין ליעד, ווייל ער איז אַנגעפאַלען אויפ'ן גלויבען און אונשטערבליכקייט, און נאָכהער דריקט ער אָפּ אַ דורכגעדרונגען מיט געצענדינערישען גייסט ליעד. גרעבער אין זיין חוזק מאַכען איידער וועלכע ניט איז פון היינע'ס ליעדער. און צום סוף, די געגענזייטיגקייט אין אַנשויאונגען וועגען די אמת'ע און שלעכטע דיענער פון דער קירכע, וועלכע איז דורכגעפיהרט געוואָרען דורך אָוערשפערג'ן, פאַרשווינדט ביי איהם אינגאַנצען: ער צומישט אַלעמען אין איין הויפען, אַנשטענדיגע און ניט־אַנשטענדיגע, קאַטוילישע און פּראָטעסטאַנישע, קאָנסער־וואַטיווע און ליבעראַלע און לאַכט פון אַלע גלייך.

פריהער איז ער געווען שניידענד, איצט ווערט ער פול מיט גיפט; פון אַ פרייהייטס פּאָעט האָט ער זיך פאַרוואַנדעלט אין אַ פּראָקלאַמירער און פאַרברייטער פון דער צוקונפטיגער רעוואָ־לוציע.

אויב די האַרמאָנישע און מעכטיגע ליעדער פון הערוועג האָ־בען ניט געמאַכט אין די מוחות אַ טיפעריע ווירקונג, ערקלערט מען דאָס דערמיט, וואָס די חסרונות פון דעם פּאָעט'ס אייגענער פערזענליכקייט באַווייזען זיך ביסלאַכווייז אין זיינע ווערק, אין זיינע פּאָעטישע אויפרופען, אין זיין זעלבסט־צופרידענהייט און צערטלען זיך מיט זיינע געלונגענע אַרויסטרעטונגען, און אין דער

ארימקייט פון זיין גייסטיגען לעבען, וועלכע איז געווען רייך בלויז מיט אנפאלען. דאס איז ניט קיין זאמלונג פון לידער, וועמעס אינהאלט זיינען איינפאכע אנפאלען, און וועלכער באווייזט א רייכע אינערליכע קראפט. לעזענדיג איהם, פארשטעהסטו זיין לעבען, און פארשטעהענדיג זיין לעבען, פארשטעהסטו אויך זיינע ווערק. אין דער אמת'ן האט זיך דער קוואל פון זיין פאעזיע אויסגעשעפט אויף דעם. אין פארלויף פון 32 יאהר, וואס הערווערג האט נאך דורכגעלעבט, האט ער אינגאנצען אנגעשריבען אן איינציגען דינעם באנד לידער, ארויסגעגעבען נאך זיין טויט, לידער, רייך מיט חכמה, רייך מיט הייסער ליעבע צו פרייהייט, געשריבענע דורך א מענשען, וועלכער איז ביז דער שעה פון טויט פארבליבען שטארק געטריי זיין רעוואלוציאנערער יוגענד, — נאר אין אלגעמיין האט דאס פארגעשטעלט מיט זיך ניט מעהר פון פיער לידער א יאהר.

באטש הערוועג האט קיינמאל ניט פארראטען זיין פארגאנגענהייט, איז ער ניט געווען אן ארבייטער אין דיענסט פון פרייהייט. דעם לעצטען טהייל פון זיין לעבען האט ער פארבראכט אין אבסאלוטער פאסיוויטעט. ער האט אנגעהויבען זיין טהעטיגקייט אלס פאעט און קריטיקער אין יאהר 1830. דעם העכסטען שטאפעל פון זיין שאפען האט ער דערגרייכט דורך די „געדיכטע איינעס לעבעדיגען”. ער האט געהייראט א זעהר רייכע יונגע אידישע טאכטער, וועלכע איז הינגעריסען געווארען פון זיין פאעזיע. גלייך נאך דער פעברואר רעוואלוציע איז ער ארויסגעטראטען אין פאריז אלס דער פיהרער און האט זיך געשטעלט אין שפיץ פון דער רעפובליקאנישער ארבייטער אבטיילונג, צונויפגעשטעלט פון דייטשען און פראנצויזען; ער האט זיך מיט זיי אריינגעריסען אין באדען, נאר ער איז געווען אבגעווארפען פון דעם וויורטעמבורגער חיל. און בלויז א דאנק דער טאפפערקייט פון זיין פרוי, איז ער ניט אריינגעפאלען אין דעם פיינד'ס הענד. היינע איז „סימפליסימס דער ערשטער” האט געגעבען א בייסענד־סאטירישע, נאר אינגאנצען ניט־עהרליכע באשרייבונג פון דעם הערוועג'ס צוג. א דאנק דער קלארער און אמת'ער אויסלייגונג, פון דעם גאנצען גאנג פון דער רעוואלוציאנערער באוועגונג דורך הערוועג'ס פרוי, און אויך איהר מאנ'ס אנטיילנעהמען אין איהר, איז באוויזען גע־

וואָרען, אַז אויב איהם האָט געפעהלט טאַקט און דורכגעדרינגענ־קייט, איז ער יעדענפאַלס געווען אַ העלדישער מענש. נאָכדעם האָט ער געלעבט אין דער קאָלאָניע פון די עמיגראַנטען אין לאָנ־דאָן, פיהרענדיג אַ זאָרגלאָזען לעבען. די עמיגראַנטען האָבען אַנדערש גאָרניט געטאָן ווי בויען פּרוכטלאָזע פּלענער און איינליעבען זיך איינער אין דעם צווייטענס פרוי. אַזוי, צ. ב., האָט די פרוי פון דעם גרויסען רוסישען רעוואָלוציאָנער, הערצען, זיך פאַרליעבט אין הערוועג'ן, וואָס האָט געבראַכט צו אַ טראַגי־שען צוזאַמענשטויס. נאָכהער, האָט זיך הרעוועג באַזעצט פריהער אין פּאַריז, שפּעטער אין ציוריך און האָט דאָ געפיהרט אַ גישט־אַקטיווען לעבען, אַרויסזאָגענדיג שטענדיג זיין אומצופרידענהייט מיט דעם גאַנג פון געשעהנישען אין דייטשלאַנד. פּונקט ווי קינקעל און מאָריץ האַרטמאַן, האָט ער ניט געקענט ביז דער ענדע פון זיין לעבען (1875), זיך צופרידענשטעלען מיט דער אַלמעכטיגקייט פון דייטשלאַנד, וואָס איז געקויפט געוואָרען מיט דעם פּרייז פון פרייהייט. ער האָט זיך קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט פון זיינע יוגענד־אידעאַלען און האָט העלדיש אָפּגעהיט ביז דער ענדע פון זיין לעבען זיין ענטציקטע באַציהונג צו היינע'ן, ניט קוקענדיג וואָס דער לעצטער האָט חוזק געמאַכט פון איהם.

מיט זיינע נייגונגען, איז געווען נאַטירליך, ער זאָל שאַרף נאָכפאָלגען די טרייהייט פון די איבעריגע פּאָעטען צו זייער פאָהן און די אויפריכטיגקייט פון זייער ליבעראַליזם. מיר האָבען שוין גערעדט וועגען זיינע אַרויסטרעטונגען געגען הייבעל'ן און פריי־ליגראַטען. נאָכהער האָט ער זיך געווענדעט געגען אַנאַסטאַסי גריון. דער לעצטער האָט געוואוינט אין וויען, וואו ער האָט זיך גע־פליסט צו דערשלאָגען זיך צום טיטעל פון קאַמערהער, ווייל זיין פרוי, די גרעפין אַטעמס ביי געבורט, האָט געהאַט אויסצייכנונגען פון דעם „שטערענדיגען צלם אָרדען", אז זער האָט ניט געקענט דער־לאָזען, אַז זי זאָל אָהן איהם באַזוכען דעם הויף. הערוועג האָט זיך געווענדעט צו איהם מיט ריהרענדע ווערטער, אָבזאָגען זיך פון די "אגות:

„קען מען דען באַשמוציגען דעם טעמפּעל צוליעב אַ פרוי, טאַנצענדיג מיט איהר צוזאַמען אַרום דעם מזבח פון דער געטשקע?" א. ד. ג.

דינגעלשטעדט האט געענטפערט מיט פראכטפולע ליעדער אין גראף אורשפערג'ס פארטיידיגונג:

„א, די גראבע און פאסקודנע מענשען ווילען ניט פארשטעהן, אז אזא גייסט ווי דיינער, דיענט אלס גאראנטיע פאר דער ריינקייט פון איבערצייגונג, נאר בייזעס גלויבען זיי גערן" א. ז. וו.

דער ענטפער האט זיך ארויסגעדרעהט פון דעם אנפאל אנשטאט באקעמפען איהם. קיינער האט ערנסט ניט געגלויבט אז אזא מענש, ווי אורשפערג, זאל קענען פארראטען זיינע איבערצייגונגען; אויב הערוועג פלעגט אנפאלען אויף איהם איז עס בלויז דערפאר וואס ער, ניט קוקענדיג אויף זיינע איבערצייגונגען, נאר בלויז צוליעב זיינע פערזענליכע באקוועמליכקייטען, פלעגט זיך פלייסען צו דערשלאגען צו א הויף־טיטול. דינגעלשטעדט האט אויך אין דעם פאל פארטיידיגט זיין אייגענע זאך, ווייל דער נעקסטער שרייבער, אויף וועמען הערוועג האט געווענדעט זיינע דונערען, איז געווען אייגענטליך דינגעלשטעדט, און אין דעם זין איז די סאטירע געווען געלונגענער, ווייל זי איז געווען באהאלטען. דער שפאס האט זיך פארוואנדעלט אין א כאראקטעריסטיקע.

הערוועג האט זיך געטראפען אין פאריז מיט דינגעלשטעדט'ן, וועלכער האט געמוזט פארלאזען דייטשלאנד צוליעב זיינע פאליטישע ליעדער; אמאל אין אווענד האבען ביידע פאעטען שפאסהאפטיג געשטריט צווישען זיך; יעדער פון זיי האט שפאסיגערהייד געטאן זיין הומאריסטיש־טרויעריגע תשובה פאר טוישען די איבערצייגונגען. הערוועג האט אנגעשריבען א ליעד „וואהלגעבארען" (זיין הויכהייט), וועמעס אינהאלט איז דער פאלגענדער:

„וואס פאר א נוץ איז צו ריידען וועגען פרייהייט און פאטערלאנד, זיין געניאל און פארנעמען זיך מיט פאליטיק? וואס פאר א נוצען האט דאס מיר געבראכט? ניין, איך וויל בעסער ווערען אן אמת'ער בירגער."

נאך יעדער סטראפע חזר'ט זיך איבער דער ריפריין, די לעצטע שאפען בלויז דאגות. ליזעטא! נאך א גלאז ביער! איך וויל ווערען א אמת'ער בירגער."

נאך יעדער סטאנציע חזר'ט זיך איבער דער ריפריין, די לעצטע

שורה. וועלענדיג פאַרשטעקען אין גאַרטעל זיין פריינד, האָט דינ־געלשטעדט אַנגעשריבען אַ ליעד „האַכוואַהלגעבאָרען“ (זיין הויכ־הויכהייט), וואָס פאַנגט זיך אָן מיט פאָלגענדע ווערטער:

„דו ווילסט ווערען אַן אמת׳ער בירגער? פע, חבר! דו — אַן אמת׳ער בירגער? אַזוי ווילסטו ווערען אַ בירגער? איז דאָס דער ציעל, וואָס דו האָסט זיך געשטעלט אין דיין לעבען? נעהם צוריק דאָס העס־ליכע וואָרט! איך וויל זיך דערהויבען העכער פון די קליינליכקייטען; מיין עהרע־ליעבע איז גרויס און מעכטיג: איך וויל ווערען אַ גע־היים ראַט־געבער!“

און די שורה, פונקט ווי דער ריפריין, פאַרענדיגט יעדע סטראָפע.

צוויי יאָהר שפּעטער איז דינגעלשטעדט געוואָרען אַ געהיים־ראַט, דער פאָרלעזער און דער ביבליאָטעקער ביי דעם וויורטעמ־בערגער קעניג. הערוועג האָט זיך באַפרידיגט דערמיט, וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט די לידער איינע לעבען דער אַנדערער.

פראַנץ דינגעלשטעדט (געבאָרען אין יאָהר 1814) האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אין דעם העכסטען גראַד אַן אָריגינעלען טיפּ פון יענער צייט, — דאָס איז געווען אַ ליבעראַל, וועמען עס וואָלט בעסער געפּאַסט צו געבוירען ווערען אַ פירשט פיוקלער, איידער אַן אָרימער לעהרער; און אַ סאַטיריקער, וועלכער האָט זיך ניט געקענט באַפרידיגען מיט די אָרימע לעבענס אומשטענדען; אַ קלוגער קאָפּ אָהן ערנסטע חסרונות אָבער אויך אָהן ערנסטער באַגייסטערונג; — אַ מענש, וואָס באַזיצט אַ לייכטע שאַרפזיניג־קייט, מיט אַ סך פּאָעטישע פונקען, נאָר אין דערזעלבער צייט מיט אַ פריה־צייטיגער איבערזעטיגונג און מיט אַ ליידענשאַפט צו פראַקטישע טהעטיגקייט, וואָס האָט איהם ניט פאַרלאָזען ביז זיין קבר. ער איז געבוירען געוואָרען אין דעם אָמערגסטען רעגירטען לאַנד אין דער וועלט, אין העסען, אין דער צייט פון האַסענפּפלוג׳ס הערשאַפט מיט זיין העסליכער אַדמיניסטראַציע; וועהרענדיג אַ לעהרער פון דער העכערער שוהלע, האָט ער אויפגעוועקט אונצו־פרידענהייט מיט זיין פריידענקען, מיט זיין פרייען אַרט לעבען, מיט זיינע ליבעראַלע ליעדער, און איז אונטערגעוואָרפען געוואָרען צו פאַרפאָלגונגען: מען האָט איהם אָנגעהויבען איבערפיהרען פון

אָרט צו אָרט, פאַרפאַלגען אויף אַלע אופנים און דריקען, ביז וואַנען ער איז ענדליך (אין יאָהר 1841) אין דעם עלטער פון 27 יאָהר, אַרוים אין דימיסיע, א יאָהר נאָך הערוועג׳ס האָט ער אַרויסגעגעבען זיין ערשטע זאַמלונג פּאָליטישע לידער: „לידער פון א קאָסמאָפּאָליטישען נאַכט־וועכטער“.

אין דער זאַמלונג איז געווען גוט דער גראַמען־קלאַנג, גוט די לידער, גוט דער הומאָר, גוט די מאַסקע, וואָס דער אויטאָר האָט אָנגענומען. דער נאַכט־וועכטער מאַכט זיין נאַכט־רעוויזיע אין א מונדיר, מיט א מאָרגען־שטערען און האָרן אין האַנט, און שטעהענדיג פאַר די הייזער, שרייבט ער אַרום דאָס, וואָס ער זעהט אין זיי און אויף וואָס ער האָט א חשד.

ער איז אַן אמת׳ער נאַכט־וועכטער, וועמען עס איז שרעקליך פאַר׳מיאוס׳ט געוואָרען זיין אַלטיטשקע, וועלכע ער האָט איבערגעלאַזען אין הויז; זי איז אַזוי העסליך און זי האָט אַזוי פיעל קנייטשען אויף איהר פּנים; נאָר דערפאַר בלייבט דער הויז־פרידען ניט באַריהרט; זי שלאָפט ביינאַכט, ער שלאָפט בייטאָג. ער איז דער אמת׳ער נאַכט־וועכטער, וואָס זינגט דאָס ליעד פון דעם נאַכט־וועכטער וועגען פאַרלעשען דאָס פייער און ליכט; ער קוקט אַרויף צו די פאַרשלאָסענע, צו די פּאָליטישע פאַרשלאָסענע; זיי באַווייזען זייערע פּנים׳ער דורך די גראַטעס, וועלענדיג זיי צושאָקלען; ער געהט פאַרביי דעם קאַטעדראַל מיט די רעשטלעך פון זיינע הייליגע; אינוועניג אין קאַטעדראַל טראָגט דער ווינט זיך דורך איבער די סטרונעס פון אָרגאַן, אַזוי אַז דער וועכטער ציטערט צוהערענדיג זיך צו די מאָדנע טענער וואָס פאַרטראָגען זיך צו איהם, און לאַכט פון זייער שרעק; עס איז שוין צוואַנציג יאָהר אַריבער זינט ער פלעגט אַריינקומען אינוועניג אין קאַטעדראַל; ער באַלאַנגט ניט צו דער צאָהל פון זיינע שטענדיגע זונטאָגדיגע באַזוכער.

און פונדעסטוועגען איז ער ניט דער אמת׳ער נאַכט־וועכטער. ניט זיינע געפיהלען, ניט זיינע מיינונגען האַרמאָנירען מיט זיין שטאַנד. אויבען אין הויז קומט פאָר א באַל; ער הערט זיך צו צו דער מוזיק, און באַשרייבט די טענץ און מאַנירען פון דער געקליבענער געזעלשאַפט. וואָס פאַר א גראַנדיעזער איינדרוק וואָלט זיך באַקומען ווען ער וואָלט אין זיין פעלצעל מיט דער לאַנטערנע

און שטעקען, מיט דעם שניי אויף זיין היטעל, מיט די סאָסולקעס אויף זיין באָרד און וואָנצעס און מיט זיינע ברענענדיגע רויטע באַקען, — אריינגעגאַנגען אהין צווישען די אַלע שאָטענס! פאַר א צווייטען הויז שטעהט דער עקיפּאַזש פון דעם מיניסטער, דעם אַלמעכטיגען מיניסטער. דער פוהרמאַן איז אַנגעטאָן אין א פעלץ, נאָר די אָרימע, מיט גאָרניט צוגעדעקטע פערד ציטערען פון קעלט. דאָן ווען זייער בעל־הבית זיצט דאָרטען און שפּיעלט אין קאָרטען,— פּונקט ווי זיי וואָלטען ניט געקענט נעהמען נקמה פון איהם, ווען ער וועט אַרויסגעהן:

„עס וואָלט בעסער געווען ווען דו וואָלסט אַוועקגעוואָרפען די קאָר־טען. זעה, היט זיך, מיניסטער! דו וועסט דאַרפען האָבען צו טאָן מיט פיער פערד; ניט קיין בירגער זיינען איינגעשפּאַנט ביי דיר אין עקיפּאַזש."

אין די אַלע ליעדער רייסט זיך דורך א ליידענשאַפטליך גע־פיהל. דער נאַכט־וועכטער געהט פאַרביי הייזער אין פאָרשטאָט, וואו עס ליגט א קבצן און ראַנגעלט זיך מיט'ן טויט; ער געהט פאַרביי א משוגעים־הויז, און א מורא פאַר וואַהנזין, וואָס כאַפּט איהם אַלע מאָל אָרום אויף דעם אָרט, צומישט זיך מיט א מאָדנער געהיימניספוהלער צוציהענדער קראַפט; ער געהט פאַרביי דעם בית־עלמין, וואו מען האָט אין א זייט, אין יענעם ווייטען אָרט, באַגראָבען זיין אָרימען טאַטען, וועלכער האָט זיך אַליין געהאָלפען אריבערפעקלען פון דער וועלט אויף יענער וועלט, און אומקעהרענ־דיג זיך, שטעלט ער זיך אָפּ ביי א פּאַלאַץ, וואו דער פּרינץ, פאַרלי־רענדיג זיין שלאָף, וואַרפט זיך מיט מאַטערניש אויף זיין בעט, דאַן ווען די וואַך פאַר דעם פּאַלאַץ שלאָפט אין דער ביידעל שטעה־ענדיגערהייד בעסער איידער ער אויף זיין ווייכען געלעגער.

עטוואָס פון דאָס איבערגעגעבענע האָט דער נאַכט־וועכטער געקענט פיהלען, נאָר אויסדריקען אין אַזעלכע ווערטער זיינע גע־פיהלען וואָלט ער קיינמאָל ניט געקענט, — און יעדע רגע פאַלט ביי איהם די מאַסקע אַראָפּ פון פּנים. ערטערווייז רייסען זיך דורך — אין אן אבסאָלוט קלאָרער פאָרם — אויסברוכען פון פאָלקס צאָרן. איך וועל ברענגען, צום ביישפּיעל, דעם פאָלגענדען אָרט, געווענדעט געגען הויף־שר, וועלכער האָט אַרויסגעזויגען דעם גאַנ־

צען זאַפט פון זיין לאַנד; ער איז קראַנק, און ניט קוקענדיג אויף דער שפּעטער שעה, איז נאָך ליכטיג אין זיינע פענסטער:

„פאַרוואָס שלאָפט ער ניט, נאָר רייסט אויף זיך דולערהייד זיין וועש אויף שטיקלעך? אַן עהרליכען מענשען שלאָפט זיך אַלע מאָל גוט; ביי אַ שווינדלער איז דער גיהנום אין זיין נשמה. ער האָט אויסגעזויגט דאָס גאַנצע בלוט פון לאַנד, ער, דער שלאַנג. אין לויף פון אַ גאַנצען דור האָט ער גע׳גנב׳עט, געזאָגט ליגען, גע׳גזל׳ט, און אָבגענאַרט".

נאָר שפּעטער באַווייזען זיך אַזעלכע אויסדריקען פון האָס און גרויזאַמקייט, וואָס האָבען גאָר ניט צו טאָן מיט די פאָלקס קרייזען פון דער געזעלשאַפט, צ. ב., פון העכסטען גראַד אַ לייכטזיניגער ראַט פאַר אַ יונגע פראַכטפולע דאַמע, וואָס האָט געהייראַט אַן אַלטען נואף, ווי אַזוי צו נעמען נקמה פון איהר מאַן. צייטענווייז טראָגען זיינע געדאַנקען און טרוימען אַ העכערען כאַראַקטער.

ער שפּאַרט זיך אָן אויף אַן אַלטען הארמאַט, וואָס ליעגט געהאָרכזאַם אויף דעם פעסטונג׳ס וואַל. אַמאָל האָבען זיך זיינע רעדער שנעל געטראָגען איבער דער באַזיגטער ערד, פאָהרענדיג איבער לעבעדיגע און טויטע. אַמאָל פלעגט ער געבען דעם צייכען צום בלוטיגען שלאַכט, ווייל אויף זיין קעהל אונטער דער קרוין איז אָנגעצייכענט „נ". איצט הערט זיך זיין שטימע בלויז דאַן, ווען אַן אָרימער געפאַנגענער לויפט אַוועק פון זיין געפענגנים, אָדער אין געבורטס־טאָג פון זיין הויכהייט, אָדער אין עהרע פון אַ געבורט פון אַ פּרינצעסין. נאָר געדולד! — שרייט אויס דער נאַכטוועכטער, זיך ווענדענדיג צום הארמאַט: — עס וועט דיר אפשר אויסקומען איינגיכען באַוואַרפען דעם שונא מיט דיינע באָמבעס; שווייג דערווייל, חבר וועטעראַן, זיי זאָלען דיר ניט פאַרמאַכען דיין מויל ווי זיי האָבען פאַרמאַכט אונזערע מיילער. ווי איהר זעהט, דאָ איז די מאַסקע אינגאַנצען אַראָבגעוואָרפען.

נאָך זיין פאַרלאָזען העסען, האָט דינגעלשטעדט אַרויסגעגעבען אַ זאַמלונג „נאַכט־וועכטער׳ס וועלטגאַנג", אין וועלכען דער פּאָעט טרעט אַרויס שוין ניט אַלס אַ נאַכט־וועכטער, נאָר אַלס אַ וואַנדערבאַרער רעוואָלוציאָנער. ער פאַלט אָן געוואַגטערהייד אויף שלעכטע קעניגע, אויף די באַציהונגען אין העסען, פּריסען, האַנאָווער און אויך אויפ׳ן פאַלשען פּאַטריאָטיזם:

„וואָס איז דאָס, מיינע העררען, דער דייטשער פּאַטריאָט? — אַ מענש וואָס דיענט יעדען זונטאָג זיין גאָט אין הימעל, און אין דער וואָכען — זיין קעניג. — וואָס פאַרלאַנגט, מיינע העררען, דער דייטשער פּאַטריאָט? — אַ ווארעם פּלאַץ פאַר זיך, אַ טיטול, אַ סטענגע אין דער פּעטליצע, ברויט פאַר זיינע געזעצליכע קינדער, און פאַר זיין לאַנד — יורשים. — אַרויס פון טעמפּעל, דייטשער פּאַטריאָט, ווייל דיין קוש, אַ, יודאָס, האָט פאַררעטעריש דער׳הרג׳עט די פרייהייט!“

איינינע מאַנאַטען שפּעטער איז דינגעלשטעדט געוואָרען אַ הויף־ראַטגעבער און ראַטגעבער אין געזאַנדשאַפט. ער האָט געהאַט אַ ווארעם פּלאַץ, אַ סטענגע אין דער פּעטליצע, און אַ טיטול. קיינער, פאַרשטעהט זיך, האָט ניט געקאָנט גלויבען, אַז ער איז געוואָרען אַן אַנדערער. ניטאָ וואָס צו וואונדערען זיך אויב מען פלעגט אורטיילען זיין אויפפיהרונג מיט שטרענגקייט און אַמאָל אויך מיט פאַרביסענעם האַס. די גרויסע צאָהל דאָקומענטען, וואָס זיינען נאָכדעם אַרויסגעגעבען געוואָרען און וואָס ווארפען אַ העלען ליכט אויף זיין כאַראַקטער און אויף זיין לעבען, געדרוקטע אין „דייטשע רונדשוי“, אין יאָהר 1890—1889, דורך יולי ראָדענבערג, באַווייזען אונז זיין אויפפיהרונג אין אַ מעהר ווייכערען ליכט, אין פאַרגלייך מיט דעם, ווי זיין אויפפיהרונג האָט זיך באַוויזען זיינע צייט־גענאָסען. זיין אַרט האַנדלען איז זיכער געווען ניט שעהן און גראָב, נאָר מען קען איהם ניט אָנרופען אַ נידעריגער מענש. אין דער אמת׳ן איז ניט געווען קיין שלעכטס אין דעם וואָס ער האָט אָנגענומען אַ שטעלע פון אַ פאַרלעזער ביי אַ געבילדעטען און סימפּאַטישען קעניג. זיין טעות איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט נאָך אַזוי ניט לאַנג צוריק געדונערט מיט אַזוי פיעל דעמאָקראַטישע פראַזען, פלעגט זיך ערלויבען אַזעלכע ליידענשאַפטליכע אַרויסטריטע געגען הערשער, ניט באַגרינדענדיג זיי אויף אַן ערנסטער שטאַרקער איבערצייגונג.

ער איז געווען אַן אמת׳ער קינסטלער נאָך זיין נאַטור, נאָר אין דערזעלבער צייט אַ שכל׳דיגער מענש פון העכסטען גראַד; די ליידענשאַפט צו פאַרגעניגען האָט זיך ביי איהם פאַראייניגט מיט ליעבע צו מאַכט, און ער האָט ניט געקענט שלום מאַכען מיט דער

ערנידערונג, וואס א קבצן דארף אויסשטעהן, ניט קענענדיג זיך אויפהויבען איבער די גרויסע מאסען; פלוצלינג האט איהם מיט א שטארקע קראפט באהערשט א באוואוסטזיין, אז געהענדיג ווייטער אויף דעם וועג, אויף וועלכען ער איז ארויפגעטראטען, וועט ער אויסזעהן אן אמת'ער נאר. וואס וועט ער האבען דערפון וואס ער וועט זיך אבזאגען מיט א דאקטרינערער עהרליכקייט פון אלע אנגעזעהנע שטעלען און דעם הויכען געזעלשאפטליכען שטאנד? וואס וועט די וועלט געווינען, אויב רייך באשאנקענע, טאלאנטפולע מענשען וועלען איבער א פאלשע לעבענס־רעגעל איבערלאזען טיטולען, ארדנעס, אנגעזעהנע פלעצער און שטעלען פאר נאראנים? צי דען קען מען מיט דעם וועג פארבעסערען די עקזיסטירענדע לאגע? ער האט געהאט פאר זיך א ציעל צו קריגען די העכסטע מאכט אויפ'ן קינסטלערישען געביעט, צו לייזען גרויסע סצענישע פראבלעמען, פארוואלטען מיט גרויסע טעאטרען, זיין ערפאלגרייך אין די קעניגליכע הויפען, און אויך צווישען פראכטפולע פרויען. קען ער דען דאס דערגרייכען אלס אן עמיגראנט, א שוהלע־לעהרער, אלס א קארעספאנדענט פון דער „אלגעמיינע ציטונג"? ווער וועט איהם סוף כל סוף שעצען, אויב ער וועט פארבלייבען אויף אלע מאל אן ארימאן און א זעלבסט־שטענדיגער זשורנאליסט? און ווער וועט סוף כל סוף ניט קריגען קיין דרך־ארץ פאר איהם, אלס צו אן איינפלוסרייכען הויף־מיטגליעד? זיכער וועט מען אנהויבען וואיען אויב ער וועט נאכפאלגען זיין בארוף — אויב ער וואלט נאר ניט אנגעשריבען דאס פארשאלטענע ליעד צו הערוועג'ן! — נאר דער עיקר איצט איז צו פארהיטען אונטער אלע אומשטענדען די רוה, די קאלטבלוטיגקייט, די דורכדרינגענדע איראניע, די שמייכלענדיגע קאלטקייט, דאס געפיהל פון סופעריטעט. דער עיקר איז אין דעם מען זאל זיך ניט פארלירען פון דעם געשריי פון די געגנער: זאלען זיי זיך שרייען ביז צו פולער אונמאכט! און די אלע אויסגערעכענטע מעלות באזיצט ער אין א גענוגענדער צאהל.

ווי באוואוסט, איז ער געווארען ניט בלויז א הויף־מיטגליעד, נאר ער האט אין פארלויף פון זיין לעבען פארנומען א דירעקטאר־שטעלע פון א גנצע רייהע הויף־טעאטרען — אין שטוטגארט,

מינכען, ווייגמאַר, — און ענדליך האָט ער זיך דערהויבען צו דעם אַמט פון דעם אַלמעכטיגען דירעקטאָר פון וויענער בירגער־טעאַטער.

היינע, וואָס האָט זיך ניט אויסגעצייכענט מיט זיין שטרענג־קייט, נאָר מיט זיין שאַרפזיניגקייט, האָט אָנגעשריבען אַ זעל־טענע ליעד וועגען דינגעלשטעדט'ס „פערהויפּרעטעריי" (פאַרוואַנד־לונג אין אַ הויף־ראַטגעבער), וואָס הויבט זיך אָן מיט די פאָל־גענדע ווערטער:

„אויב דיין נשמה, דיין סטיל וועלען ניט פאַרדאָרבען ווערען, וועל איך שמייכלענדיג אַלעס באַגריסען, אַלץ וואָס דו וועסט טאָן. פריינד מיינער, איך וועל זיך קיינמאָל ניט אָפּווענדען פון דיר אויב איך וועל אַפילו מוזען דיך אָנרופען: הער הויף־ראַטגעבער".

אין אָט דער ליעד ענטהאַלט זיך דער דורכגעדרונגענער מיט טיפען צער פאַרשטעהן דינגעלשטעדט'ס האַנדלונגען, מיט דער בי־טערער פאַראַכטונג צום פּובליקום, צו וועלכער זיי ביידע, היינע און דינגעלשטעדט האָבען זיך געווענדעט.

דער, וואָס וויל האָבען אַ געלונגענע און קלאָרע פאַרשטעלונג וועגען דינגעלשטעדט'ס גייסטיגער פערזענליכקייט, דאַרף פאַר־גלייכען זיין לעבענס־באַשרייבונג, אויסגעדריקט אין שאַרפזיניגע און קינסטלערישע פּראָזע אונטער דעם קעפּעל „מינכענער בילדער־בוך", מיט זיין סעריע לידער אונטער דעם נאָמען „איין ראָמאַן". ער עפענט אין זיי די געהיימע ווינקלען פון זיין זעעל אין אַ פיעל גרעסערען גראַד איידער אין די ווערק פון זיין יוגענד. ער האָט פריה־צייטיג דערפיהלט צומישטען געפיהל פון רייסען זיך צו דער אַריסטאָקראַטישער וועלט און שנאה צו איהם. אין ליעד „קרעהווינקעל" רעדט זיך וועגען דער געזעלשאַפט:

„זיי זאָגען ליגען, שפּאַרען זיך, טרייבען רכילות, און האַסען שרעק־ליך איינער דעם צווייטען; אויב זיי דערגרעהען ניט צו מערדערייען איז בלויז דערפאַר, וואָס זיי פעהלט טאַפּפערקייט; זיי וואָלטען געוואָלט, נאָר זיי וואַגען ניט; דאָס רופען זיי אָן די קנופּען פון חוב. די יעניגע פון זיי וועלכע קענען טראַכטען, לעבען ניט דורך דעם נסיון, נאָר דער גרעסטער טייל פון זיי קען ניט טראַכטען".

ער באַשרייבט די ליידענשאַפט פון דער העכערער וועלט. דער אויטאָר באַגעגענט אויף אַ גרויסען באַל אין ענגלאַנד אַ דאַמע פון די

אינדישע קאָלאָניעס מיט אינדישע בלוט אין איהרע אָדערען, נאָר מיט אַן אַבסאָלוט אייראָפּייאישער ערציהונג; זי איז איהם נאָהענט נאָכ'ן גייסט, פּונקט אַזוי צושרויפּט ווי ער, פּונקט אַזוי קאַלט און מיעד. צווישען זיי פאַנגט זיך אָן אַ ליעבע און אַ געמיינשאַפט־ליכע פאַרשטענדניס:

„מיר האָבען זיך נאָהענט פאַרבונדען איינער מיט דעם צווייטען, צי פון פאַרלאַנג זיך צו פאַרוויילען, צי פון פאַרצווייפלונג, — זי, די פאַרלאָרענע, און איצט ווי אַ באַנייטע פרוי, איך — אָהן וועלכע עס איז האָפנונגען, און איצט אַ באַנייטער מענש!“

דאָס וואָרט פאַרוויילונג איז צו שוואַך, דאָס וואָרט „פון פאַר־צווייפלונג איז צו שטאַרק. אין דער שניידענדער שילדערונג פון דענדיזם און מעלאַנכאָליע, ווייזט זיך אַרויס די דייטשע נאַאיווי־טעט. איין זאַך איז געווי, די ליידענשאַפט האָט זיך אָנ־געצונדען. און דער ראָמאַן שפּיעלט זיך ווייטער פאַנאַנדער צווי־שען די פאַרליעבטע, היים און שטורמיג, — דאָס איז ניט אַזוי פיעל די ליעבע ווי די ליידענשאַפט: נעכט פול מיט ליעבע, פּאָעזיע פון אַלקאָווען, און פאַר דעם פּנים פון דער וועלט, אַ קופּערנער שטערן פון אַכזריות, — נאָכדעם דאָס שיידען זיך, פאַר־געבונג און פאַרגעסענהייט, ביז וואַנען אַ קערפּער־געווד אין אַן אַמסטערדאַמער שאַץ־קאַמער, אַרויסגעהענדיג פון לאָטאָס, צווינגט איהם פאַלען אין חלשות. ער דערמאָנט איהר און דריקט צו זיינע ליפּען דעם פאַרוועלקטען בלאַט פּונקט ווי די האַנט פון דער געשטאָרבענע.

פּערזענליכקייטען, עהנליכע צו דינגעלשטעדט'ן, זיינען דער אויסדרוק פון זייער געגענוואַרטיגער עפּאָכע; זיי דינען פאַר איהר אַלס אילוסטראַציע, נאָר זיי פיהרען איהר ניט פאָראויס. אָהן צווייפעל ציהט די אַרבייט פון אַ גאָלדשמיד אויף זיך בליקען און שטעלט אויף זיך אָפּ די אויפמערקזאַמקייט פון אַ גרויסער צאָהל פּערזאָנען אין אַ גרעסערען גראַד איידער די אַרבייט פון אַ בויער, וועלכער בויט אויף דעם פונדאַמענט און שאַפט די קאָנסטרוקציע פון פּאַלאַץ: נאָר פאַר דעם פּאַלאַץ איז די אַרבייט פון גאָלדשמיד פון ווייניגער ווערט אין פאַרגלייך מיט דעם בויער'ס. אַט די פּאָעטען, וואָס האָבען אַזוי ליידענשאַפטליך געגאָרט

נאָך פֿאַרגניגען און אָפֿט אַזוי טיעף איבערגעזעטיגטע, ניט האָבענדיג קיין אַנדער שטיצע אַ חוץ די פּאָליטישע, דורך זיי באַזונגענע, איבערצייגונגען, מיט וועלכע זיי טראָגען זיך אַרום, און צו ענדע כמעט אַלע מאָל פֿאַרראַטען זיי איהם, — שטעלען מיט זיך פֿאַר די געזעלשאַפֿטליכע באַדייטונג אין דעם זין, וואָס זיי שאַפֿען די געזעלשאַפֿטליכע פּאָליטישע שטימונג. מיט זייער טעטיגקייט גרייטען זיי שנעלער צו דעם אין אַלגעמיין לאַנגזאַמען איבערבוי פֿון דער געזעלשאַפֿט; נאָר אַפּילו ניט אין דעם איבערבוי איז די גאַנצע זאַך, — ניט די פּאָליטיק איז די ערשטע ערוואַכענדע אורזאַך פֿון אַן איבערקעהרעניש. די אינערליכע איבערקעהרעניש איז דער אויסדרוק פֿון טיעפֿערע באַוועגונגען, פֿון מעהר דערווייטערטע פֿון דעם אויבערפֿלעך. די וויכטיגע ראָל אין דעם פֿאַל, קען זיין, שפּיעלט דער לאַנגזאַמער איבערבוי פֿון דער רעליגיעזער אַנשויאוינג, וועלכע ווערט באַשאַפֿען דורך דער פֿילאָסאָפֿיע.

אייגענטליך אין יענער צייט, צווישען דעם אַרויסגעבען דורך הערוועג׳ען די ערשטע און צווייטע זאַמלונג, איינצייטיג מיט דעם אַרויסגעבען דורך דינגעלשטעדט׳ן די ערשטע, אין זומער פֿון יאָהר 1841, איז אַרויסגעטראָטען אַ דענקער פֿון פֿילאָזאָפֿיש־רעוואָלוציאָנערען געדאַנק, וועלכער האָט באַשאַפֿען אַן עפּאָכע מיט זיינע ווערק. אין זיין ווערק „דאָס וועזען פֿון קריסטענטום“, שאַפֿט ער הויכע געדאַנקען, באַגרינדעט, און זאָגט אַרויס וועלט־אַנשויאונגען, וועלכע בעאיינפֿלוסען אַלץ וואָס ווערט אַרויסגעגעבען אָדער אַרויסגעזאָגט נאָך איהם דורך אַנדערע, וואָס שטעהען אויף אַ געוויסער שטופֿע פֿון ענטוויקלונג. ער איז אַ ראַנד־עקיקער שטיין, אויף וועלכען אַלע בויען אין פֿאַרלויף פֿון 20 יאָהר — דאָס איז לודוויג פֿויערבאַך.

ווען איך זאָג, אַז ער איז גרויס, — גרויס אַלס מענש און דענקער, פֿיהל איך אַליין מיט פֿאַרדרוס די פֿלאַכקייט פֿון מיינע ווערטער. מיר האָבען גענומען דאָס וואָרט אום צופּאַסען צו דער הויך און לאַנגקייט פֿון דער וועלט פֿון געפֿיהלען. מיר האָבען זיך ביסלעכווייז צוגעוואוינט צו איהם צו אַזאַ שטופֿע, אַז עס דערוועקט זיך ניט אין אונז קיין ספּעציעלער געפֿיהל, דערמאַנענדיג איהם.

אפילו דער באַגריף פון גרויסקייט איז פּאַרטויבט געוואָרען צווישען אונז. דער באַגריף ווערט פאַרניכטעט אויף אַ קאַלטען, פוילען אופן, מיט וועלכען מיר באַקענען זיך מיט דעם לעבען פון גרויסע גייסטיגע טהוער, לייענענדיג איינפאַכע באַשרייבונגען פון זייער טהעטיגקייט. נעהמענדיג אין די הענט, צ. ב., די געשיכטע פון דער פילאָזאָפיע, זעהען מיר זיי אַלע אויסגעצויגען אין ראַנזשיר, אויסגערעכענט אונטער נומערען, און אָנגעהמענדיג איין און די־זעלבע געשטאַלט. זיי שטעהען אין פאַרשלאָסענע רייהען, קריי־גענדיג דעמזעלבען כבוד און אַרויסרופענדיג אינטערעס פון איין און דעמזעלבען גראַד: שעלינג, אַ געני און אַ שאַרלאַטאַן; שטראַוס, אַ צווייטער גראַד דענקער און פעדאַנט; קאַרל פאַכט, אַן אויסגעצייכענטער טאַלאַנט און אַראַטאָר; לאָץ, אַ פּראָפעסאָר פון פילאָסאָפיע, אַן אויסגעצייכענטער פּראָפעסאָר, — און צווישען זיי פויערבאַך, אוועקגעשטעלט אין דערזעלבער רובריק צוזאַמען מיט אַנדערע. עס קאָן מעגליך זיין, געשעצט נידעריגער פון אַנדערע צווייטע־גראַד פערזאָנען, וואָס פלעגען זיך אָנרופען אידעאַליסטען פון ווירקליכקייט אָדער דאָס גלייכען. דאָס ווירקט אויף אַ צו־שטערענדען, דעמאָראַליזירענדען אופן.

ער איז געווען גרויס. איך וויל זאָגען, אַז אַרום איהם האָט זיך באַשאַפען פון אַלע זייטען אַ ברייטער אָפענער פּלאַץ. איך וויל זאָגען, אַז, וועלענדיג איהם פאַרשטעהן, דאַרפען מיר אַרויסיאָגען און אַרויסוואַרפען אַלץ, וואָס מען זאָגט וועגען איהם אין די שוהל־ביכער. דער פאַקט, אַז ער איז געווען גרויס, באַווייזט דאָס וואָס ער איז געשטאַנען אויף אַ גאַנץ אַנדער שטאַפעל פון די איבעריגע מענשען. אויב מיר וועלען אַ קוק טאָן אויף איהם ווי ער הויבט זיך אויף פאַר אונזערע אויגען אין זיין מאַיעסטעטישע איינזאַמ־קייט, וועלען מיר ניט־ווילענדיג דערפיהלען צו איהם אַ טיעפען דרך־ארץ.

ווי איינזאַם ער איז ניט געווען אין זיינע באַציהונגען מיט זיינע פריינד, איז דאָך זיין גאַנצע געשטאַלט געווען דורכגעדרונגען מיט אַן אויסערגעוועהנליכער ערנסטקייט. עס לוינט נאָר אַ קוק טאָן אויף דאָס געזיכט, וואו אַלץ איז שטענדיג אויסגעהאַלטען אין אַ שטרענגען, ענערגישען סטיל, וואו אַלע שטריכען אָטעמען

מיט דעם געני. עס וואַרפט זיך אונז אין די אויגען דער סטיל אויף זײַן מעכטיגען שטערען, אין די קלײנע אויגען, אין דער גרויסער באָרד. קראַפט פּיהלט זיך אין זײ, קראַפט און גרויסקייט, און אַ מענערשע שעהנקייט, אַ שטרענגע, ווי אַן אויסגעגאָסענע פון בראָנז.

אַלײן אַ געני, האָט ער געשטאַמט פון אַ משפּחה, וואָס האָט ארויסגעגעבען אַ גאַנצע רײהע טאַלאַנטפולע טוער: זײַן פאָטער איז געווען דער ערשטער קרימינאַליסט אין דייטשלנאַד; זײַן ברודער, שוועסטער, פלימעניק, אַלע — מענשען, וואָס האָבען זיך אויסגעצייכענט. ער איז געבאָרען אין יאָהר 1804, אין לאַנדסגוט. געלערענט אין הײדעלבערג, געווען אַ טעאָלאָג, צוערשט אַ גלויביגער, נאָכדעם אַ קריטישער, שפּעטער אַ פילאָסאָף, צוערשט אַן אַבסטראַקטער, נאָכהער אַלץ מעהרער און מעהרער אַ רעאַליסטישער. ער האָט אַנאָנים ארויסגעגעבען זײַנע „געדאַנקען וועגען טויט און אונשטערבליכקייט“, וועלכע מען האָט צוערשט פאַרוועהרט, נאָר נאָכדעם איז דער פאַרבאָט פון זײַ אָראָבגענומען געוואָרען. אַזוי ווי מען האָט זיך דערוואוסט ווער דער אויטאָר פון דעם בוך איז, האָט מען איהם אײניגע מאָל אָבגעזאָגט אין זײַנע ביטעס צו פאַרנעהמען אַ קאַטעדרע אין אײנע פון די זיד־דײטשע אוניווערזיטעטען; פּונקט אַזוי האָבען זיך אויסגעלאָזען אַלע זײַנע פאַרזוכען דורך דער פאַרמיטלונג פון געלעהרטע צו דערשלאָגען זיך צו אַ שטעלע אַלס פּראָפעסאָר אין בערלין, פראַנקרײך, שווייץ און גריכלאַנד. פון יאָהר 1835 ביז דעם יאָהר 1860 פיהרט ער אַ שטילען, פאַרשלאָסענעם לעבען — צוערשט אין ברוקערג, לעבען אַנסבאַך, נאָכהער אין רעכענבערג, לעבען נירענבערג, און גאָר אין די עלטערע יאָהרען פיהרט ער אַ לעבען פון אַן אָבגעזונדערטען אין אַ דאָרף, דורכשרײַבענדיג זיך מיט פרײנד פון געלעהרטען קלאַס און מיט מענשען פון פאָלק ווי קאָנראַד דײבלער פון זאַלצקאַמערהוט), וועלכע פלעגען מאָנכעסמאָל פאַרשטעהן זײַנע ווערק און טיעפער פיהלען, אײדער די פאַרשטעהער פון דער אַזוי גערופענער אינטעליגענטער וועלט. אין יאָהר 1837, האָט ער געהײראַט מיט דער געליעבטער פון זײַן יוגענד. אַ גרויסע באַדײַטונג אין זײַן הארץ־לעבען האָט געהאַט אַ לײדענשאַפט צו איהם, מיט וועלכע עס האָט זיך

אנגעצינדען אין אָנפאַנג פון די פערציגע יאָהרען, אַ טאָכטער פון איינע פון זיינע פריינד, אַ יונגע מיידעל, — אַ ליידענשאַפט, אויף וועלכע ער האָט געענטפערט מיט דאַסזעלביגע.

זיין איינציגע סעריע לעקציעס איז געגעבען געוואָרען פון איהם, אין יאָהר 1848, אין היידעלבערג, ניט אין אוניווערזיטעט, וואו מען פלעגט פאַר איהם מורא האָבען און אָבקעהרען זיך פון איהם, נאָר פריוואַט. זיינע פריינד האָבען זיך געפלייסט, אין יאָהר 1842, צו קריגען פאַר איהם אַ שטעלע פון אַ פּראָפעסאָר אין היידעלבערג; צוערשט איז איהם די אידעע געפעלען געוואָרן, נאָר נאָכהער האָט ער אויף אַן ענטשלאָסענעם אופן זיך געשטעלט דאַגעגען די פּאַר־זוכען דורכצופיהרען דעם פּלאַן אין דער ווירקליכקייט.

„צו וועלען מאַכען מיך פאַר אַ פּראָפעסאָר, און דערצו אויף אַ זעהר איינפאַכען אופן, אויף וועלכען עס קען ווערען יעדער נאַר... הייסט אַוועקשטעלען מיך אויף איין ברעטעל מיט נאַראָנים, וועלכע פיגורירען דאָרטען אין דער איצטיגער צייט, הייסט מיך באַליי־דיגען, אַרויסשטעלען צום אָפּלאַכען... מיין קאָפּ טויג ניט פאַר אַ קאַטעדרע. מיין קאָפּ טויג, ווייסטו פאַר וואָס? — טרעף! — פאַר אַן עשאַפאָט. ווייל מיין קאָפּ איז אויך ענטשלאָסען און שאַרף, ווי אַ שווערד פון אַ הענקער, און מיך פּערזענליך ציהט נאָר צו אַזעלכע האַנדלונגען, פאַר וועלכע מען דאַרף שטעלען דעם קאָפּ אין קאַן".

זיינעם אַ פריינד, וואָס האָט איהם אויפגעפאָדערט אָנרופען זיין ווערק ניט „דאָס וועזען פון קריסטענטום", נאָר „דאָס וועזען פון טעאָלאָגיע", האָט ער געענטפערט:

„דער קאַמף מיט דער טעאָלאָגיע אינטערעסירט מיך ניט אינגאַנצען. איך האָב בלויז צו טאָן מיט אַלוועלטליך־היסטאָרישע ערשיינונגען. ווירקען — הייסט האַקען — דערביי נעהמסטו אויף זיך אַ נדר אין פאַל פון נויט לאָזען זיך אויך האַקען".

דאָס איז די שפּראַך און אַנשויאונג ניט פון אַ פּאָעט, נאָר פון אַ טהוער. סען רענע טאַילאַנדיע האָט געזעהן אַ ווידערשפּרוך צווישען פויערבאַך'ס אַנשויאונגען און דעם, וואָס האָט ניט גע־נומען קיין אַנטייל אין דער רעוואָלוציאָנירער באַוועגונג פון יאָהר

1848. ער האָט געענטפערט אויף דער באַשולדיגונג מיט פאָלגענדע ווערטער:

„הער, טאַילאַנדיע! אויב די רעוואָלוציע וועט ווען עס איז נאָך אַ מאָל אויפפלאַקערן, און איך וועל נעהמען אין איהר אַן אַנטייל, מעגט איהר זיכער זיין, אַז זי וועט זיין אַ זיעגרייכע, און עס וועט אָנקומען דער לעצטער טאָג פאַר דער מאָנאַרכיע און דעם קלעריקאַליזם אין דייטשלאַנד. צום אומגליק וועט מיר ניט אויסקומען צו דערלעבען אַזאַ טאָג. און דאָך נעהם איך אַן אַקטי־ווען אַנטייל אין דער גרויסער און זיעגרייכער רעוואָלוציע, אַ טעטיגקייט, וואָס וועט זיך באַווייזען אין פאַרלויף פון אַ יאָהר־הונדערט; ווייל נאָך מיין לעהרע, וועלכע אַנערקענט ניט קיינע נסים אין דער ספערע פון פּאָליטיק, נאָר וועלכע איהר פאַרשטעהט ניט, כאָטש איהר נעהמט זיך אונטער אורטיילען וועגען איהר, איידער בעסער איהר לערנען, — נאָך דער לעהרע זיינען רוים און צייט די וויכטיגסטע אורזאַכען פון עקזיסטענץ, דענקונג און טעטיגקייט. ניט דערפאַר איז אַלץ געקומען צו אַזאַ קלאָגעדיגען סוף, וואָס אין פּאַרלאַמענט זיינען ניט געווען גענוג גלויביגע, ווי מען האָט געטענה׳ט אין דער בייערישער פּאַלאַטע — די גרעסטע טהייל זיינען געווען גאָטס־פאַרכטיגע מענשען, — נאָר דערפאַר ווייל זיי האָבען ניט פאַרשטאַנען יענעם פּלאַץ און יענע צייט".1)

וויפיעל שטאַפּלען פון ענטוויקלונג פויערבאַך זאָל ניט האָבען דורכגעגאַנגען ביי דעם וואַקסענדען אין איהם אינטערעס צו דער ווירקליכקייט, און וויפיעל פאַרשיידענע שטאַנדפּונקטען ער זאָל ניט האָבען, געגען וועלכע מען קען אַרויסטרעטען מיט פולען רעכט, איז דאָך זיין הויפּט־געדאַנק, וואָס דיענט אַלס דער שליסעל פון הימעל־בלוי, אויף וועלכע עס רוהט דאָס גאַנצע, צייכענט זיך אויס מיט איינפאַכקייט און גרויסקייט.

ווען אַ יונגער מאַן שטהעט אין רוימישען פּאַנטעאָן, פאַרטיעפט אין דעם באַטראַכטען די קופּאָלען, קומט איהם ניט־ווילענדיג אַריין אַ געדאַנק אין קאָפּ: ווען מען וואָלט כאָטש איין מאָל אין לעבען געקאָנט, ווי דער בויער פון דעם טעמפּעל, האָבען אין קאָפּ איין

1) „וועזען דער רעליגיאָן", זייט 7.

גרויסע אידעע אזוי ווי די וועלכע איז דער פונדאמענט פון דעם קופאל, ווען מען וואלט כאטש איין מאל געקאנט באשאפען אין אונזער געדאנק אזא שטארקע פונדאמענטאלע באציהונג, אזא איינ־פאכע און אין דערזעלבער צייט קאמפליצירטע פארמולע, וועלכע האט אין אינערליכער רייכקייט געקאנט ענטוויקעלט ווערען אין א גאנצע פונדאמענטאלע אנשויאונג, אין א מאיעסטעטישע גאנצ־קייט, אין א גאנצען הימעל אין מיניאטיור!

פאר א גרויסען מענשליכען לעבען וואלט גענוג געווען איין געדאנק אזא אין זיין גאנצער אונמיטעלבארער איינפאכקייט און פון דעם גאנצען רייכטהום פון איהר אויספיהרונג.

אזא פונדאמענטאלער געדאנק איז געווען ביי פויערבאך'ן.

.18

די רעוואָלוציאָנערע פּאָעזיע.

דער טיעפּסטער סימן, מיט וועלכען עס צייכענט זיך אויס די ליטעראַטור פון די פערציגער יאָהרען, וואָס האָט געקראָגען דעם נאָמען די ליטעראַטור פון באַוועגונג, באַשטעהט אין דעם וואָס זי האָט ניט קיין באַציהונגען מיט דער אָפיציעלער דייטשלאַנד. דאָס גיט איהר צו שטאַרקייט, מיט וועלכע זי צייכענט זיך אויס, און אַ ספּעציעלע פרישקייט. אונטער דאָס אָפיציעלע לאַנד און פאָלק דאַרף מען ניט פאַרשטעהן אין דעם פאַל אַ קליינע, פאַר זיך איינגעשלאָסענע וועלט, וואָס עקזיסטירט פון זיך אַליין, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקען, פון הויף־ אָדער רעגירונגס־ספּערען, — ניין, אונטער דעם דאַרף מען פאַרשטעהן אַ גאַנצען טהייל פון באַפעלקערונג, וועלכער ביי געוועהנליכע אומשטענדען, דאַכט זיך, שטעלט פאַר דאָס גאַנצע פאָלק, — דאָס, וואָס צייכענט אויס אַלץ וואָס קומט אַרויס פון פאָלק, מיט איהר נאַציאָנאַלען קאָלאָריט, און וואָס האָט איבערגעלאָזען דעמזעלבען שטעמפּעל אויך אויף אַלע פריהערדיגע העלדענטאַטען פון פאָלק. מיט דעם אַלעמען, וואָס האָט אין דער שפּעטערדיגער צייט געקראָגען דעם נאָמען אינטעליגענטע פּיליסטערטום, האָבען די מענשען, וואָס האָבען זיך אויסגעצייכענט אין דער עפּאָכע, גאָרניט צו טאָן. אַזאַ גרופּע פון פּערזענליכקייטען אָדער פּאָעטישע שאַפונגען איז ניטאָ אין דער ליטעראַטור פון די דריי סקאַנדינאַווישע לענדער. אין סקאַנדינאַוויע איז אַפילו די יוגענדליכע אָפּאָזיציאָנעלע סטודענטישע ליריק געוואָרען נאָך איינִיגע יאָהרען אָפיציעל. די מעהר אויסגעצייכענטסטע דייטשע פּאָעטען אין דער פעריאָדע פון יענער צייט זיינען געווען אונצופריעדענע

אַדער ווערען אונאָפּהענגיג און טראַגען העלדיש אַלע רעזולטאַטען פון דער אונאָפּהענגיגקייט.

צווישען די, וואָס האָבען דערקלערט זייער אונאָפּהענגיגקייט, האָט זיך ספּעציעל אויסגעצייכענט פרייליגראַט. ער איז געבאָרען געוואָרען אין דעטמאָלד, אין יאָהר 1810; ער איז אַן אמת בלאָנדער, בלוי־אויגיגער זון פון וועסטפּאַליע; אַ קנאָכיגער און שטאַרקער, מיט אַ געדיכטע גרויוע האָר. זיין פאָטער — אַ שוהל־לעהרער מאַכט פון איהם אַ סוחר געגען זיין ווילען. נאָר ער, אייגענטליך אַ דאַנק דעם סוחר׳ישען שטאַנד, באַפרייט זיך פון קלאַסישע מוסטערען, ערציהט זיך אויסשליסליך אויף דער נייעסטער ליטעראַטור, הויבט אָן צו באַגרייפען די ווייטסטע לענדער און ערטער, וועלכע דער וועלט־האַנדעל ברענגט אין געמיינשאַפטליכער באַריהרונג, און, אַ דאַנק דעם אַלעמען, קריגט זיין פאַרשטאַנד אַ געגענווערטיגען שטעמפּעל.

פערדינאַנד פרייליגראַט, אין געגענזאַץ צו זיין פאָרלויפער אין דער פּאָליטישער פּאָעזיע, האָפמאַן פאָן־פאַלערסלעבען, איז ניט בלויז אַ פרוכטבאַרער פּאָעט פון לידער, — ער איז אַן אמת׳ער, אינספּירירטער פּאָעט. האָפמאַן, שטודירענדיג די אַלטע דייטשע פאָלקס־לידער, און זייענדיג אַליין אַן אויפריכטיגער פאָלקס־מענש, האָט באַוויזען אַ נים־דערשעפּליכען קוואַל פון אַנפאַלען אויף דער ביוראָקראַטיע און יונקערטום, נאָר אין דערזעלבער צייט האָט ער זיך אויסגעצייכענט מיט אַן איינאַרטיגקייט וואָס אַלע פאָלקס־פּאָעטען באַזיצען. פרייליגראַט האָט פאַרהעלטניסמעסיג ניט געשריבען קיין סך, נאָר יעדעס ליעד זיינע צייכענט זיך אויס מיט אַ שטעמפּעל פון אָריגינאַליטעט. ער געפינט זיך אונטער׳ן איינפלוס פון דער נייעסטער פראַנצויזישער און ענגלישער פּאָעזיע, און האָט אָנגעשריבען אַ גרויסע צאָהל איבערזעצונגען פון די שפּראַכען; ער האָט אָנגעהויבען זיין טהעטיגקייט אַלס אַ באַשרייבונגס־דיכטער פון וויקטאָר הוגאָ׳ס שוהלע, נאָר נאָכדעם האָט ער שנעל ענטוויקעלט זיין אייגענע אינדיווידואַליטעט. ער האָט אין העכסטען גראַד באַזעסען צוויי מעלות, וועלכע זיינען זעלטען ווען פאַראייניגט אין איין פּערזאָן: די פעהיגקייט פון קינסטלערישער שאַפונג און די האַרציגקייט פון געפיהלען. די ערשטע פעהיגקייט

גיט איהם די מעגליכקייט צו צייכענען מיט העלע פאַרבען די פרעמדע לענדער פון דער וועלט. — די צווייטע ווייזט זיך אין איהם דאַמאָלסט ארויס, ווען ער ווערט דער זינגער פון פאָטערלאַנד און פאַמיליען־לעבען. אין זיין פּאָליטיש־רעוואָלוציאָנערער צייט האָט זיך הארציגקייט פאַרוואַנדעלט אין אַ טוגענד, פול מיט טרי־אומף, און די פעהיגקייט פאַר קינסטלערישער באַשרייבונג האָט זיך פאַרוואַנדעלט אין אַ געוועהר פון צאָרן, אונצופרידענהייט און דורשט נאָך קאַמף.

אין זיין יוגענד איז ער (אין יאָהר 1831), וואוינענדיג אין אַמסטערדאַם, געווען זעהר בעאיינפלוסט פון ים און ים־רייזע. ער האָט אין זיינע טרוימען נאָכגעפאָלגט אַ מחנה שיפען, ארויספאָ־רענדיג פון די פּאָרטען, און רייזענדיג נאָך אפריקאַ, אינדיע, טער־קיי און אַמעריקאַ. אויף אַזאַ אופן האָט זיך ביי איהם ערוועקט אַ פאַרלאַנג צו באַשרייבען די נאַטור פון יענע לענדער, אַזוי ווי זי האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט אין זיין פאַנטאַזיע. און הוגאָ׳ס אָריענטאַלישע לידער האָבען איהם אָנגעצייגט ניט נאָר אין באַ־צוג צו פאַרבען, פאַסיגע פאַר אַזעלכע סיוזשעטען, נאָר אויך אין באַצוג צו דער פאָרם פון די לידער. ער איז איינער פון די דייטשע דיכטער, וואָס האָבען זיך געפלייסט צו באַהערשען די אַלעקסאַנד־רישע פאָרם פון די פראַנצויזען, וואָס מען האָט אַזוי געהאַסט אין דייטשלאַנד, בלויז ער אַליין האָט אָנגעוויזען אויף זיינע פאַר־דיענסטען. נאָר, ס׳איז מאָדנע צו זאָגען, אַז ער, ניט קוקענדיג אויף זיין צאָרטען פאַרשטעהן די מעטרישע פאָרם, איז ניט געווען אימשטאַנד אָנצוכאַפּען זיינע פּרטים און ער פלעגט איהם שטענ־דיג איבערגעבען מיט די ריינסטע יאַמבען, וואָס די דייטשען האָ־בען פאָרטגעזעצט צו טאָן אויך נאָך איהם. דאַן ווען די אַרט פון באַגעהן זיך מיט דער פאָרם האָט אין סקאַנדינאַוויען לאַנג אויפגעהערט.

שטאַרק איז אין איהם געווען זיין שטרעבען אין דער ווייט, איבער דעם אָקעאַן. אין געגענזאַץ צו דער דייטשער דאָרף־פּאָעזיע, פלעגט ער באַשאַפען — פון זיין צימער — בילדער פון די אַפרי־קאַנישע מדבריות און פון די אַלטע וועלדער פון אַמעריקאַ. איהם פלעגט צוציהען דער דאָרטיגער הייסער קאָלאָריט, און ער פלעגט

עס מאַנכעסמאָל איבערגעבען געלונגענערהייד, מאַנכעסמאָל ניט עסטעטיש; אין הינזיכט פון שפּראַך פלעגט ער מעהרסטענטיילס ווירקען מיט נייע, מאָדנע גראַמען, — גראַמען אויף אָריגינעלע, אומגעלומפּערטע, פרעמדע ווערטער. די בעסטע פון זיינע לידער האָבען אויסגעזעהן ווי לעבעדיגע פויגלען, די ערגסטע — ווי טויטע אָנגעשטאָפּטע.

נאָר דער אַפריקאַנישער פרייליגראַט איז ניט דער בעסטער. דער נאַציאָנאַלער, ליבעראַלער פרייליגראַט שטעהט אַ סך העכער. ווען דער פּאָליטישער אַרויסרוף, וואָס הערוועג האָט איהם אַ שלייי דער געטאָן אין פּנים, האָט איהם אויפגעוועקט, האָט ער זיך איינגעשלאָסען אין זיך און האָט זיך עהרליך און ריין־האַרציג אָפּגעגעבען אַ חשבון אין זיינע, נאָך ניט אינגאַנצען באַוואוסטזיניגע, שטרעבונגען און סימפּאַטיען; ער האָט געפונען אין די טיפענישען פון זיין נשמה דעם דראַנג נאָך פרייהייט, וואָס קיין זאַך האָט ניט געקאָנט דערשטיקען, און דעם מיטגעפיהל צו אונטערדריקטע, וועלכער האָט געקאָנט אַריבערגעהן אין האַס און אונצופרידענהייט וואָס כאַפּט אַרום די נשמה. זיין גענֹי האָט זיך געלאָזען אויף דעם רעוואָלוציאָנערען וועג און האָט שטורמיש מאַרשירט פאָראויס ביז ער האָט ניט אויפגעהויבען זיינע פליגעל און אַ לאַז געטאָן זיך אין דער הויך. און פון דעם פּאַעט׳ס מויל האָבען זיך געלאָזט הערען די טענער פון דער מאַרסעליעזע. און די הימנען פון פרייליגראַט פון יאָהר 1848, זיינען די אינספּיראַציע אַליין, אַז ענטציקטע באַגייסטערונג; אין די ערשטע פון זיי קלינגט: אַ שטורמישע ליידענשאַפט, גלויבען, רעוואָלוציאָנערע רעליגיאָזיטעט, אַ פלאַמענדע איראָניע, אַ פרעהליכע פאַר׳שיכור׳ונג מיט׳ן זיעג; אין די לעצטע: עהרליכע פאַרצווייפלונג, מאַיעסטעטיש אין איהר אויסדרוק.

אויך די לידער, געשריבען פריהער פאַר דער רעוואָלוציע, וועקען און גרייטען צו צו איהר דעם געדאַנק, זיינען ווערט צו געלעזען ווערען. צו זיי באַלאַנגט די זאַמלונג „קאַ איראַ“ פון יאָהר 1846. אין יעדע פון די לידער, פון וועלכע די זאַמלונג באַשטעהט, שילדערט זיך אַז אייגהייטליך קלאָר בילד. אין דעם ערשטען — פון לאַנד פאָהרט אַרויס אַ שיף, דער נאָמען איז —

רעוואלוציע. אין צווייטען, איז געשילדערט, נאכ'ן מאטיוו גענומען ביי טאמאס מור, די אויטאקראטיע אין געשטאלט פון אן אייז־פאלאץ, וועלכער מיט דעם אנקומען פון פריהלינג מוז זיך צוברעכען, פלאצען און צושמאלצען ווערן. אין דער ליעד „וויע מאנ'ס מאכט", באשרייבט זיך די רעוואלוציע לעבעדיג און דראמאטיש, אזוי אז דו זעהסט איהר פאר דיינע אויגען, לעבסט אין איהר. נאכדעם ווי די רעוואלוציע, וועלכע דער אויטאר זעהט פאראויס, דערנעהענטערט זיך, ווערט זיין פאעזיע אלץ מעהר און מעהר געגענווארטיג. ער באשרייבט א רהיינישע שיף אויף וועלכער עס געפינען זיך דער פרייסישער קעניג און קעניגין. די שיף דערמאנט מיט זיך די דייטשע געזעלשאפט. אויף דעם דעק איז זיך די געזעלשאפט מחיה מיט דער פרישער לופט, מיט'ן העלען זונען־שיין, מיט די פראכטפולסטע רהיינלאנדישע פייזאזשען, נאר אונטען, ביי דער מאשין, שטעהט דער פראלעטאריאט אין געשטאלט פון א מאשיניסט און טרייבער, דעם הערשער איבער דעם וואולקאן, וועלכער באוועגט דאס שיף פאראויס און קאנטראלירט זיין גאנג. איין מאך מיט דער האנד, איין קלאפ — און די גאנצע קענטענים ווערט צושטויבט אויף פיצלעך, פארשווינדט דער קעניג, די דעק פאלט פאנאנדער, די פלאמען כאפען אלץ ארום, — נאר ווארט אביסעל, שטורמדיגער עלעמענט, הייגט איז נאך ניט די צייט! אין אזעלכע לידער ווי צום ביישפיעל, „פרייע פרעססע", זאגט דער פאעט פאראויס מיט ענטציקונג דעם גאנג פון די געשעהעניסען: דער אויפשטאנד דארף באלד אויפפלאקערן; נאך איין טאג, און דער קאמף וועט זיך אנהויבען אויף די גאסען. דער אייגענטימער פון א דרוקעריי האלט א רעדע צו זיינע ארבייטער. מען דארף האבען קוילען צום שיסען, נאר דעם פאלק פעהלט אומ אמוניציע, דערפאר דארף מען פארוואנדלען אין קוילען אלע בוכשטאבען, און אין ניכען פליסט און רוישט די גאנצע פלאמענדע מאסע, אננעהמענדיג די פארם פון קוילען. עס איז געקומען אזא צייט, אז ביכער נאר אין געשטאלט פון קוילען וועלען קאנען באפרייען די מענשהייט.

די טעג פון דער יונגער דייטשלאנד זיינען פאראיבער, און איצט דאכט זיך, אז דייטשלאנד אליין איז יונגער געווארען.

דעם גענענזאַץ פון פרייליגראַט'ן שטעלט מיט זיך פאַר ראַד בערט פרוץ (געב. אין שטעטין, אין יאָהר 1816) מיט דער גרינדליכ־קייט פון זיין בילדונג. דאָס איז אַ קריטישער, היסטאָרישער און פילאָזאָפישער געבילדעטער מח, וואָס האָט אויסגעפּרובירט זיינע כחות אויף פיעלע געביטען, נאָר געקראָגען אַנערקענונג בלויז אַלס פּאָליטישער פּאָעט. ער איז פון סאַמע אָנפאַנג געוועזען אַ הייסער מיטאַרבייטער פון רוגעס „האַללישע יאָהר־ביכער“, פאַר וואָס מען האָט איהם פאַריאָגט אין גלות. אַלס דיכטער איז ער אַ פּויער־באַכער. ער איז אפשר אַביסעל טרוקען אין זיין פּאָליטישער ליריק און ציינט אין זיי ניט אַרוים קיין פאַנטאַזיע; ער האָט ליעב געהאַט צו האַלטען זיך ביי דער זאַך; נאָר זיין געזונטע און אין דערזעלבער צייט ענטציקטע ליעבע צו פרייהייט ווירקט אויף אַ צוציהענדען אופן. דער וואָס האָט איהם איין מאָל ליעב גע־קראָגען, וועט איהם קיינמאָל ניט אויפהערען צו ליעבען, און וועט צוגעבען אַ גרוים באַדייטונג אפילו צו זיין שפּעטערדיגער זאַמלונג לידער „אוים דער היימאַט“, וואָס מען האָט אויף אַן אומגעלומ־פּערטען אופן באַשולדיגט אין סענסואַליטעט; דאָס איינציגע אין וואָס מען קען איהם יאָ באַשולדיגען איז אין טאַקטלאָזיגקייט, וועל־כע ער האָט אַרויסגעוויזען, ווידמענדיג די זאַמלונג זיין פרוי.

דאָס בעסטע פון זיינע ווערק — „די פּאָליטישע געבורטען“ (צוריך, 1845) — איז ניט קיין גרויסער שעדעוור אין אַריסטאָ־פאַנישען גייסט, אין וועלכען פּרוצ'ן, דעם הייסטען אַנהענגער פון גאָלבערג אין דייטשלאַנד, האָט זיך איינגעגעבען קאָנצענטרירען די שאַרפזיניגקייט און אַפּלאַכונג פון דעם יונגען דור, זיינע שטרע־בונגען און זיינע האָפנונגען.

פאַר דעם קלאַסיש־געבילדעטען פּאָעט איז גרינג געוועזען זיך צופּאַסען צו דער אַריסטאָפאַנישער פאָרם; צום אומגליק האָט ער זיך צו שטאַרק געהאַלטען מיט איהר. דערפאַר האָט זיך זיין ווערק פאַרוואַנדעלט אין אַ קאָסטבאַרקייט, וועלכע עס קען גע־שעצט ווערען בלויז ביי אַן אויסערוועהלטען קרייז לעזער, און וועל־כע קען ניט דיענען אַלס שפּייז פאַר'ן פּשוט'ן עולם. דאָס איז אַ שאַפונג פון אַ יונגען, געניאַלען, פול מיט האָפנונגען טרוימער. זיין גלויבען אין דער זעלטענער צוקונפט פון דייטשלאַנד איז גע־

ווען פּונקט אַזוי לעבעדיג און שטאַרק ווי זיין פריינד, צוזעהענדיג דאָס לעבערליכע חרוב ווערען פון אַלעם פאַרפוילטע און וואַקעלדיגע. אויב קאָמישע פיגורען און קאָמישע ארויסטרעטונגען באַווייזען זיך אויף דעם אידעאַליסטישען גאָלדענעם פּאָן, איז דאָס דערפאַר, ווייל דער פּאָעט זעהט ווי די זון פון צוקונפט געהט אויף און באַלייכט זיי.

די דראַמע קומט פאַר פאַר'ן הויז פון אַ דאָקטאָר, אַן אייגענטימער פון אַ געבורט־שפּיטאַל, אין וועלכען עס פאַלען אַריין אויך יונגע דאַמען פון די העכערע קלאַסען. אין דער לעצטער צייט געהען דעם דאָקטאָר'ס געשעפטען זעהר שלעכט. ביי איהם זיינען געווען גוטע טעג, ווען די גאָטס־פאַרכטיגקייט איז געוואַקסען אין קעניגסבערג; ווייל גאָט'ס ברכה האָט גערוהט אויף די פרומע און פיעלע פרומע אומאַרמונגען האָבען געגעבען פרוכטען. נאָר פון דער צייט ווען די רעגירונגס־קירכע איז געוואָרען אין פיינדליכע באַציהונגען מיט דער גאָטספאַרכטיגקייט, זיינען די פּאַלאַטען פּוסט געוואָרען. ער האָט ניט געוואוסט פון אַן אַנדער מיטעל זיך צו רעטען, ווי צו ווערען אַ מיטאַרבייטער פון אַ פּריסישער רעגירונגס־צייטונג; ווייל דער וואָס טויג שוין צו גאָרניט, ווערט אַלע מאָל געפינען אַ שטיקעל ברויט, אַרבייטענדיג פאַר דער צייטונג. זיין דיענער קיליאַן איז הונגעריג (און פאָדערט עסען). דער דאָקטאָר ראָט איהם ער זאָל ערלויבען זיך אויסצושניידען זיין מאָגען און נעהמט שוין אַ מעסער דערצו. דאַמאָלסט ווערט ער שוין קיינמאָל ניט הונגערען. און וואָס פאַר אַ פאַרדיענסט ווערט ער האָבען פאַר דער מענשהייט, אויב ער ווערט זי איבערציינגען, אַז מען קען דורכפיהרען אַזאַ מין אָפּעראַציע. ווייל וואָס פאַר אַ שטיין שטעהט היינטיגע צייטען דעם יוצר־טוב אין וועג? פאַרוואָס האָט פּריוויליגראַט אָנגענומען די פּענסיע? פאַרוואָס האָט זיך דינגעלשטעדט געמאַכט צו שאַנד? אין אַלץ איז שולדיג דער מאָגען, בלויז דער מאָגען. נאָר אין דערזעלבער מינוט קומט צו דער איבערגעטאַנגענער אַלס אַרימאַן, הערר ביטרער (שלויקאָפּף). ער דעקלאַמירט עטוואָס פּאַטריאָטישעס וועגען אַרמיני אין דעם סטיל פון דער ניבעלונגען־ליעדער, קלייבט נדבות פאַר אַ סטאַטוע אין אָנדענקונג פון אַ נאַציאָנאַלען העלד, און ווען דער דאָקטאָר רופט אַן די סטאַטוע,

אומפּאַרזיכטיג, אַ ראַבען־סטראַשידלע, ערקלערט דער כיטרעת, אַז ער וועט זיין דערפאַר באַשטראָפט צום ווייניגסטען מיט 21 יאָהר געפענגניס. זיי הויבען זיך אָן צו שלאָגען און אין צייט פון זייער געשלעג בלייבט דעם כיטרער'ס פאַלשע נאָז אין דעם דאָק־טאָר'ס האַנד, וועלכער דערקענט אין זיין געגנער זיין אַמאָליגען יוגענד־פריינד, דעם אַמאָליגען סאָציאַליסט, רעפּובליקאַנער און קעניג־מערדער, און איצט דעם געהיימען קעניגליכען שפּיאָן. זיי וואַרפען זיך איינער דעם אַנדערען אין די אָרעמס, און ווען דער כיטרער איבערצייגט זיך פריהער, אַז דער דאָקטאָר האַלט ניט פון רעוואָלוציאָנערע, פאַר דער געזעלשאַפט רואינירענדע, פּאָלי־טישע איבערצייגונגען, דערצעהלט ער איהם דאָן צוליעב וואָס ער איז געקומען. ווען דער דאָקטאָר דערוויסט זיך וואָס פאַר אַ מעכטיגער מענש עס שטעהט פאַר איהם, פאַלט ער אויף די קניה און איבערצייגט איהם, אַז דאָס איינציגע אין וואָס ער גלויבט איז, אַז די טאַלערען זיינען קיילעכדיג. און דער כיטרער דער־צעהלט איהם זיין סוד:

„גערמאַניאַ, דאָס פאָטערלאַנד, גערמאַניאַ פון לוטער און פרידריך, די קעניגין מיט די העל־בלאָנדע האָר, — שווענגערט".

דער דאָקטאָר גלויבט ניט. איז דאָס ניט פון צופיעל וואַסער, אַלס רעזולטאַט פון דעם וואַסער טרינקען אריינגעבראַכט דורך די נייע אבסטינענט־געזעלשאַפטען? ניין, זי שווענגערט. און דער איינציגער וואונדער איז, וואָס די צייטונגען דערמאַנען גאָרניט וועגען איהר שוואַנגערן, די צייטונגען, וואָס דרוקען שטענדיג אַזוי גערן די נייעס וועגען קעניגינס און פּרינצעסינס. און איצט זאָגט איהם דער כיטרער אָן די בשורה, אַז דער דאָקטאָר, אַלס ערפאַה־רענער אַקושאַר, ווערט גערופען צו קורירען גערמאַניאַ. ער און ניט קיין אַנדערער מוז איהר העלפען. דער דאָקטאָר טאַנצט פון שמחה, פאָדערט אַ יעהרליכע פּענסיע און מעדאַלען אַלס באַלוינונג, און בעט זיין פריינד צו ברענגען די דאַמע; נאָר זעה! — זי איז שוין דאָ.

שקלאַפען, וואָס שטעלען מיט זיך פאָר דאָס רעכטלאָזע פאָלק, טראָגען זי אריין אין אַ גאָלדענעם שטוהל. זי איז אַ בלאָנדע מיט אַ פריינדליכע געזיכט, מיט אַ גרויס מויל און מיט וואַסער־

דיג־בלויע אויגען. אַלע באַגריסען זי און בוקען זיך פאַר איהר אַלס גערמאַניע. נאָר פון איהר אָפּענעם געשפּרעך מיט דעם כיטרען, דערוויסען מיר זיך, אַז זי איז גאָרנים די, פאַר וועלכע מען נעהמט זי אַן. ער פרעגט ביי איהר צי זי שווענגערט אין דער אמת׳ן; זי ענטפערט, אַז ער אַליין דאַרף דאָס בעסער וויסען; ער און אַנדערע האָבען געבראַכט צו אַזאַ לאַגע. ער האָט זי געבראַכט פון גאַס און האָט זי אויסגעלערענט צו שפּילען די ראָלע, וועלכע זי דאַרף איצט שפּילען. זי איז די אָפּיציעלע דייטשלאַנד, און זי האָט אַלץ געטאָן, וואָס כיטרע קעפּ האָבען איהר געהייסען: זי פלעגט שאָקלען מיט׳ן קאָפּ, שטעלען זיך אויף די קניה און זאָגען תפלות אויף באַפעהל. און איצט מוז זי אויך אויפ׳ן באַפעהל ווערען שווענגערדיג. ער שילט זי און דראָהט זי צו שלאָגען, זי לאַכט זיך אויס פון איהם און דראָהט צו אַנטלויפען, און דאַן וועט ער זעהן ווי גרינג עס איז צו קריגען אַן אַנדער גערמאַניע.

נאָר אין דער פינסטערנים פון דער נאַכט באַווייזט זיך אין גאַס פאַר׳ן הויז אַן אומבאַקאַנטע פרוי, אַ פאַרטריבענע פון אייגען הויז. זי האָט ניט קיין פּלאַץ וואו צו לעגען איהר קאָפּ. „איך“ — זאָגט זי — „די געזעצליכע קעניגין, די אמת׳ע גערמאַניע, מוז ווי אַ בעטלערקע באַהאַלטען מיין קעניגליכען פּנים אין דער פינסטער־נים פון דער נאַכט דאַן ווען די, וועלכע האָט פאַרנומען מיין פּלאַץ, לאָזט זיך פרעכערהייט אַנרופען מיט מיין נאָמען און רוהיג דרעמ־לען אויף זיידענע קישענס. איהר שטיינער, זייט מיין קישען! וויל מיין פאָלק, פּונקט ווי זייער קעניגין, מוז ליגען אויף שטיינער“.

ווען מען הערט אין דער נאַכט רופען „גערמאַניא“, ענטפערען ביידע צוזאַמען: די קימפּעטאָרין אין הויז און די פרוי אין גאַס. הויבט זיך אויף אַ געשריי, ווערט אַ פּאַניק, באַווייזען זיך אויף דער סצענע זשאַנדאַרען און מאַכען אַ פאַרזוך אויסצוגעפינען, וועלכע פון זיי רופט זיך אַן מיט אַ פרעמדען נאָמען. „ניט איך“, שרייט די אומבאַקאַנטע, ווענדענדיג זיך צום כיטרען. זי פאַרזיכערט, אַז מען האָט ביי איהר גע׳גנב׳עט איהר נאָמען כדי באַצירען מיט איהם דעם פרעכען שטערן פון אַ געליעבמע און ענדיגט מי טפאָלגענדע ווערטער: — „שעהמט זיךביידע! איך בין די איינציגע און אמת׳ע גערמאַניא“. — קיליאַן קען בשום אופן ניט פאַרשטעהן,

אַז אַזאַ פאַרפינסטערטע און אויסגעדאַרטע פרוי קען זיין די ריכ־טיגע גערמאַניאַ. נאָר די שקלאַפען פיהלען ווי די צאַרטע טענער פון איהר שטימע דרינגען אַריין אין זייער האַרץ. דער איינציגער וואָס פאַרלירט זיך ניט איז דער דיפּלאָמאַט כיטרער:

„עפענט כאָטש אויף אַ רגע אייערע אויגען! איהר דאַרפט זיך בלויז גוט איינקוקען אין זיי וועט איהר גלייך דערזעהן ווער פון זיי איז די ריכטיגע. די איז אָנגעטאָן אין שמאַטעס, יענע — אין זייד. איינע איז בלאַס פון קעלט, דאָר, שטעלט מיט זיך פאַר אַ שאָטען, אַן אָרימע פון דער בעטלער־געזעלשאַפט, די צווייטע — איז מאַיעסטעטיש, דיק, שעהן, לעבט אין די קרייזען פון נאָבעלע מענשען און, ווי איהר זעהט, געפינט זיך אין אַ זעלטען גוטער לאַגע".

הערענדיג דעם פאַרגלייך פון איהר געגנערינ׳ס גרויסקייט מיט איהר אייגענער אָרימקייט, — ענטפערט די אומבאַקאַנטע מיט שטאָלץ:

„לאָך פון מיר וויפיעל דיין האַרץ געלוסט. קריך אין מיינע וואונדען מיט דיינע בלוטיגע, גזלנ׳ישע פינגער. לאָך אָפּ פון מיינע שמאַטעס, גרויס זיך דערמיט, וואָס איך בין אַ פרוי, וואָס האָט איהר היימאַט פאַרלאָרען, וואָס האָט איהר הויז־געזינד פאַר־לאָרען, וואָס איך בין אַ פאַרפאָלגטע. דו ווייסט בעסער פון אַלעמען, וועמעס האַנד האָט פאַרגאָסען מיין בלוט און אַראָבגעריסען די קרוין פון מיין קאָפּ... פאַר איהר האָסטו אויפגעבויט אַ פּאַלאַץ, און פאַר מיר אַ געפענגניס. דיינע הענקער האָבען זיך גע׳חנפ׳עט צו איהר און מיך האָבען זיי פאַרפאָלגט. נאָר דיר, פאַלשע קע־ניגין, דיר, וואָס האָט געוואַגט צו טראָגען דעם גע׳גנב׳עטען ביי מיר נאָמען, זאָג איך: אַרויס פון דאַנען! רייניג אויס דעם אָרט, וואָס באַלאַנגט צו מיר. ווייל זיי ווייסען: אייער הערשערין — בין איך".

און די שקלאַפען בוקען זיך פאַר דער אומבאַקאַנטער פרוי, וועלכע איז געקומען ניט אין אַ קעניגליכען פּורפּור־מאַנטעל, נאָר אין אַזעלכע אָבגעריסענע קליידער, ווי אין וועלכע זיי אַליין זיינען געקומען, און פרעגען איינער דעם צווייטען: „איז זי ניט די ער־וואַרטעטע רעטערין, וועלכע וועט זיי באַפרייען פון יאָך און אויפ־וועקען די וועלט, וואָס איז איינגעזונקען אין שלאָף, מיט אַ בליץ

פון פרייהייט?“ מען פאָדערט פון דיביידע פרויען, אַז זיי זאָלען פאַרשלאָגען זייערע רעכט. דער כיטרער שרייט אויס: „דאָס איז אַ קאַמף פאַר אַ געזעצליכען פּרינציפּ“, און זאָגט אונטער זיין דאַמע וואָס זי דאַרף רעדען.

און די אָפיציעלע גערמאַניאַ, די דיקע בלאָנדינקע, וועלכע באַריהמט זיך, אַז זי טראָגט אונטער איהר האַרץ די צוקונפט פון דייטשלאַנד און פאָדערט דערפאַר רעספּעקט, דערצעהלט די געשיכטע פון איהר לעבען: ווי זי איז אין דער אור־אַלטער צייט געלעגען אין וואַלד אויף בערען־פעל, און האָט געטרונקען האָניג, פאַרביימענדיג מיט דעמבען־נים. „דעמבען־נים“ — שרייען אויס דער דאָקטאָר קיליאַן און דער כיטרער, „דאָס איז זי!“ זי דערצעהלט ווייטער ווי מען האָט זי אוועקגעשיקט אין דער שוהלע צו די מאָנאַכען, ווי זי איז געוואָרען אַן אויפריכטיגע קריסטין, האָט אָנגעהויבען צו שיקען אין די מאָנאַסטירען רייכע מתנות, געבויט קירכען און געקושט דעם פּאַפּסט׳ס טופלעס א. ד. ג. און נאָכאַמאָל שרייען אויס דער דאָקטאָר, קיליאַן און דער כיטרער: דאָס איז זי!“. זי דערצעהלט וואָס פאַר אַ רוהיגע און שטילע זי איז מיט דער צייט געוואָרען, פלעגט יעדען ערלויבען איהר באַליידיגען, ווי איהר אונטערטעניגקייט האָט דערגרייכט אַזאַ שטופע, אַז ווען איהר בעל־הבית דאַרף נאָר אַ פייף טאָן, ווי זי שטעהט שוין פאַר איהם, שטעלט זיך אויף דער וואַך און דערלאַנגט איהם דעם שטעקעל. „מיט איין וואָרט, איך בין דער איבערגעגעבענער פודעל“. — און דער כאָר פרעהט זיך: „דאָס איז זי!“ איהר רעדע ענדיגט זי אַזוי:

„אויב גאָט און דער קעניג זיינען איינפערשטאַנען, וועל איך ווייטער אַזוי האַנדלען. איצט, ווי אהר זעהט, שווענגער איך נאָכ׳ן מיניסטערישען באַפעהל. פּאַרטיידיגט מיך, זשאַנדאַרען! אַנערקענט מיך אַלס די איינציגע גערמאַניאַ, איינגאַנצען גערמאַניש, און זייט זיכער אַז איך וועל, אויס דאַנקבאַרקייט צו אייך, אויסהאָדעווען מיין זון אַלס אַן אמת׳ן זשאַנדאַר“.

די זשאַנדאַרען זיינען מיט דער מיינונג, אַז זי רעדט צו דער זאַך, און דער כיטרער יובעלט, זעהענדיג אַז די בעטלערקע שווייגט. נאָר זי ענטפערט. זי גיט צו, אַז זי קען זיך ניט באַריהמען און

האָט ניט מיט וואָס זיך צו באַריהמען, ווייל אַלדאָס גוטעס וואָס זי קען אויפטאָן באַלאַנגט צו דער צוקונפט. איך גיב צו, — זאָגט זי, — אַז זי איז גערמאַניע, די אָפיציעלע גערמאַניע, די גערמאַניע פון דעם פעדעראַלען ראַט, — נאָר זי איז ניט די גערמאַניע פון פאָלק! דאָס פאָלק קען ניט די אָפיציעלע גערמאַניע און איהר אַרט ניט איהר גענעאַלאָגישער בוים. אויב איהר ווילט וויסען ווער איז די ריכטיגע גערמאַניע, פרעגט די, אין קייטען פאַר־שמאַכטע, שקלאַפען. אין דעם זעלבען מאָמענט כאַפּט אָן דער צווייטער גערמאַניע גרויסע וועהטאָגען. פּלוצלינג פּלאַצט זי מיט אַ געהילך און פאַרשווינדט אין אַ וואָלקען פון רויך, פון וועלכען עס באַווייזען זיך נאָכהער געשטאַלטען פון וואַנדערנדע מאַנאַכען, ראָמאַנטישע דיכטער, וואָס באַזינגען דעם הייליגען מיטעל־אַלטער, גענז, וואָס קלאָגען אויף דעם וואָס דער „שוואַן־אָרדען“ איז נאָך ניט פאַרטיג, און מעסיגע ליבעראַלען, וואָס זינגען:

„שטענדיג לאַנגזאַם פאָראויס! שטענדיג לאַנגזאַם פאָראויס! דער פּרייסישער פּראָגרעס וועט בלויז געווינען דערפון“.

דאָמאָלסט צוברעכען די שקלאַפען זייערע קייטען, וואַרפען זיך אויף די קניה פאַר דער אומבאַקאַנטער פרוי און בוקען זיך פאַר איהר, אַלס די אמת׳ע גערמאַניע, וואָס איז נאָך אַ צנועה, אָבער וועט מוזען ווערען מיט דער צייט די מוטער פון דעם צו־קונפטיגען הערשער.

די אַלעגאָריע איז שטאַרק און שעהן. דערצו נאָך איז דאָס געווען דער אמת. די דייטשע אימפּעריע פון היינט איז ניט דער רעזולטאַט פון דער אונטערדריקטער, צופּיצעלטער דייטשלאַנד, וועלכע מען האָט דאַן באַזינגען אַלס די פרוכטבאַרע טרעגערין פון גרויסע האָפנונגען פאַר דער צוקונפט, נאָר דער רעזולטאַט פון פאַר־פאָלגען און אָבלאַכען די שטרעבונגען צו פרייהייט און איינינקייט. אָבער, איז אַ טעות צו דענקען, אַז די אמת׳ע דייטשלאַנד האָט ניט געהאַט קיין פערגאַנגענהייט און קיין גענעאַלאָגישען בוים, און איהר גאַנצע קראַפט ליעגט בלויז אין דער צוקונפט. אַזאַ׳ן אָפּרייסונג פון דער היסטאָרישער פאַרטזעצונג האָט זיך אין יענער צייט אויס־געדאַכט מעגליך, אָבער דאָס קען זיך איצט ניט אויסראַכטען אַזוי.

אַז די ראַדיקאַל־פּאָלעמישע ליעדער האָבען אַרויסגעזאָגט אַיין אמת, געמליך, אַז דאָס אָפּיציעלע פאַטערלאַנד האָט צוגענומען פאַר זיך אַלץ, וואָס איז באַשאַפען געוואָרען אין דער פאַרגאַנ־גענהייט דורך די פאָלק־מוחות און אויך דורך די גרויסע פאַר־שטעהער פון אַמאָל, ניט קוקענדיג וואָס זיי האָבען שטענדיג גע־קעמפט געגען זיי. אַפּילו די וואָס האָבען געשמאַכט אין גלות אָדער זיינען געווען פאַר׳משפּט, — אַפּילו זייערע פאַרטרעטער טראָגט זי אויף איהר האַלז. און מען זאָגט שטענדיג, אַז דאָס אָפּיציעלע פאַטערלאַנד איז די טרעגעריין פון צוקונפט. ניט נאָר זי מאַכט גלויבען, אַז די איצטיגע עקזיסטענץ פון אַלץ איז פעסט פאַרבונדען מיט איהר עקזיסטענץ, נאָר זי פאַרזיכערט, אַז זי שווענגערט מיט דער נייער עפּאָכע און דערפאַר איז זי בארעכטיגט אַז מען זאָל פאַרזיכטיג און וואָרעם זאָרגען וועגען איהר, ווי מען זאָרגט פאַר אַ שוואַנגערינגע קעניגין. און פונדעסטוועגען עקזיס־טירט אין דערזעלבער צייט פאַר די דענקענדע פאַרשטעהער פון פאָלק אַנאַנדער פאַטערלאַנד, אַ ניט אַנערקענטע, אַן אָבגעשטויּ־סענע. זי באַצירט זיך ניט מיט נאַציאָנאַלע קאָלירען און עס הערען זיך ניט קיין נאַציאָנאַלע לידער ווען זי קומט אָן. זי עק־זיסטירט אומעטום, וואו מענשען פיהלען און האַנדלען אין דעם גייסט פון די בעסטע קינדער פון פאָלק. צו איהר נויגט זיך דער גאַנצער דענקענדער טהייל פון פאָלק. צו איהר נויגט זיך די גאַנצע דענקענדע יוגענד פון פאָלק. דער פּשוט׳ער מענש שטעהט נעהענטער צו איהר איידער די אָפּיציעלע הערשער פון לאַנד. די צוקונפט באַלאַנגט בלויז צו איהר.

* * *

עס זיינען געווען אמת׳ע פּאָעטען, גרויסע גייסטער, וועלכע זיינען ניט געגאַנגען מיט׳ן ליטעראַרישען שטראָם פון דער פּע־ריאָדע. דאָס זיינען געווען מענשען, ווי דער גרויסער זיד־דייטשער דיכטער, עדואַרד מעריקע געב. אין יאָהר 1804), דער לעצטער תלמיד פון דער שוואַבישער שוהלע, וועלכער האָט צובראָכען די גרענעצען פון איהרע שמאָלע טראַדיציעס, און איז אַלס ליריקער

גיבער אַ שפּראַצונג פון געטעס שטאַם, אַ געניאַלער דיכטער, אַן אידילישער, שפּאַסיגער און מעלאַנכאָלישער זינגער פון אינער־ליכען לעבען, דער אויטאָר פון דעם אונשטערבליכען ליעד: „טראַכט עס, אַ זעעל!“ און עס זיינען דאָרט געוועזען מענער ווי אָטטאָ לודוויג, און פרידריך העבעל, דער דיכטאַרער, וועלכע זיי־נען די שטאַרקסטע און אָריגינעלסטע פאַרשטעהער פון דער מאָ־דערנער דייטשער ליטעראַטור; ביידע זיינען געבאָרען געוואָרען אין יאָהר 1813, ביידע האָבען ענטוויקעלט, צו דעם העכסטען גראַד זייערע פעהיגקייטען נאָכ'ן יאָהר 1848, — צוויי מעכטיגע דעמבעס מיט געדיכטע צווייגען, שטעהענדיג אויסער'ן וואַלד. בלויז איין כאַראַקטער־שטריך האָט זיי אַבגעשיידט פון יענער צייט, ווען זיי זיינען נאָך געוועזען יונג: אַן אָריגינעלע געוואָגטע נעפּעלדיגקייט, וואָס ליעגט אין די טיעפענישען פון זייערע ביידע וועזענס. זייער פערזענליכער אָריגינעלער שטריך איז געוועזען די אייניגקייט פון מעלאַנכאָליע און דורכגעדרונגענקייט מיט דער שטרעבונג צו שיל־דערן די ווירקליכקייט געוואַגטערהייט. זיי זאָגען אַז דאָס אַנקומען פון אַ נייער צייט, וואָס האָט גאָרניט צו טאָן מיט דער פּאָליטיק און וואָס וועט לערנען שטאָלץ די ווירקליכקייט. נאָר זיי באַזיצען ניט דעם געמיינשאַפטליכען שטריך פון די פּאָעטען פון זייער צייט: דעם זוניגען ענטוזיאַזם, די נייגונג צום געזעלשאַפטליכען לעבען, צו ראַדיקאַלע רעפאָרמען, אָדער, אויב נויטיג, צו איבער־קעהרענישען דורך קראַפט.

די שטרעבונג, פאַראייניגט מיט דער פילאָסאָפישער קלאָרקייט פון העגעל'ס און פויערבאַך'ס שוהלען, זעהט זיך, מעגליך, אַמ־שטאַרקסטען אַז אין דעם גייסטיגען טוער, וועמעס ווערק זיינען אונגערעכט פאַרגעסען געוואָרען אין דער לעצטער צייט, דעם אויטאָר, וועלכער איז געשטאָרבען צו 31 יאָהר און האָט ניט דער־לעבט צו זעהן די מערב־רעוואָלוציע. דאָס איז פרידריך פאָן־סאַלע, אַ יונגער דייטשער אַפיצער, אַ מענש מיט אַן אויסערגעוועהנליך שטאַרקען כאַראַקטער, וועלכער האָט זיין גרינדליכע און ברייטע בילדונג נעקראָגען אַ דאַנק זיין אייגענער שטרעבונג צו איהר. אין איהם איז געוועזען פאַרקניפּט דער געדאַנק פון זיין צייט מיט דעם עקסטרעמען ליידענשאַפטליכען ליבעראַליזם. נאָך זיין פאַרלאָזען

דער אַרמעע, אין יאָהר 1831, האָט ער זיך אינגאַנצען איבערגעגעבען דער ליטעראַטור.

זיין בעסט בוך, וואָס איז געווען אַממעהרסטען באַוואוסט, איז זיין „לאַיען-עוואַנגעליום“, אַ בוך פאַר פריידענקער, אַ זאַמלונג פון ליעדער, אין וועלכע ער גיט אַ מאָדערנע סימוואָלישע אויסטייטשונג צו די פאַרשיידענע פּאַסירונגען, וואָס געפינען זיך אין עוואַנגעליום. ער הויבט אָן יעדע ליעד מיט אַן ערצעהלונג אָדער אַ משל פון די הייליגע שריפטען און דאַן באַווייזט ער דעם אין איהם פאַרבאַהאַלטענעם אייביגען עיקר, דעם קערן, אַבוואַרפענדיג אָן אַ זייט די מיסטישע און היסטאָרישע שאָלעכץ. פּונקט ווי אין עלענשלעגער׳ס „יעהרליכען עוואַנגעליום“, איז די אינטערפּרעטאַציע אַביסעל אָן אַנגעצויגענע; און דאָס גאַנצע בוך איז אָנגעשריבען געוואָרען מיט איין און דעמזעלבען מעטער, וואָס מאַכט זעהר אַן אָנגענעמען איינדרוק אָבער דאָך פון מאָנאָטאָניגקייט. מיט דער פאָרם דערמאָנט דאָס בוך לעאָפּאָלד שעפער׳ס פריהערדיגע ווערק „לאַיען ברעוויער“; נאָר דער אונטערשיעד איז גרויס צווישען שעפער׳ס צופרידענקייט מיט דער געטליכער רעגירונג פון דעם אוניווערזום און סאַלעט׳ס אונגעדולדיגען אַריינמישען זיך אין דעם נאַטירליכען גאַנג פון די געשעהניסען. זי דערמאָנט אויך אַביסעל אין ריקערט׳ס „ווייזהייט דער בראַמען“; נאָר סאַלע׳ס ווייזהייט איז פול מיט פלאַמענדען צאָרן אויף ליעגען און אונזין און איז אַ געגענזאַץ צו דער שטילער זאַמלונג פון גאָלדענע לעבענס-פאָרמולעס, מיט וועלכע עס צייכענט זיך אויס ריקערט׳ס ווערק. אין זיין פאָררעדע פאַרגלייכט סאַלע די יעניגע וואָס האָבען געשריבען אָריענטאַלישע פּאָעזיע בעפאָר איהם מיט די מלכים פון אָריענט, וועלכע האָבען פאַרגעשלאָגען גאָלד, און מור צו דעם ליכטיגען געדאַנק פון דער וועלט און שפּעטער צוריק אַריינגעפאַלען אין זייער אָריענטאַלישער לעטאַרגיע. איצט, זאָגט ער, באַווייזט זיך ליכט אומעטום און עס ערוואַכען די פעלקער פון מזרח און מערב. אין זיין פּראָפּאַגאַנדירען זיינע אידעען איז ער פאַרבליבען גלייכגילטיג צו זייער קאָלאָריט, צו איראָפּעאיש; זיין בוך איז איבערגעפיהרט דורך זיין צו-מאָדערנעם, דירעקט דידאַקטישען טאָן.

די לידער־זאַמלונג אונטערן נאָמען „געדיכטע“, איז אַ סך אַ בעסערע. אויך דאָ זיינען די פּאָליטישע לידער די וויכטיג־סטע.

ער באַשרייבט אַ שלאָפענדיגען ריעז, אויף וועמעס קאָפּ און ברוסט עס קריכען אַרום פון אַלע זייטען אַ מאַסע קאַרליקעס. זיי זיצען אויף שטולען אין זיין אָפענעם מויל און מאַכען איינער דעם צווייטען קאָמפּלימענטען; שפּרייטען פאַנאַנדער זייערע טי־שען און עסען אויף זיין בויך; ערקלערען אַז זיין חוב איז צו שלאָפען — און אויב ער וועט זיך אָבזאָגען וועלען זיי איהם באַ־שטראָפען מיט שפּילקע־שפּיצען. זיי גלויבען, אַז גאָט האָט באַ־שאַפען דעם ריעז בלויז צוליעב דעם כדי זיי זאָלען קענען פרעה־ליך פאַרברענגען אויף איהם; ווען דער אמת איז, אַז ווען ער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט וואָלט געקומען אַן ענד צו זיי. דער דיכ־טער אַליין קיצעלט דעם ריעז׳ם נאָז מיט אַ שטיקעל פּאַפּיער, האָ־פענדיג, אַז ער וועט אפשר אַ ניס טאָן און זיי וועלען זיך אַלע צולויפען. ער שרייט אויס: „כאַפּ זיך אויף און זעה וואָס זיי טוען. עס איז ניט שווער זיי צו פאַרטרייבען“. און ער ענדיגט מיט די ווערטער: „איך ווייס גאַנץ גוט דעם ריעז׳ם נאָמען, נאָר איך האָב מיינע אורזאַכען ניט צו דערמאָנען עס“. אין אַן אַנדער ליעד „עקסע האָמאָ“, אַנשטאָט זיך ווענדען צום פאָלק אַלס פאָלק, ווענדעט ער זיך צו מענש אַלס מענש: „דאָ שטעהט דער אַלטער גרויער קאַטעדראַל, און דאָרטען — דער אַלטער שטאַרקער קעניג־ליכער פּאַלאַץ, אַראָפּקוקענדיג אויף די וואַנדערענדע מענשהייט וואָס געהט לעבען זיי פאַרביי, איין דור נאָכ׳ן צווייטען. גאַנצע יאָהרהונדערטער קלינגען מיט לידער פון איין דור, און קולות פון דעם צווייטען דור. מיר זעהען אויס, אין פאַרגלייך מיט זיי, ווי פליגען. און דערפאַר פריידיגען נאַראָנים דרך־ארץ צו די קאָר־טען־הייזלאַך, ווייל וואָס זיינען זיי אויב ניט קאָרטען־הייזלאַך, געבויט דורך מענשען אין זייער קינדהייט! דער מענש האָט זיי געבויט און ער קען זיי אַראָפּרייסען ווען ער וויל נאָר און אויפ־בויען אַנדערע אויף זייער פּלאַץ.

צייטענווייז שרייבט סאָלע אין אַ גרינגערן און שפּאַסיגערן טאָן: „ווי הייסט דער אַלטער מאַן, וועמען אַלע מענשען זיינען אַזוי

איבערגעבען, און ספּעציעל די גוטע דייטשען, כאָטש ער האָט קיינמאָל ניט געטאָן עפּעס עכטס? ער שטעהט אויף דער בימת אין קלויסטער, ער מושטרירט די סאָלדאַטען, פּאַרוואַלטעט דאָס געריכט הויז, האַלט לעקציעס אין די אוניווערזיטעטען, און זיין דעה איז פון גרויס וויכטיגקייט אין דעם רעגירונגס ראָט. מאַכען הונדערט טריט צו טאָן דאָס, וואָס האָט געקאָנט געטאָן ווערען אין איין שפּרונג, הייסט אויף זיין שפּראַך: „די אַלטע גוטע דרכים און מנהגים"; נאָר אויב דו ווילסט טאָן עטוואָס אָריגינעלעס און גרויסעס, הויבט ער אויף פלוצלינג זיין קאָפּ און שיצט זיך אַזוי לאַנג, אַז אַלע מענשען הויבען אָן מורא צו האָבען פאַר דיר. ער האָט ניט קיין פאַרשטאַנד, קיין שאַרפזיניגקייט, דער אַלטער הער, און פונדעסטוועגען הערשט ער ווי אַן אַלמעכטיגער הערשער, און בדי איהם צו באַהערשען דאַרף מען זיין שטאַרק ווי אַ לייב. עס איז ניטאָ קיין אורזאַך צו באַהאַלטען זיין נאָמען: דאָס איז — „די אַלטע רוטינע".

„קענסטו דאָס לאַנד, וואו עס בליהט דער בייטש און די פּליי־צעס ברעכען פון אונטערטעהניגע געפּיהלען, וואו די קריגסט אַ ציי־טונג פאַרשמירט מיט שוואַרצע טינט, און דער פּרייסישער גייסט פון פרייהייט דערגרייכט צום פאַלק. קענסטו דאָס לאַנד? דאָרטען וואַלט איך געוואָלט מיט דיר אַנטלויפען, מיין ליעבער צענזאָר".

אין אַזאַ סטיל האָט סאַלע געשריבען דיכטערישע פּאַראָדיעס, האָבענדיג שטענדיג צוטאָן מיט'ן צענזאָר.

נאָר נאָך שטאַרקער פאַלט ער אָרויף אויף די היימישע נביאים. „אַ מומיע, זאָגט ער, צופאַלט אויב מען ריהרט זיך צו איהר צו מיט דער האַנד נאָכדעם ווי מען ברענגט איהר פון דער טויבער אונטער־ערד אויף דער ליכטיגער וועלט; אָבער זי בלייבט גאַנץ אַזוי לאַנג ווי קיינער ריהרט זיך ניט צו צו איהר". ער לאַכט אָפּ פון די, וואָס ערקלערען, אַז אַלעס קומט פון זיך אַליין, מיט'ן כח פון היסטאָרישער ענטוויקלונג. פון קיין וואָרט ווערט ער ניט אַזוי אויפגערעגט ווי פון דער פראַזע: אַן ענדערונג מוז קומען. דאָס קען ניט געהן אַזוי ווי עס געהט איצט". זינט די וועלט עקזיסטירט, זאָגט ער, האָט זיך גאָרניט געביטען פון זיך אַליין.

און אַזוי ווי ער האָט ניט געקענט אָנפאַלען אויף דער קעניג־

ליכער מאַכט צוליעב דער צענזור, האָט ער דערצעהלט אין ליעדער־פאָרם אַן אַלעגאָריע וועגען אַ בער: „אין קאַפּיטאַליע האָט מען געהאַלטען אַ וואָלף אין שטייג, און אין פֿערן ערציהט מען אַ בער אין אַ בער־גרוב; דער בער איז דער פּיוּוואַל פון דער רעגירונג". סאַלע באַנוצט זיך מיט דעם כדי צו בויען אויף דעם זיין ערצעהלונג. אין די אַלטע צייטען האָט מען אין דעם קאַנטאָן בערן געהאַדעוועט 8 בער און פּאַרזיכטיג אָבגעשניטען איהם די נעגעל, ער זאָל ניט צורייסען די מענשען וואָס דערנעהנטערען זיך צו איהם. ווען מען פלעגט זיי פרעגען, וואָס פאַר אַ נוצען ברענגט זיי דער בער, און פאַרוואָס ווילען זיי דאָס ניט ערקלערען, פלעגען די איינוואוינער פון בערן ענטפערען אין אַ טיעפער ערשטוינונג: — ערקלעהרען וואָס ער טהוט? ער פרעסט זיך אָן ביז צום פּלאַצען, ריהרט זיך מיט ווירדע, רעוועט, — מיט איין וואָרט, דאָס איז אונזער בער. און טאָמער פלעגט מען זיי פרעגען, פאַרוואָס זיי האַלטען איהם — פלעגען זיי ענטפערען: דערפאַר ווייל אונזערע פאָטערס האָבען דאָס אויך געטאָן. מיר וועלען פאַרפאַלען ווערען, אויב דאָס בערען־געזינד וועט אויסשטאַרבען. און אויב מען פלעגט פרעגען אַ נייע פראַגע, פלעגט מען קריגען אַן ענטפער: — האַלט דיין צונג הינטער די ציינער, אַניט וועלען מיר דיר דיין קאָפּ אַראָפּנעהמען.

אַמאָל האָט זיך אויפגעהויבען אַ גרויסער גערודער און אַ סומאַטאָכע, געשרייען און גוואַלדען. דער בער איז געפּגר'ט. דער טויט איז פּלוצלינג געקומען; מען האָט ניט געקענט גלייך קריגען אַ נייעם בער, און פון אומעטום האָט מען געהערט שרעקליכע גוואַלדען: — דער בערנער קאַנטאָן געהט אונטער! איילט זיך, העלדישע יעגער! קריגט אונז שנעלער אַ נייעם בער!

יעגער האָבען זיך געלאָזט זוכען אין די פעלזען, אין די בערג, נאָר האָבען אין ערגעץ ניט געפונען קיין איינציגען בער. און וואונדער זיינען געשעהן! ברויט און ווייןטרויבען זיינען געוואַקסען פונקט ווי פריהער; פרוכטען האָבען זיך פונקט ווי פריהער געצייטיגט אויף די בוימער; עס האָט זיך אויסגעדאַכט אַז די נאַטור זאָרגט גאָר ניט וועגען דעם גרויסען אומגליק פון די בערנער איינוואוינער. און די זון פלעגט אויפגעהן יעדען טאָג, כאָטש דער

בער איז געוועז טויט, — און די וועלט איז געבליבען אונבאַריהרט פּונקט ווי פריהער. וואָס קען דאָס באַדייטען?

ווי שאַרפזיניג די אַלעגאָריע זאָל ניט זיין, וועט זי פאָרט ניט איבערצייגען די פאַרטיידיגער פון דער קעניגליכער מאַכט אין איהר נוצלאָזיגקייט. נאָר סאַלע פּאַלט אַן בלויז אויף דעם נאַרישען בוקען זיך פאַר׳ן סימוואָל, וועלכען מען רעכענט אַלס אַ נויטוועגדיגקייט, און ער שטרייט ניט געגען דער מיינונג וואָס הערשט אין דער איצטיגער צייט, און באַשטעהט אין פּאָלגענדען: „די קרוין מוז געשטעלט ווערען אויסער דעם פּאָליטישען קאַמף“. זיין גאַנצע נשמה לעגט ער אריין אין אַ ליעד אונטער׳ן נאָמען „ענטוועדער — אָדער“, וועלכע איז געוואָרען דאָס שלאָג־וואָרט פון דעם יונגען דור:

„איהר אַלע וואָס ווילט נעהמען אַן אַנטייל אין דעם קאַמף פון אונזער צייט, — אַהערצו, העלדען! זאָגט הויך, אַז אַלע זאָלען הערען: פאַר וואָס זייט איהר גרייט צו קעמפּפען און פאַלען? — ענטוועדער — אָדער!“

און אַם ענדע פון ליעד ווייזט ער אָן אויף אַ צייט, וואָס האַלט אין שנעלען קומען, ווען דער לעצטער פון אויבען און פון אונטען וועלען פאַלען אויפ׳ן זאַמד מיט אַ צושפּאַלטענעם שאַרבען.

סאַלע איז געשטאָרבען אין יאָהר 1848, פאַר דעם גרויסען מאָמענט, אויף וועלכען ער האָט אַזוי ליידענשאַפטליך געוואַרט. נאָר אינגיכען איז געקומען די צייט, ווען די שווערע וואָלקענס האָבען זיך אָנגעהויבען צונויפקלייבען און פויגלען זיינען געפלויגען ניעדריג איבער אונזער קאָפּ. מיר דערנעהענטערן זיך צו דעם יאָהר 1848.

די ליטעראַטור איז געגאַנגען אויף סאַלע׳ס וועג. פון אַלע עקען דייטשלאַנד האָט מען געפאָדערט אַז מען זאָל איבערגעהן פון וואָרט צו טהאַט. אין די פאָדערונגען הערט מען די שטימען פון נאָרד־דייטשלאַנד, רהיינישע פּראָווינצען און פון דער שווייץ, צוזאַמענגעמישט מיט די אויפרופען פון די ווייטע עסטרייכישע פּאָעטען: קאַרל בעק, אַלפרעד מייסנער, און מאָריץ האַרטמאַן.

קאַרל בעק, דער זון פון אַן אונגאַר און אַן אונגאַריש־אידישער מאַכטער, איז געבוירען געוואָרען איז יאָהר 1817, אין באַיע. צו־

ערשט האָט ער געלערענט מעדיצין אין וויען. נאָר נאָכדעם האָט איהם גוסטאַוו קינע אריינגעפיהרט אין דער ליטעראַרישער וועלט, און ער האָט ארויסגעגעבען אַ רייהע ליעדער־זאַמלונגען, וואָס האָבען געמאַכט אַ גרויסען איינדרוק צוליעב דער אמת׳ער און אויפריכטיגער שילדערונג פון דער אונגארישער נאַטור און דעם אונגארישען פאָלקס כאַראַקטער. אין דעם הינזיכט קען מען פארגלייכען קאַרל בעק׳ן מיט׳ן אונגאַרישען נאַציאָנאַלען דיכטער פעטעפי, וועלכער איז געווען מיט פינף יאָהר יונגער פון איהם. אַבער אַלס פרייהייט־זינגער קען מען איהם רעכענען אַלס דעם איינציגען גרויסען תלמיד פון בערנע. אַזוי ווי בערנע, איז ער פון אידישער אַבשטאַמונג, און אַ פאַרטיידיגער פון דעם פראָלעטאַריאַט און פאָליטישער פרייהייט. דער ביבלישער טאָן און סטיל גיסען זיך ביי איהם צונויף מיט דעם איינפלוס פון די מאָדערנע דייטשע און פראַנצויזישע ליבעראַלע ליטעראַטורען. זיינע פאַרלויפער אין דער עסטרייכישער ליטעראַטור זיינען אַנאַסטאַסי גרין און לענאַו. ער באַהערשט ניט די גרינדליכע בילדונג פון אַ פרוץ, נאָר דערפאַר באַזיצט ער רייכע פאַרבען, אַ פלאַמענדע אינספּיראַציע, בילדליכע אויסדריקען, און צאַרענדיגען ענטוזיאַזם. נאָר ניט קוקענדיג אויף דעם, באַלאַנגט ער צו די, וועלכע האָבען מיט שטורמישער פרייד באַגריסט די רעוואָלוציע, נאָר ווען דער זיעג פון רעאַקציע האָט געצוואונגען איבערצובייטען דעם טאָן. ווען דער גראַנדיעזער אונגאַרישער אויפשטאַנד איז געווען דערשטיקט, האָט ער זיך געווענדעט צום עסטרייכישען קעניג מיט אַ ליעד, אין וועלכעם ער האָט גלייכצייטיג גע׳חנפה׳ט דעם קעניג מיט דעם זיעג, און איהם געבעטען צו פאַרגעבען די געפאַנגענע העלדען. דאָס ליעד האָט ארויסגערופען גרויס אונצופרידענהייט צווישען זיינע אַמאָליגע חברים אין קאַמף. זיי האָבען דערמאָנט, אַז ביז דער מפלה איז ער געווען אַ רעפּובליקאַנער און אַ סאָציאַליסט, און זיינען געווען אויפגערעגט, וואָס איצט, נאָך אונגאַרנ׳ס פאַלען, טרעט ער ארויס אַלס אַ געטרייער דיענער פון דעם עסטרייכישען קייזער.

אַלפרעד מייסנער (געב. אין יאָהר 1822, אין טעפּליץ) און מאָריץ האַרטמאַן (געב. אין יאָהר 1821, אין דושניק) — זיינען די

וויכטיגסטע דייטשע ליריקער אין בעהמען און האָבען זיך אויס־ געציכענט מיט דער זעלבער ליידענשאַפטליכער ליעבע צו דער פּאָליטישער פרייהייט ווי בעק.

מייסנער׳ס טרויעריגער סוף דאַרף אונז ניט צווינגען צו באַ־ ציהען זיך סקעפּטיש צום אויפריכטיגען און זעלטענעם פּאָעטישען טאַלאַנט. עס איז זיכער אין דעם העכסטען גראַד אַ מיאוס׳ער און טרויעריגער פאַקט, אַז איינער פון די אויסגעצייכענטסטע דייטשע ליריקער, זאָל, נאָך זיין ערפאָלגרייכער יוגענד, זיך ער־ נידעריגען צו אַזאַ שטופע ווי אַבצוקויפען ביי אַ קלענערען שריי־ בער זיינע מיטעלמעסיגע ראָמאַנען און זיי אַרויסגעבען אונטער זיין אייגענעם נאָמען; אָבער דאָס מאַכט ניט קלענער זיין באַדיי־ טונג אַלס דער אויטאָר פון פּראַכטפולע ליעדער געשריבען פון איהם אַליין. עס איז גענוג איבערצולעזען זיינע פלאַמענדע ליעדער, געווידמעט בייראָנ׳ען און זשאָרזש זאַנד׳ן, כדי זעהען זיין רעוואָ־ לוציאָנערע עלאָקווענץ, געגען וועלכען די יוגענד פון די פערציגער יאָהרען האָט ניט געקענטביישטעהן.

מאָריץ האַרטמאַן איז אַ מענש מיט אַן אַנדער כאַראַקטער, אָהן אַ פלעק און שטויבעלע. — דאָס איז אַ זעלטענער זינגער און אין דערזעלבער צייט אַ העלד. קיין מענש האָט נאָך ניט ליעב געהאַט די פרייהייט, פון זיין קינדהייט ביז׳ן טויט, מיט אַזאַ אויפ־ ריכטיגקייט און ליידענשאַפט, ווי ער. קיינער האָט ניט געשטעלט זיין לעבען אין קאַן אַזוי געוואַגט ווי ער.

האַרטמאַן — איינער פון די שעהנסטע מענשען אין דער וועלט, איז געבאָרען געוואָרען אין אַ קליינעם בעהמישען שטעדטעל, ביי אידישע עלטערען. ער האָט געשטאַמט פון שפּאַנישע עמיגראַנ־ טען, וועמעס נאָמען איז געוועזן דומאָס; איבערזעצענדיג אויף דייטש האָט זיך באַקומען דער נאָמען האַרטמאַן. ער האָט גע־ לערענט אין אַ שוהלע אין פּראַג און, זייענדיג נאָך אַ אינגעל, האָט ער געזעהן דעם טרויעריגען אַריינפאָהר אין שטאָדט פון דעם פאַר־ יאַגטען קאַרל דעם צעהנטען. אין דעם עלטער פון דרייצעהן יאָהר, האָ ער זיך אַבגעזאָגט פון דער רעליגיאָן פון זיין משפחה און, נאָך זייענדיג אַ קינד, האָט ער זיך זעהר טראַגיש באַצויגען צו דער ידיעה וועגען דעם אומגליקליכען רעזולטאַט פון דעם פּוילישען

אויפשטאַנד. אַלס סטודענט האָט ער זיך באַקאַנט מיט לענאַו, פאַר וועמען ער האָט זיך געבויגן מיט לײַדנשאַפטליכער ענט־ציקונג פון אַ תּלמיד. פון קינדהייט אָן האָט ער זעלטן באַהערשט די טשעכישע און דײַטשע שפּראַכן. אין זײַן ערשטער ליעדער־זאַמלונג „קעלך און שווערט", דריקט זיך אויס זײַן ליעבע צו דער טשעכישער שפּראַך, וועלכע ער שטעלט אַזוי הויך ווי די פּוילישע, האַלטנדיג די רוסישע שפּראַך. נאָר צוליעב דער פּאָליטישער אײַנ־ניגקייט צווישן די טשעכן און רוסלאַנד אין זייער האָס צו אַלץ דײַטשעס, פּלעגט ער זיך אויסשליסליך האַלטן פאַר אַ דײַטש.

אין זײַן „כוס און שווערד" (1745) איז האַרטמאַן נאָך כּמעט אַ טשעך. דאָס באַווײַזט, צווישן אַנדערעס, דאָס קליינע ליעדעל וואָס איז געשריבן אין אַנהויב, אַלס אַ מאָטאָ צו דער זאַמלונג.

„איך, דער וואַנדערער פון דעם הוסיטן לאַנד, גלויב, אַז מיר איז אויסגעקומען זיך אַנצוזאַפּן מיט דײַטשע בלוט. אין מיר שלאָגט אַ קוואַל פון ליעבע: דער קוואַל איז — גאָטס בלוט; מײַן נשמה איז אַ כּוס פאַר איהר. איך, דער וואַנדערער פון דעם הוסיטן לאַנד, גלויב אין דעם וואָרט וואָס האָט זיך פאַרוואַנדעלט אין קערפּער, גלויב, אַז דער געדאַנק קען שטעכן פּונקט אַזוי ווי שפּיזן, און אַז דאָס וואָרט — איז אַ הייליגער שווערד!"

ווי איהר זעהט, האָט ער זיך גערעכנט אַלס אַ הוסיט, אין אַ לאַנד וואו מען האָט פאַריאָגט הוס׳ס פרייהייטס־ליעדער, און האָט אויסגעטײַטשט די פראַגע וועגן כּוס, אַלס אַ צו אַלטע שטרייט־פראַגע אין בעהמען, אין אַ כּמעט פויערבאַכישן גייסט. אין זײַן ליעד וועגן די דײַטשע פרייהייטס־ליעדער פאַרזיכערט ער די דײַטשע ליריקער, אַז דאָס געזאַנג איז ניט קיין האַמער, מיט וועלכן מען קען צושמעטערן די הערצער פון די הערשער און אַז פרייהייט איז געגליכן צו אַ פרוי: זי קען מען ניט באַהערשן מיט ווערטער. צו די פּאָליאַקן פיהלט ער אַזאַ מיט־געפיהל פּונקט ווי ער וואָלט אַליין געווען אַ פּאָליאַק. פון אַלץ זעהט מען אַז ער האָט ליעב אַ יונגע פּוילישע מיידעל, און אַ דאַנק זײַנע באַציהונגען צו איהר, פאַרוואַנדעלט ער זיך אין די טיפענישן פון זײַן האַרצן אין איהרן אַ לאַנדסמאַן.

זײַן ליעד: „צו ס." — דאָס שענסטע פון אַלע, איז באַשאַפן

געוואָרען דורך זיין הייסען מיטגעפיהל צו פּוילען. האַרטמאַן איז צייטענווייז צופיעל רעדעוודיג און באַנאַל אין זיינע אויסדריקען נאָר אָפטער פון אַלץ צייכענט זיך די פאָרם פון זיינע ליעדער אוים מיט אָריגינאַליטעט. זיין סטיל — מיט דראַמאַטיזם, און ער באַזיצט די פעהיגקייט איבערצולאָזען אויף שטענדיג אין דעם לעזער׳ס זכרון אַ וועלכע עס איז סצענע. לעזט דורך, צ. ב., דאָס ליעד „די דריי“, וועגען דריי פאַרטריבענע, וועלכע טרעפען זיך איןדי סטעפּעס פון אונגאַרן און זיצען אין דער שטילקייט פון דער נאַכט שווייגענדיגע ביי אַ גלעזעל וויין, ביז וואַנען איינער פון זיי הויבט אויף זיין גלעזעל און שרייט אוים: פאַר׳ן פאַטערלאַנד! דער ערשטער פון זיי איז אַ ציגיינער, דער צווייטער — אַ איד, און דע רדריטער — אַ פּאָליאַק. אַלע זיינען אָהן אַ פאַטערלאַנד, און נאָך דעם טאָסט זיצען זיי ווידער שווייגענדיגע מיט זייערע גלעזלעך אין די הענט.

נאָך מעהר ליידענשאַפטליך ווי פּוילען, באַוויינט דער פּאָעט בעהמען, „דעם אָרימען הירש, וואָס געהט אָפּ מיט בלוט אין דעם טיעפען וואַלד“. בלויז די מוזיק איז פאַרבליבען אין בעהמען; מיט איהרע צאַרטע טענער רופט זי אומעטום אַרוים מיטגעפיהל, זי זינגט און קרעכצט, און מאַכט ווייכער די הערצער מיט איהרע סודות׳דיגע מעלאָדיען. צו דער זאַמלונג פּאַסען זיך די ווערטער וואָס דער פּאָעט האָט אַרויסגעזאָגט וועגען די שפּעטערדיגע זאַמלונגען. צווישען די מעלאָדיען איז ניטאָ קיין איינע, וואָס די פרייהייט, די שעהנסטע און נאָבעלסטע פון אַלע מוזעס, האָט ניט אַ קוש געטאָן אין שטערען. פון דאַנען נעהמט זיך דער אָפענער האַס צו דער מעטערניכישער עסטרייך; האַרטמאַן, אין יאָהר 1848, אין זיין „ריימכראָניק דעם פּפאַפען מאַריליאוס“, רופט זי די באַסטיל פון פעלקער, אין וועלכער ער הערשט דאָס שווייגען פון טויט, געשטערט בלויז פון דעם טרייסלען מיט די קייטען.

דעם איינדרוק, וואָס האַרטמאַן האָט געמאַכט מיט זיין זאַמלונג „דער כוס און דער שווערד“, האָט פאַר איהם פאַרשלאָסען די טירען פון זיין פאַטערלאַנד. ער האָט געזינדיגט געגען די געזעצען פון עסטרייך, אַרויסגעבענדיג אין אויסלאַנד אַ בוך, וועלכען ער האָט ניט צוגעשטעלט צום צענזאָר; דערפאַר, אין פאַל פון זיין

אומקעהרען זיך אהיים פון לייפּציג, וואו ער האָט געוואוינט אַ געוויסע צייט און האָט געהאַט באַציהונגען מיט קינע און לאובע, האָט איהם גערדראָהט אַ געפאַהר אַריינצופאַלען אין געפענגנים. נאָר ער האָט ניט געקאָנט ביישטעהן זיין לײדענשאַפטליכען פאַרלאַנג צו זעהן זיין מוטער און האָט זיך מיט אַלערליי קונצען דערקליבען צו זיין געבורט־שטעדטעל. ער האָט זיך אַהין דערשלאָגען אַהן וועלכע עס איז שטערונגען, נאָר אַזוי ווי זיין פאַרברענגען דאָרט האָט ניט געקענט זיין אַ סוד פאַר די איינוואוינער פון שטעדטעל און דערצו נאָר האָט זיך געפונען אַ מסור, וואָס האָט אויף איהם געמוסר'ט, האָט ער געמוזט אַנטלויפען דורך דער הינטערשטער טיר פונקט אין יענער צייט ווען די זשאַנדאַרען האָבען זיך אַריינגעריסען אין זיין הויז. אין דער ליעדער־זאַמלונג „צייטלאָזען", אין דער אַבטהיילונג „היימקעהר אונד פליכט", האָט ער באַשריבען די איבערלעבונג און געשילדערט איהר כאַראַקטער מיט די פאָלגענדע שטאַלצע ווערטער:

„ווען פאַררעטער האָבען מיך אַרויסגעגעבען, און שפּיאָנען האָבען נאָכגעפאָלגט מיינע טריט, האָט מיין מוטער, ביי וועמען איך בין געווען, אַ ציטער געטאָן, די אויגען פון מיין שוועסטער האָבען זיך אָנגעפיהלט מיט טרערען. איך האָב זייגעזאָגט: באַהערשט זיך! ווײנט ניט! מיר מוזען זיך צושיידען און אַוועקגעהן אין פאַרשיידענע זייטען, און אַזוי ווי די געפאַהר רינגעלט מיך ווידער אַרום, וועל איך אין פייער זיך ווידער פאַרוואַנדלען אין אַ סאַלאַמאַנדרע. איך בין געבוירען פאַר דער געפאַהר, און איך לעב אין איהר; זי האָט מיך שטענדיג געהיט אויף מיין וועג, פונקט ווי פינסטערע באַנדעס פון גזלנים; שרעק האָט נאָך קיינמאָל ניט צוקנייטשט מיין שטערען. איך בין פון געבורט פאַרמשפּט צו קעמפען מיט דער געפאַהר, זי האָט מיך ליעב, ווי דער לייב זיין באַצווינגער. יאָ, איך האָב צו זיך צוגעצויגען די געפאַהר, פונקט ווי גייסטער וואָס דינען אַ מכשף".

צוליעב דעם פאַרטראַג, וואָס הארטמאַן האָט געהאַלטען דעם 11טען נאָוועמבער, 1847, לכבוד שילער'ס יום־טוב, וואָס איז אין דער ווירקליכקייט געווען אַ דעמאָנסטראַציע פאַר דער פרייהייט פון דער פּרעססע, איז ער געפונען געוואָרען שולדיג אין קייזערליכען

פּאַרראַט און אין באַליידיגונג פון דעם עסטרייכישען קעניג. ווי נאָר עס האָט אויפגעפלאַקערט דער אויפשטאַנד, אין יאָהר 1848, איז האַרטמאַן אוועקגעפאָהרען קיין פּראַג. מען האָט איהם גע־שיקט קיין ווין מיט צוויי פריינד, פון וועלכע איינער איז געווען אַלפרעד מייסנער, אַלס דעפּוטאַט. ער באַשרייבט מיט אַ זעלטע־נעם הומאָר זיין אוידיענץ ביי דעם קעניג׳ס ברודער, וואָס האָט ניט אָנגעהויבען צו פאַרשטעהן, וואָס מען רעדט צו איהם 1).

1) מאָריטץ האַרטמאַן: „געזאַמעלטע ווערקע“, באַנד 10, ז. 16.

אין צייט פון די אומרוהען אין פּראַג, האָט דער המון זיך אַ לאָז געטאָן אויפ׳ן אידישען קוואַרטאַל כדי אויסצושעכטען דאָרט די איינוואוינער. האַרטמאַן האָט זיך אַ לאָז געטאָן אין דעם אוני־ווערזיטעט, אַליין זיך באַוואָפענט און האָט געווירקט אויף אַ מחנה באַוואָפענטע סטודענטען צו געהן נאָך איהם, און מיט זייער הילף האָט ער פאַרטיידיגט דעם אידישען קוואַרטאַל פון דעם צורייצ־טען המון ביז וואַנען גרענאַדיערען זיינען ניט געקומען צו הילף די אומגליקליכע איינוואוינער.

אין דעם פראַנקפורטער פּאַרלאַמענט פלעגט האַרטמאַן שטימען צוזאַמען מיט די עקסטרעמע לינקע; זיין ציעל איז געווען: דייטשלאַנד׳ס איינינקייט, אַלס רעפּובליק. ער פלעגט זעלטען ריידען, נאָר פלעגט ציהען אויף זיך די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמ־קייט: מען פלעגט איהם רופען דער שעהנסטער מיטגליעד פון פּאַרלאַמענט. קינקעל באַשרייבט איהם אַלס אַ זעהר שעהנעם, ליעבליכען מענשען מיט שטאַרקע איבערצייגונגען; די פאַרשטע־לונגס־קראַפט, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר די עסטרייכער, פלעגט באַפליגלען זיינע רעדעס, זיין בילדונג האָט איהם געגעבען אַ געזונטע גייסטיגע ענטוויקלונג; און אידישער קאָסמאָפּאָליטיזם האָט זיך אין איהם פאַראייניגט מיט זיין אונגעהויער גרויסער ליעבע צו זיין פאָטערלאַנד, וואָס פלעגט זיך אויסדריקען אין זיינע שטאָל־צע ווערטער. צוערשט האָט ער גענומען אַ הייסען אַנטייל אין דעבאַטען פון פּאַרלאַמענט. נאָכדעם, ווען זיי זיינען געוואָרען פּרוכטלאָזע און די פאַרזאַמלונג האָט דערוויזען איהר שוואַכקייט צו באַשאַפען עטוואָס גרויסעס און נייעס, האָט זיין ענטוישונג

באַשאַפען אַ שאַרפזיניג און נשמה־אַנכאַפענד ווערק, געשריבען אין גייסט פון האַנס סאַקס׳ „ריפּמירטע כראָניק“. נאָר ער איז געווען ניט בלויז אַ דיכטער, נאָר אויך אַ מענש פון טהאַט. אין צייט פון אונרוהען אין פראַנקפורט, דעם 18טען סעפּטעמבער, האָט ער הונדערט מאָל געשטעלט זיין לעבען אין געפאַהר דערשאָסען צו ווערען פון ביידע קעמפּפענדע צדדים, ווען ער האָט וועלענדיג מאַכען שלום צווישען די געגנער. ווען די רעוואָלוציע האָט אויפגעפלאַקערט אין וויען האָט ער געצוואונגען, אַז מען זאָל איהם שיקען צוזאַמען מיט פרעבעלען פון פראַנקפורט צו דער צייטווייליגער רעגירונג, כדי אויסצודריקען די סימפּאַטיע פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, און האָט זיך אָנגעשלאָסען אַלס פּראָסטער סאָלדאַט אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי. אמאָל, אַלס פריייוויליגער, אין דעם פאַרצווייפעלטען פאַרטיידיגונגס־קאַמף פון וויען געגען די קראַאַטען, האָט ער, אונטערוואַרפענדיג זיך דער געפאַהר פון זיכערען טויט, איינגענומען אַ מיהל, אויף וועלכער געגנער האָבען געשאָסען פון אַלע זייטען, און מען האָט איהם באַלד, אויפ׳ן שלאַכטפעלד, געמאַכט פאַר אַן אָפיצער און קאָמאַנדיר פון באַטאַליאָן, ווייל דער פריהערדיגער פיהרער איז דער׳הרג׳עט געוואָרען. נאָך דעם ווי וויען האָט זיך אונטערגעגעבען, האָט זיך איהם איינגעגעבען צו אַנטלויפען, בלויז דורך דער הילף פון אַן איינפלוסרייכער דאַמע, אין וועלכער ער האָט דערוועקט געפיהלען צו זיך; זי האָט פאַר איהם געקראָגען אַ פאַלשען פּאַספּאָרט. ער האָט זיך צוריק אומגעקעהרט צו דעם פראַנקפורטער פּאַרלאַמענט און נאָך זיין פאַנאַנדערלאָזען איז ער מיטגעגאַנגען מיט די וועלכע זיינען אַוועק קיין שטוטגאַרט, ביז דער לעצטער טהייל פון פּאַרלאַמענט איז ניט צוטריבען געוואָרען פון מיליטער.

אַ שטאַרקער כאַראַקטער צייגט זיך אַרוים אין אַלע האַרטמאַן׳ס ווערק, אַפילו אין זיינע יוגענדליכע ליעדער, אַרויסגעגעבענע אין יאָהר 1848. אַפילו זיין זאַמלונג „נייערע געדיכטע“, פון יאָהר 1849, וועלכע אַלס גאַנצע טראָגט ניט קיין פּאָליטישען כאַראַקטער, האָט אין דער סעריע „אָסט אונד וועסט“, ליידענשאַפטליכע נביאות וועגען דעם נאָהענטען אָנקומען פון דעם גרויסען אייראָפּעאישען שטורם. אַזוי, צ. ב., אין זיין ליעד, פול מיט ענטריסטונג, גע־

וועגדעט געגען דעם פּרייסישען קעניג. זייענדיג ענטריסטעט דורך דער האַנדלונג פון פלאַטען און הערוועג, וואַרפט האַרטמאַן איהם די באַשולדיגונג אין פּנים, אַז ער האָט פאַרקויפט פוילען צו דער הערשאַפט פון דער מאָסקווער בייטש. אויף דעמזעלבען אופן איז געשריבען געוואָרען דאָס טראַגישע ליעד: „היטער, איז די נאַכט באַלד פאַראיבער?“

ווען די שטימען פון בעהמען און אונגאַרן האָבען זיך געלאָזט הערען אין איין אַקאָרד מיט די שטימען פון זיד־און מיטעל־דייטש־לאַנד, און ווען די שטימען פון דענקער און פּאָעטען האָבען זיך צונויפגעמישט אין איין האַרמאָנישען כאָר, זיינען צו דעם כאָר שנעל צוגעשטאַנען אַלע יונגע כחות פון לאַנד, אַלע יונגע נשמות, אויפגעוואַכטע צום גייסטיגען לעבען; דער כאָר האָט אָנגעהויבען צו קלינגען אויף אַ נייעם שטייגער, ביז וואַנען ער האָט אָנ־געהויבען צו קלינגען רעוואָלוציאָנער, אין די מיילער פון די שול־אינגלער, פּונקט ווי אין די מיילער פון די עלטערע סטודענטען, און דאַן איז פאָרגעקומען פאָלגענדעס: זיי האָבען אָנגעהויבען צו לעזען מיט פאַראויס־באַשטימטע געדאַנקען, ניט בלויז די רע־וואָלוציאָנערע שרייבער, נאָר אויך אַנדערע, פון לאַנג געשטאָר־בענע, נייטראַלע און קאָנסערוואַטיווע, און געפינען אין זיי דיזעלבע רעוואָלוציאָנערע שטימונג.

אין דעם מאָמענט האָט זיך דער יוגענד אויסגעדאַכט, אַז די גאַנצע ליטעראַטור רופט צו וואַפען, אַפילו די אָבגעלעבטע קלאַ־סישע ליטעראַטור, וואָס רוהט אין די שטראַהלען פון אונשטערב־ליכקייט אין די שעהנע בענדער, אויף די פּאַליצעס פון ביבער־שרענק. ביי אַ געוויסער שטימונג, לעזט מען אין יעדען בוך דאָס, וואָס מען טראַכט און מען פיהלט אַליין.

ווער איז אין דער אמת'ן געווען דערזעלבער שיללער, וועמעס ווערק מען פלעגט אַלעמען געבען צו לעזען נאָך פון קינדהייט? ווער דען, אויב ניט קיין רעבעל, וועמעס ווערק איז געווען באַצירט מיט אַ מאָטאָ: „דאָס וואָס די רפואות וועלען ניט אויסהיילען, וועט דער אייזען אויסהיילען, און וואָס דער אייזען וועט ניט אויסהיילען וועט דער פייער אויסהיילען“. שטימט אפילו אין קלענסטען גראַד דער גייסט פון זיינע ווערק מיט'ן

קעניגליך־פּרייסישען אדער קייזער־קעניגליכען גייסט? וואָס שטעלט מיט זיך פאָר געטעס כאַראַקטער אין יוגענד, אויב ניט די פאַר־קערפּערונג פון פּראָטעסט, וואָס רופט ארויס צום קאַמף דעם הימעל אליין? און האָט ער דען ניט אין זיין עלטער פאַרענדיגט די פּאָעמע „פאוסט", מיט דעם פאַרלאַנג צו זעהן אַ פריי פאָלק אין אַ פריי לאַנד? און אין וואָס פאַר אַ שטופּע האָט ער, האָסענדיג דאָס בערלין פון פרידריך דעם צווייטען, געמוזט האַסען דאָס בער־לין פון פרידריך־ווילהעלם דעם פערטען! פון העגעל'ן, וואָס האָט אַנגעהויבען זיין טעטיגקייט אַלס רעוואָלוציאָנער, און איז געשטאָר־בען אַלס קאָנסערוואַטאָר, וואָס האָט פאַרטיידיגט די עקזיסטי־רענדע אָרדנונג, האָט מען ארויסגעבראַכט די שלוסען, וועלכע ער אַליין האָט ניט ארויסגעבראַכט. מען האָט זיך באַנוצט אויך מיט פויערבאַכען; כאָטש ער האָט ניט געהאַט קיין געמיינשאַפטלי־כעם מיט פּאָליטיק, נאָר זיין פילאָזאָפיש אַבלייקונג פון דעם הויפּט פון דער אוניווערסאַלער רעגירונג האָט מען צוגעפּאַסט צו דער ספּערע פון ערדישע רעגירונגען.

אַלץ האָט באַוויזען דאָס אַנקומען פון דעם נאָהענטען שטורם. פּונקט ווי פויגלען פאַר אַ שלעכטען וועטער, אַזוי נידעריג איבער דער ערד, זיינען געפלויגען די העראַלדישע אָדלערס פון פּרייסען און עסטרייך. אומזיסט האָבען זיך די קעניגען געפליסט צו פאַר־מיידען דעם שטורם. פרידריך ווילהעלם דער פערטער האָט צו־נויפגערופען אַן אַלגעמיינעם סיים אין בערלין, אין אַפּריל, 1847. אָבער, צוליב זיינע איבערציינונגען, האָט דער קעניג ניט געקענט אַנדערש האַנדלען, ווי ערעפענען מיט אַ רעדע, אין וועלכער, ניט קוקענדיג אויף אַלע ווירקליכע און מעגליכע הנחות, ער האָט זיך שאַרף אָבגעזאָגט נאָכצוגעבען די איינציגע פאָדערונג, מיט וועל־כער דאָס פאָלק האָט זיך שטאַרק געווענדעט צו איהם:

„קיין מאַכט אויף דער ערד, — האָט ער אויסגעשריען, — וועט זיך ניט איינגעבען צו צווינגען מיך צו פאַרבייטען די נאַ־טירליכע באַציהונגען צווישען דעם קעניג און פאָלק אויף קאָנסטי־טוציאָנעלע, און איך וועל קיינמאָל ניט דערלאָזען, אַז צווישען גאָט אין הימעל און אָט דעם פאָלק, זאָל זיך אריינקוועטשען אַ פאַר־שריבען שטיקעל פּאַפּיער, כדי די, אויף דעם אָנגעשריבענע, פּאַ־

ראגראַפען זאָלען פאַרוואַלטען מיט אונז און פאַרנעהמען דעם פּלאַץ פון דעם פאָלק'ס אור־אַלטער, היילינער טרייהייט צום קעניג".

נאָר די שעה איז געקומען. דאָס פאָלק האָט געפאָדערט דעם יעהרליך־צוזאַמענגערופענעם פאַרלאַמענט און די פולע ערפילונג פון די אַלטע צוזאָגען פון די יאָהרען 1815 און 1829. יאַקאָבי, הענריך סימאָן, הערווינוס און אַנדערע האָבען קריטיקירט דעם קעניגליכען פּראָיעקט און האָבען איהם איינשטימיג פאַרוואָרפען.

און דאָן האָט זיך אָנגעהויבען דער שטורם. צוערשט האָט ער אָנגעהויבען צו בושעווען אין דער שווייץ, וואו די ראַדיקאַלע קאַנטאָנען זיינען נאָך אין נאָוועמבער 1847 אָנגעפאַלען אויפ'ן בונדעסראַט, וואָס איז געווען יעזואיטיש געשטימט, נאָכדעם האָט ער זיך צולאָזט מיט אַ שרעקליכען כח אין פאַריז, און שפּעטער האָט ער אַרומגעכאַפּט אַלע הויפּטשטעדט פון דייטשלאַנד, און אין אַ סך אַנדערע הויפּטשטעדט, וואָס זיינען געווען אויסער איהרע גרענעצען. פּונקט ווי אַ דונער אין אַ בערגיגען פּלאַץ הילכט אָפּ מיט אַן עכאָ פון איין פעלז צום צווייטען, אַזוי האָט דער רעוואָלוציאָנערער דונער זיך געטראָגען פון איין אייראָפּעאישער הויפּטשטאָדט צו דער צווייטער אין דעם גרויסען וואונדערבאַרען, הייליגען יאָהר 1848.

19.

1848טער יאָהר.

אין איינינע טעג ארום נאָך דער פאַריזער רעוואָלוציע, אין פעברואַר, 1848, האט פרייליראַט זי באַזינגען אין זיין ליעד, שילדערענדיג איהר אַנקומען אלס אַן אַנגרייפענדען צוג, וואָס ציהט זיך אין געשטאַלט פון אַ לאַווינע, פון דער שווייץ, וואו ער האָט זיך אַנגעהויבען מיט זיין קאַמף געגען קלעריקאַליזם, ביז פראַנקרייך און איטאַליען.

„איין אויסברוך נאָכ'ן צווייטען, איין קלאַפּ נאָכ'ן צווייטען! אייער געפאַהר איז גרויס, אייער האַכהייט! — אַזוי קלינגען די שטימען, וועלכע פונקט ווי אַן עכאָ גיבען זיך איבער פון בערלין קיין וויען און פון וויען צוריק אין בערלין. ווידער פליהען די שטיינער פון ברוך, און די פרייהייט מיט'ן שווערד אין האַנד, יאַגט די הערשער פון די פראַכטפולע פאַלאַצען אויפ'ן גאַס ארויס".

אַ לאַנגער קראַנקער קרעכץ האָט זיך דורכגעטראָגען איבער גאַנץ דייטשלאַנד, ברענענדיג מיט זיך ערלייכטונג. עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ריינע לופט האָט זיך אריינגעריסען אין איי־ראָפּאַ, פונקט ווי איהרע פענסטער וואָלטען געוואָרען אָפען; עס האָט אויסגעזעהן, אַז די איינציגע קראַפט, וואָס באַוויזט נסים, דאָס איז דאָס בייספיל, צווינגט דאָס דייטשע פאָלק צו האַנד־לען. און אין דערזעלבער צייט האָט מען זיך געשראָקען, אַז דער אבסאָלוטיזם וועט וואַגען, סוף כל סוף, צו ריזיקירען און ערקלעהרען, אַז די פראַנצויזישע רעוואָלוציע דראָהט צו פאַרניכטען דייטשלאַנד און אַזוי אַרום וועט ער פיהרען די פרייסישע און עסטרייכישע פעלקער געגען דער פראַנצויזישער רעפּובליק.

אין עסטרייך האָט דער גייסטיגער יאָך דערגרייכט די העכסטע שטופע. אין יאָהר 1846, האָט די מעטערניכישע רעגירונג ער־קלערט צווישען די פאַרבאָטענע ווערק אויך „די האַרציגע ערקלע־רונגען“ פון קינג יאָזעף דעם צווייטען, אַרויסגעגעבען פון אַן אַרויס־געטריבענעם פאַטריאָט. און איצט די אונרוהען אין די איטאַליע־נישע פּראָווינצען פון עסטרייך, וואָס האָבען געדראָהט צו דיס־קרעדיטירען עסטרייך און ברענגען גרויסע פאַרלוסטען דעם עסט־רייכישען האַנדעל, האָבען אויפגעוועקט די גרעסטע ענטריסטונג און אויפרעגונג געגען דער מעטערניכישער רעגירונג. די נידער־לאַגע, וואָס זי האָט געליטען אין דער שווייץ, וואו דער יעזואי־טישער בונד איז געווען געשטירצט, ניט קוקענדיג אויף דער הילף, וואָס זי האָט זיי געגעבען געגען די ראַדיקאַלען, האָט דער־לאַנגט דעם לעצטען קלאַפּ אין דעם גלויבען פון איהר אונבאַזיעג־באַרקייט. אין פּרייסען האָט די האַנדלונג פון דער ביוראָקראַטיע געפיהרט צו די שרעקליכסטע רעזולטאַטען. גאַנצע מאָנאַטען האָט געהערשט אַ הונגער־טיפוס צווישען די אַרבייטער, דאַן ווען אויבען אַן האָט מען גאָרניט געטאָן צו פאַרלייכטערען דעם אומגליק. אויף די וועגען האָבען זיך געוואַלגערט הונדערטער טויטע און שטאַר־בענדע. מענשען זיינען אויסגעגאַנגען אין דער יאַנואַרער קעלט און געשטאָרבען פון הונגער־טויט, די קינדער פלעגען לאַנגזאַם אָבשטאַרבען אויף די חללים פון זייערע עלטערען; ווען אימיצער איז קראַנק געוואָרען, האָט ער ניט געקאָנט האָפען אויף קיין הילף, ווייל די האַרצלאָזע פאָרשטעהער פון די קהלות, האָבען פאַרבאָטען אַריינצוגעהן אין די קראַנקע הייזער כדי ניט פאַנאַנדערצושפּריי־טען די קראַנקהייט. אין דערזעלבער צייט פלעגען די רעגירונגס־בעאַמטע זיך ווייזען בלויז צו אויפמאַהנען מיט אַ בעסטיאַלישער גרויזאַמקייט די שטייערען, און ווען מען איז אָנגעפאַלען אויף דעם אָבער־פּרעזידענט דערפאַר וואָס ער האָט פון אויגוסט 1847 ביז ענדע יאַנואַר 1848, ניט געמאַכט קיין פאַרזוך צו מאַכען קלענער די ליידען פון פאָלק, האָט ער געענטפערט אַז קיינער האָט איהם ניט געלאָזט וויסען וועגען דעם אין אַן אָפיציעלער פאָרם.

אונטער אַזעלכע אומשטענדען איז די פּאָליטישע פיהרער פון דער בורזשואַזיע ניט געווען שווער אָוועקשלעפּען נאָך זיך אַלע

מיטגלידער פון זיין קלאַס, און דער ארבייטער קלאַס, האָפענדיג צו פארבעסערען זיין עקזיסטענץ און האָפענדיג די עקזיסטירענדע פּאָליטיישע באציהונגען, האָט אומעטום נאָכגעפּאָלגט דער בור־זשואַזיע.

אונזער איצטיגער דור פארשטעהט ניט די שטימונג פון יאָהר 1848. די שטימונג, וואָס האָט דאַמאָלסט ארומגעכאַפּט דעם גייסטיגען לעבען פון דענמאַרק, איז ווייט ניט קיין טיפּישע. אמת, אין דענמאַרק האָט זיך באמערקט, פּונקט ווי אין אַלע אַנדערע ערטער, די שטרעבונג אויפצוהאַלטען איהר נאַציאָנאַליטעט און באפריעדיגען איהר שטאָלץ. אָבער אין אייראָפּא זיינען די פעלקער אויפגעשטאַנען געגען דער קעניגליכער מאַכט און געגען דעם יאָך. אין דענמאַרק, פארקעהרט, האָט מען דערשטיקט דעם אויפשטאַנד אין נאָמען פון דער ענגלישער מאַכט און צוליעב דעם דריקען פון דעם באַליידיגטען נאַציאָנאַלען געפיהל. אין די מוחות פון די דענער איז ניט געקומען קיין רעוואָלוציאָנערע שטימונג: זיי האָבען געקעמפט פאַר אַן אַלטער אָרדנונג, און ניט פאַר נייע אידעען.

אָבער איבער׳ן גאַנצען שטח פון אייראָפּא זיינען אויפגעשטאַנען אונטערדריקטע פעלקער. זיי האָבען געוואוסט, אַז זיי האָבען שוין זעהר לאַנג גארניט דורכגעלעבט אַחוץ אָרימקייט, זיי האָבען געזעהן די אונגערעכטיגקייט טריאומפירען, די רוטינע, דעם ליגען. ווירקליכקייט און העסליכקייט איז ביי זיי געווען דאָס זעלבע; נאָר זיי האָבען געגלויבט אַז זיי קענען אויפהויבען בערג, און גע־האָפט, אַז זיי וועט זיך איינגעבען, אויב נויטיג, אַ טרייסעל צו טאָן דעם גאַנצען ערד־קוגעל. אַזעלכע אידעען ווי פרייהייט, פּאַרלאַמענט, נאַציאָנאַלע איינינקייט, פרייהייט פון פּרעסע, רע־פּובליק — האָבען זיך זיי אויסגעדאַכט ווי אַ צויבער מאַכט; בלויז דערמאָהנענדיג די ווערטער פלעגען זייערע הערצער אָנהויבען שטאַרק קלאַפּען, פּונקט ווי אַ ביי אַ יונגען בחור, דערזעהענדיג פּלוצלינג זיין געליעבטע.

פאַרטגעשריטענע מענשען פון אונזער דור לעבען דורך אַנדערע געפיהלען. זיי ווייסען, אַז נאַרישקייט צייכענט זיך אויס מיט אַ ספּעציעלער לעבעדיגקייט, אַז פיינהייט, די איבערגעגעבענע שקלאַ־פין פון קראַפט, איז שטאַרק ווי העלדישקייט אַליין, ווען די פראַגע

געהט וועגען פּאַרטיידיגען פּריווילעגיעס, אויף וועלכע די קראַפט האָט פּרעטענזיעס. — דערפאַר דענקען זיי, אַז דער אַזוי גערופענער פּראָגרעס איז ווי אַ קראַנקער אויסטער, וועלכער איז צו יעדער צייט גרייט צו באַהאַלטען זיך אין זיין שאָלעכץ. דער נאַאיווער מענש אין דער פאַבעל האָט זיך געקויפט אַ ראַב כדי איבערצייגען זיך דעם אמת, אַז אַ ראַב קען אַפּלעבען 200 יאָהר.

די פאָרטגעשריטענע מענשען פון אונזער צייט ווייסען גאַנץ גוט, אַז די גאַנצע געמאַכטע ראַבען־עהרליכקייט און די גאַנצע שוואַרצע ראַבען־פּאָליטיק סיי אין די גרויסע און סיי אין די קליינע ראַבען־קעפּ לעבט זיי איבער, אָבער וויפיעל הונדערטע יאָהרען — דאָס איז ניט באַוואוסט. אמת, זיי איז אויסגעקומען צו זעהן אַ זיעג פון גוטעס איבער שלעכטעס, נאָר זיי האָבען קיינמאָל ניט געהערט, אַז דאָס וואָס איז ביי זיי פאַררעכענט אַלס דאָס גרעסטע טוגענד, זאָל זיעגען. זיי האָבען אַלע מאָל געזעהן, אַז פריהער טראַגט מען זיך אַרום מיט'ן אמת, נאָכדעם דער׳הרג׳עט מען איהם ביי אַ מעגליכען צופאַל, און נאָר דאַן, ווען דאָס גיט זיך ניט איין, אַנערקענט מען איהם. דערפאַר האָבען זיי ניט אַזעלכע גליקליכע האָפנונגען. אַ סך פון זיי האָבען דער׳הרג׳עט די האָפנונג אין זייער הערצען, פּונקט ווי מען דער׳הרג׳עט אַ נערוו, וואָס פאַר־אורזאַכט אַ סך ליידען. זיי האָבען צו־פריה דורכגעלעבט ענטוישונג.

אַנדערש איז געווען דער דור פון יאָהר 1848, וועלכער האָט זיך קיינמאָל ניט אָבגעזאָגט פון די האָפנונגען אויף דער צוקונפט. אמת, אַ דאַנק די פיעלע יאָהרען פון יאַד און ליידען, איז ער געוואוינט געוואָרען צו באַגרייפען דעם טריאומף פון גראָבקייט און פאַלשקייט און צו לעבען גייסטיג אין נעפּעלדיגקייט, נאָר ער האָט געגלויבט אין דער צוקונפטיגער ליכט. און איצט האָט ער עס פּלוצלינג דערזעהן: פריהער אַ שיין, נאָכדעם אַ שטראַהל, נאָכדעם פלאַמען און שפּעטער אַ גאַנצען האָריזאָנט אַרומגעכאַפּט מיט ליכט, ווי מיט אַ ליכטיגען ים. צום ערשטען מאָל האָט דער דור דערהערט ווי קלינגענדיגע, הויכע, אומדערשראָקענע שטימען האָבען פּראָקלאַמירט פרייהייט, ווי דאָס נאַטירליכע רעכט פון פאָלק, און צום ערשטען מאָהל האָבען זיי דערזעהן מיט ערשטוינטע

אויגען, ווי די ביז איצט בעוועגלאָזע מאסע, אראבוואָרפענדיג די שווערקייט פון יאָך און אונגערעכטיגקייט, האָט זיך אַ ריהר געטאָן פון אָרט, פונקט ווי אַ ריעזיגער העלפאנד, אבגעטרייסעלט זיך, אויס־געגלייכט זיך און אראָפּגעוואָרפען פון זיך די, וועמען זי האָט געטראָגען און געוועגדט די ריזיגע טריט אהין, וואו ענטציקטע פּאַרטיידיגער פון פּריהייט, וואָס לעבצען נאָך קאַמף, שטעהען גרייטע ארויפצושפּרינגען איהר אויף׳ן אקסעל און צווינגען איהר געהן פאראויס און צושמעטערן די הערשענדע גערעכטיגקייט.

אהן צווייפעל, איז פאַר דעם יונגען דור דער מאָמענט געווען אזוי גרויס, אז אַ גרעסערן האָט ער זיך ניט געקענט פאָרשטעלען. דאָס איז געווען אַ ספּעקטאַקל, וואָס האָט אַלעמען פאַר׳שכור׳ט. די יוגענד האָט זיך גאַר פאַרלאָרען. זי האָט געשריען, געזונגען און געפרעהט זיך, און אונטער די טענער פון טריאומפירענדע ליעדער האָט זי געהאַט אַן אונפאַרמיידליכען פאַרלאַנג אַ וואַרף צו טאָן זיך, פאַרלירענדיג דעם קאָפּ, אין קאַמף, אוועקשטעלען דאָס לעבען אין קאָן, אפּפערען מיט זיך, אויב דאָס איז נויטיג, נאָר כדי צו נעהמען אַן אַנטייל אין באַגריסען דעם פריהייטס־טאָג, וועמעס שיין עס האָט זיך שוין באַוויזען.

זיכער, האָבען די דעמאָקראַטישע אילוזיעס געיובל׳ט אין דעם פאַל ווי אַ וואַקכאַנאַליע. זיכער, האָבען מענשען, זייענדיג מיט־געריסען מיט דער באַוועגונג, ארויסגעצייגט אַ טראַגישען גלויבען אין דער אויפריכטיגקייט פון די פאָלקס־אינסטינקטען און האָבען צו־פיעל געגלויבט אין די פעהיגקייטען פון די טעאָרעטיקער צו לייזען די פּראַקטישע שוועריגקייטען. נאָר פון אַנפאַנג פון דער באַוועגונג האָט געהערשט אַ מעכטיגע הינרייסונג און דער פאָלקס־אינסטינקט האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיכערקייט. די, אין וועמעס נשמות האָבען גערוהט אמת גרויסע קרעפטען, האָבען זיך געשטעלט אין דער שפּיץ פון דער באַוועגונג, זיינען פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין פיהרער, און אהן געררויש גענומען אויף זיך די פיהר־רערשאַפט, און מען האָט זיי געפאָלגט, ניט צוליעב זייער אויסער־ליכער אויטאָריטעט, נאָר צוליעב דער זיכערקייט אין זייער סופּע־ריאָריטעט, וועלכע אַלע האָבען אַנערקענט. אַזעלכע, צ. ב., זיינען געווען די צוואַנציג יונגע־לייט וואָס האָבען קאָמאַנדירט אויף די

באַריקאַדען אין בערלין, און פיעלע פשוט׳ע מענשען האָבען זיך אין איינינע טעג פון זייער לעבען אַרויסגעוויזען צו זיין גרויסע העלדען.

אין פאַרלויף פון צוויי מאָנאַט האָבען זיך אַרויסגעוויזען די שעהנסטע זייטען פון דער מענשליכער נאַטור, פינקלענדיג מיט וואונדערבאַרען שיין.

די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין עסטרייך האָט זיך אָנגע־הויבען באַלד נאָכדעם ווי מען האָט ערהאַלטען ידיעות וועגען די פעברואַר־געשעהענישען אין פאַריז. דעם דריטען מערץ האָט קאָ־שוט געהאַלטען אַ רעדע אין דעם אונגאַרישען רייכסטאַג, אין וועל־כער ער האָט געפאָדערט קאָנסטיטוציאָנעלע אינסטיטוציעס פאַר אַלע לענדער, פון וועלכער די אימפּעריע באַשטעהט, און האָט עס גע־פאָדערט אין אַזעלכע שטאַרקע אויסדריקען, אַז זיין רעדע האָט אויפגעוועקט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין פּעסט און אין ווין. דעם 11טען מערץ זיינען די טשעכען אַרויסגעטראָטען מיט דיזעלבע פאָדערונגען אין פּראַג; נאָר שוין דעם 6טען מערץ האָט דער עסטרייכישער האַנדעלס־פאַראיין דערלאַנגט דעם ערצהערצאָג פראַנץ קאַרלען, דעם יורש, אַ פּעטיציע וועגען דערוויטערען מע־טערניכען. מען האָט אָנגעהויבען אַרויסזאָגען פאָדערונגען וועגען פרייהייט פון פּרעסע, וועגען צושטימען צו די שטייערען, וועגען דאָס רעכט אָנטייל צו נעהמען אין געזעצגעבונג א. ד. ג.

עס איז אָנגעקומען דאָס וואָס מען האָט גערופען צו יענער צייט „דער פּעטיציע־שטורם“. מען פלעגט די פּעטיציעס דערלאַנ־גען צום קעניג יעדען טאָג, און יעדער שטונדע אין אַנדערע פאָר־מען. דעם 12טען מערץ איז פאָרגעקומען אין אוניווערזיטעט אַ גראַנדיעזע סטודענטישע פאַרזאַמלונג, וואָס האָט אויסגעאַרביים אַן אַדרעס מיט פאָדערונגען פון פרייהייט פון וואָרט, לערנען און רעליגיאָן. דער קעניג האָט אויפ׳ן אַנדערען טאָג אויפגענומען אַ דעפּוטאַציע, נאָר האָט געגעבען אַן אונבאַשטימטען ענטפער. ביי אַזעלכע פאַרפלאָנטערטע אומשטענדען האָט דער 13טער מערץ, דער טאָג פון דער ערעפענונג פון דעם נידעריגען עסטרייכישען סיים, געטראָפען די רעגירונג אַ ניט צוגעגרייטע. די פאָלקס־מאַסען האָבען זיך אַריינגעריסען אין הויף פון סיים און קאָשוט׳ס רעדע

איז הויך געלעזען געוואָרען ביי הויכע געשרייען פון פרייד: „עס לעבע די קאָנסטיטוציע!“ ווען א טהייל פון דער מאַסע האָט זיך אריינגעריסען אין דעם זאַל פון פאַרזאַמלונג, און אנגעהויבען ברע־כען מעבעל און וואַרפען שטיקער האָלץ אין די קעפּ פון די סאָל־דאַטען, און ווען ערצהערצאָג אַלברעכט, וועלכער האָט מיט זיי קאָמאַנדירט, איז פאַרוואונדעט געוואָרען, האָט דאָס מיליטער גע־ענטפערט אויף דעם אָנפאַל מיט צוויי זאַלפען — און די ערשטע וויענער רעוואָלוציע האָט אויפגעפלאַקערט. דאָס איטאַליענישע מיליטער האָט געשאָסען, נאָר דאָס עסטרייכישע האָט אַראָבגענומען די פּיקעס פון די ביקסען ביי דעם גרויסען פרייד־געשריי פון פאָלק, און די קאָמאַנדירען פון דעם אַרטילעריע־פאָלק, וואָס איז געשטאַ־נען פאַר „די בורג“, האָבען זיך אויסגעשטעלט פאַר די האַרמאַטען אַנשטאָט צו פייערען פון זיי. צום אָוענד האָט זיך מעטערניך איבערצייגט, אַז קיינע הנחות וועלען שוין מעהר ניט העלפען, און האָט רעזיגנירט, נאָך א 40־יעהריגען זעלבסט־זוּרשען איבער דער עסטרייכישער פּאָליטיק.

ער איז אַנטלאָפען אַן איבערגעטאָנענער אויף איינע פון די קייזערליכע וועגענער, אויף וועלכע מען האָט געפירט שמוציגע וועש צום וואַשען. ניין א זייגער אין דעמזעלבען אָוענד האָט מען אַרויס־געשיקט דאָס מיליטער פון וויען (ווי א וואָך שפּעטער פון בערלין) און אַלע פּאָסטען האָבען פאַרנומען — סטודענטען און בירגער. דער אַרסענאַל איז געווען אָפען און אין איין טאָג האָבען זיך באַ־וואָפענט 25,000 בירגער. אין הינטער־גאַסען איז נאָך דער קאַמף אָנגעגאַנגען מיט א פאַרביסענקייט. די באַפעלקערונג האָט דער־גרייכט אַזאַ שטופע פון אויפרעגונג, אַז צוויי אָפּטיילונגען פון באַוואָפענטע גרענאַדערען, וועלכע האָבען אָבגעהיט מעטערניכ'ס ווילא, זיינען אַזוי צונויפגעקוועטשט געוואָרען פון המון, אַז זיי האָבען געמוזט אָוועקגעבען די געוועהר. די, וועלכע האָבען זיך אָפּגעזאָגט צו ענטוואָפנען זיך זיינען צוקוועטשט געוואָרען.

אין דעמזעלבען אָוענד האָט מען געלאָזט וויסען, אַז די צענזור איז אַרונטערגענומען געוואָרען, און דאָס וואָרט איז פריי. דאָס פאָלק האָט אָבגעאָטעמט פרייער הערענדיג די נאַכריכט, עס האָט זיך אויסגעדאַכט אַז מען האָט אַראָבגענומען דעם שלאָס פון פאָלקס

מויל. פאַרשטעהט זיך, אַז די פּעריאָדישע פּרעסע האָט אין דעמ־זעלבען טאָג אַרויסגעזאָגט דעם ווילען פון פאָלק. ביז דער צייט האָט מען ניט געקענט, אפילו אין פּאָעטישע פאָרמען, באַשפּרעכען איינִיגע פראַגעס פון דער געזעלשאַפטליכער און רעגירונגס־סיסטעם; עסטרייך איז געווען געגליכען צו אַ וואַלד אָהן פויגעל־געזאַנג. איצט האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ געשריי פון אַלע זייטען, פון אַלע צווייגען און בוימער הערען זיך לידער און געזאַנג; פאַרמירענדיג אַ מעכטיגען פיעל־שטימענדיגען כאָר.

באַלד זיינען ערשיענען פריהייטס־לידער אויף אַלע שפּראַ־כען פון דער עסטרייכישער אימפּעריע, אויף דייטש, טשעכיש, סלאַוויש, קראָאַטיש, אונגאַריש, פּויליש און איטאַליעניש; אַלע האָבען זיך אַזוי ליידענשאַפטליך געאיילט צו באַנוצען מיט דער נאָר־וואָס ערוואָרבענער פריהייט, אַז איינצייטיג זיינען ערשיענען אַ מאַסע לידער אונטער דעמזעלבען נאָמען: „דאָס ערשטע ניט־צענזורירטע ליעד".

צוערשט האָט מען אָנערקענט „די אוניווערזיטעט" פון לוד־וויג אויגוסט פראַנקעל. אין דער נאַכט פון 14טען אויף 15טען מערץ האָט זיך איינער פון די פּראָפעסאָרען, האָבענדיג מורא, אַז די קרימינעלע פאַרברעכער זאָלען ניט אַנטלויפען פון די טורמעס, געווענדעט צו דער נאָר וואָס באַוואָפענטער אַקאַדעמישער יוגענד מיט אַן אויפרוף צו היטען די פאַרברעכער. צוואַנציג סטודענטען, אונ־טער דער פיהרערשאַפט פון דעם נאָכדעם באַריהמטען פּאָעט און שרייבער דאָקטאָר פראַנקעל, האָבען זיך אַוועקגעלאָזט היטען די טורמעס. אונטער דעם איינפלוס פון דער שטימונג, וואָס האָט איהם דאָן אַרומגעכאַפּט, האָט פראַנקעל אָנגעשריבען זיין ליעד:

„וואָס באַדייטען די טענער פון דעם מאַרש? זיי קלינגען פּונקט ווי אַ זיעג. זעה, עס בלאַנקט געוועהר, עס פלאַטערען פאָהנען! עס הערט זיך דער הילך פון אַ מאַסע פּויקען. הערסט? דאָס וואָרט, וואָס איז געווען אונטערדריקט זינט יאָהרען צייטען, איז, ענדליך, באַפרייט געוואָרען פון די קייטען און טורעם־שלעסער אַ דאַנק דעם אוניווער־זיטעט".

פראַנקעל, וועלכער האָט נאָך אין יאָהר 1890, צו זיין 80־יעה־ריגען געבורטס־טאָג, אַרויסגעגעבען אַן אינהאַלטס־ און פאָרם־רייכע

ליעדער־זאַמלונג, האָט אין זיין גאַנצען לעבען ארויסגעוויזען אַ גרויס טעטיגקייט, אַלס פּאָעט און ביאָגראַפער; ער איז געוואָרען אַן עהרען־בירגער פון וויען און פון נאָך דריי אַנדערע אייראָפּעאישע און אַזיאַטישע שטעדט; נאָך דער ארויסגאַנגס־פונקט פון זיין רוהם איז געוועזען דאָס ליעד, וואָס איז געוועזען געדרוקט אין ניט ווייניגער ווי הונדערט טויזענד עקזעמפּלאַרען.

נאָך פונדעסטוועגען איז דאָס שוין ניט געוועזען דאָס ערשטע ניט־ציענזורירטע ווערק. אין דער פריהערדיגער נאַכט, פאַר דער ערשיינונג פון אָט דעם ליעד, האָט קאַסטעלי אָנגעשריבען זיין ליעד פאַר דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, און פון די ליעדער אָנגעשריבענע אין דער דייטשער שפּראַך טראָגען דריי אָדער פיער דעמזעלבען נאָמען, — צווישען אַנדערע, דאָס ליעד פון דעם וויענער סטודענטישען לעגיאָן: „ערוואַכט, ערוואַכט, אַברידער! עס שיינט אַ גרויסער מאָרגען!“ און פר. הערכגאַרדט׳ס ליעד: „די פרייע פרעסע“, וואָס הויבט זיך אָן מיט פאָלגענדע ווערטער:

„דאָס וואָרט איז פריי! קלינגט אין אַלע גלאָקען, זאָגט אומעטום אָן די פרייד, און שרייט אויס צוזאַמען אין דער גרויסער שעה: דאָס וואָרט איז פריי, די לעצטע פעסטונג איז געפאַלען!“

גלייכצייטיג מיט די ליעדער, וואָס אָטעמען מיט אַזאַ שטורמדיגער פרייד צוליעב דער מעגליכקייט צו ריידען און שרייבען פריי, האָבען זיך באַוויזען אַנדערע, פול מיט טיפע דאַנקבאַרקייט צום שוואַכזיניגען קעניג; זיי רופען זאיהם אָן „גוטער קעניג“, „אונזער גוטער פערדינאַנד“ א. ד. ג. אָט די פּאָעטען האָבען איינגאַנצען פאַרגעסען, אַז אַלע הנחות זיינען ארויסגעריסען געוואָרען מיט געוואַלד. אין איינע פון די פיעלע ליעדער אין דעם קיסר׳ס אָנדענקען זאָגט זיך:

„איך באַגרוס דיך, מיין קעניג! פול מיט פרייד זאָגט דאָס פאָלק ארויס זיין אָנערקענונג צו דיר, וועמען ער האָט אַלע מאָל געקענט אַלס גוטען און גוטען“.

דעם 16טען מערץ איז אָנגעקומען אַן אונגארישע דעפּוטאַציע, 150 מאַגנאַטען מיט קאַשוט׳ן אָן דער שפּיץ. זיי זיינען אריינגעפאָהרען קיין וויען דורכ׳ן פּראַטער און זיינען באַגריסט געוואָרען מיט גרויס געשריי: „עליען!“ און פאַרוואָרפען מיט בלומען.

אין יענעם טאָג האָט די באַוואָפּענטע בירגער־וואַך דערגרייכט די צאָהל פון 60,000 מענשען. נאָכ'ן האַלבען טאָג האָט זיך אויף האַב־סבורג'ס באַלקאָן באַוויזען אַ העראָלד און פאַרגעלייענט דעם פאָל־גענדען מאַניפעסט:

„מיר, פערדינאַנד דער ערשטער, פון גאָט'ס גנאַד דער אימ־פּעראַטאָר פון עסטרייך, דער קעניג פון אונגאַרן, בעהמען, דער קעניג פון לאַמבאַרדיע און וועגעציע, דאַלמאַציע, קראָאַטיע, סלאַ־וואָניע, גאַליציע, אַלירע א. אַז. וו., האָבען אָנגענומען פאָלגענדע באַשליסען, וועלכע פּאַסען זיך צו צו די פאַרלאַנגען פון אונזער איבערגעגעבענעם פאָלק".

נאָכדעם האָט געפאָלגט די ערקלערונג וועגען פרייהייט פון וואָרט, וועגען גרינדען אַ בירגערליכע מיליץ (נאַציאָנאַלע גוואַרדיע, ווי זי איז געווען אָנגערופען אין מאַניפעסט) און וועגען צונויפ־רופען די פאַרשטעהער כדי אויסאַרבייטען די פון אונז פריהער באַשלאָסענע „קאָנסטיטוציע פאַר אונזער פאָטערלאַנד".

אַפילו די דיכטער־הומאָריסטען האָבען געזונגען יום־טוב'דיגע ליעדער לכבוד דער גרויסער געשעהענים. נאָר וויפיעל אימיטאַציעס איז געלעגען אין דער באַוועגונג קען מען זעהן פון דער איינגע־שפּאַרטקייט, מיט וועלכער מען האָט באַנוצט דאָס פראַנצויזישע וואָרט „גאַרד נאַציאָנאַל", כדי צו באַצייכענען די בירגערליכע מיליץ, אַנשטאָט דעם דייטשען וואָרט „בירגערוועהר".

דער, וואָס וועט אין אונזערע טעג איבערבלעטרען יענע טוי־זענטער פּאָליטישע ליעדער, וועלכע זיינען אַרויס אין דעם 1848טען יאָהר, אין דער דייטשער שפּראַך, בלויז אין ווין, וועט־טרעפען צווישען אַ סך אונבאַוואוסטע נעמען כמעט אַלע באַוואוסטע און אַ סך נייע, וועלכע האָבען באַדאַרפט אין גיכען באַוואוסט ווערען. צווישען באַוערנפעלד'ס ליעדער איז דאָ, צ. ב., „וויען'ס אויפרוף צו דער פּראָווינץ", אַ גאַנץ שוואַכע אין קינסטלערישען הינזיכט, נאָר אַ באַלעהרענדע אין פּאָליטישען, — אַלס פּראָטעסט געגען דעם ערשטען צייכען פון רעאַקציע, געגען דער באַוועגונג, וואָס האָט זיך באַוויזען אין דער פּראָווינץ, וועמעס ציעל איז געווען אַראָפּצו־וואַרפען דאָס, וואָס מען האָט אָנגערופען די טיראַניי פון דער הויפּט־שטאָדט, ד. ה., ניט געהן נאָך די טריט פון דער באַפרייטער

וויען. פרידריך אול, וואָס פאַרנעהמט איצט אַ פּלאַץ אַלס רעדאַק־
טאָר פון דעם אָפיציעלען רעגירונגס־אָרגאַן „וויענער אַבענדפּאָסט“,
האָט באַשאַפען אַ קלאָג־ליעד אין אַנדענקונג פון די געפאַלענע אין
קאַמף פאַר דער רעוואָלוציע:

„זאָל די שווארצע פאָהן, ארומגעהילט אין קרעפּ, פלאַטערן
אין דער לופטען,עס הערט זיך אַ קלאָג־ליעד נאָך די טויטע, וואָס
זיינען געפאַלען פאַרטיידיגענדיג די פרייהייט“.

איינינע פּאָעטען ווענדען זיך מיט אַדעס צו לענאַו, דעם פּאָ־
פּולערסטען דיכטער פון יענער צייט, מיט ווערטער פון טרויער
דערפאַר וואָס דער זינגער פון פרייהייט איז אַנטשווינען געוואָרען
און קען ניט הערען דעם איצטינען זיעגערייכען יובעל. ריכאַרד
וואַגנער, וועלכער איז נאָך דאַן ניט באַוואוסט געווען, האָט צוגע־
שיקט אַ באַגריסונג פון זאַקסען קיין וויען:

„איהר האָט באַגריפען דעם עיקר פון פרייהייט, באַגריפען אַז
מען קען ניט קריגען אַ העלפט פון איהר. אויב מען נעהמט ביי
אונז צו אַ קליינעם טהייל פון איהר, וועלען מיר איינגיבען אַלץ
פאַרלירען. איהר יעדער קליינער טהייל איז פאַרבונדען מיט אונ־
זער עהרע. וועה איז צו דעם, וואָס וועט אַנריהרען אונזער עהרע.
מיט לייכטען און שווערען געוועהר אין די הענד, מוזט איהר זי־
היטען און פאַרטיידיגען“.

צווישען די אויטאָרים פון מעהר ערנסטערע ליעדער, טרעפען
מיר אַזעלכע נעמען ווי גרילפּאַרצער און העבעל. סאַפיר און דינ־
געלשטעדט האָבען אָנגעשריבען איינינע הומאָריסטישע ליעדער
אין אַנדענקונג פון דעם לעצטען צענזאָר, וועלכע זיינען אימיטאַציעס
פון שיללערים „נאַדאָוועססישע טוידטעסקלאַגע“; און ענדליך,
סאַטירישע ארויסטרעטונגען געגען דעם פּרייסישען קעניג האָבען
זיך באַוויזען מאַסענווייז, און דאָס מאָדנע דערביי איז דאָס, וואָס
אין אַלע דערצעהלט מען אַז פון אָנפאַנג איז ער געווען זעהר ר־ע־
אַקציאָנער און נאָכהער האָט ער געמאַכט הנחות ווייניגער פרייוויליג
איידער דער עסטרייכישער אימפּעראַטאָר פערדינאַנד.

אין בערלין האָט זיך אָנגעהויבען אין אָנפאַנג פון מערץ אַ
שטאַרקע באַוועגונג. די „קרייצצייטונג“ האָט באַלד נאָך דער
פעברואַר־רעוואָלוציע אַבגעדרוקט אַן אַרטיקעל, וואָס האָט געפריי־

דיגט מלחמה געגען פראַנקרייך. דאָס האָט פּאַראורזאַכט גרויס אונרוה; עס האָט נאָך געפעהלט, אַז די אונטערדריקטע פּרייסען זאָלען זיך לאָזען געהאָרכזאַם פיהרען אין קאַמף געגען דער פראַנצויזישער רעפּובליק. עס זיינען געקומען טעג, ווען גאַנץ דייטשלאַנד איז געווען פאַרהילט אין שוואַרצע, רויטע און געלע קאָלירען — דער סימוואָל פון איינהייט און פרייהייט.

דעם 7טען מערץ איז פאָרגעקומען די ערשטע פאָלקס־פאַרזאַמלונג אין דער גאַס „אין דען צעלטען". מען האָט זיך געווענדעט צום קעניג מיט אַן אדרעס תיכף צוזופרופען דעם לאַנדטאַג און אַרויסגעבען די קאָנסטיטוציע. דער סוף פון דעם אדרעס איז געווען: „מען דאַרף קיין קריעג קעגען פראַנקרייך! מיר פאָדערען אַ געזעצליכע פרייהייט! מיר פאָדערען די ברידערליכע איינינגקייט פון דער גרויסער דייטשער נאַציע!" — דעם 12טען מערץ האָט זיך קאַוואַלעריע אַריינגעריסען אין דער גאַס „אין דען צעלטען" און פאַנאַנדערגעטריבען די פאָלקס־מאַסען; זיי זיינען פאַרשוואונדען, נאָר זיי האָבען אָנגעהויבען בויען באַריקאַדען אין אַנדערע ערטער און געמאַכט אַ פאַרזוך נעהמען מיט גוואַלד דעם סקלאַד פון געוועהר אויף יעגערשטראַסע. אויף דער אָפּערנער גאַס האָט מען צוויי מענשען דערהרג׳עט. אונטער די פענסטער פון דעם קעניגליכען פּאַלאַץ האָט מען געהערט געשרייען: „פרייהייט!" „פרייהייט פון וואָרט!" און מען האָט געשאָטען קללות אויף די סאָלדאַטען. דעם 14טען מערץ האָט דער קעניג אַרויסגעגעבען אַ מאַניפעסט צוזופרופענדיג דעם פאַראייניגטען סיים. ביז איצט איז אַלץ פאָרגעקומען כמעט רוהיג, נאָר דעם 15טען מערץ האָבען זיך די סאָלדאַטען, זייענדיג זעהר מיעד פון דעם שטענדיגען אַרומגעהן, פון ניט דערשלאָפען נעכט, און דעם געפינען זיך אין די קאַזאַרמעס, אָנגעהייבען צו ערלויבען גראָבהייטען אין זייערע באַציהונגען צום פאָלק, פאַרטשעפּען זיי און שלאָגען זיי מיט דער צווייטער זייט פון ביקס. עטליכע אינגלער האָבען אויפגעבויט קליינע באַריקאַדען אויף די ראָגען פון קורשטראַסע און גערטרודענשטראַסע. די פּאָטסדאַמישע גוואַרדייסקע קיראַסירען האָבען איינגענומען די באַריקאַדען מיט שטורם און אַנגעשלאָגען די קינדער.

דעם 18טען מערץ, איינס אַזייגער בייטאָג, איז אַ קעניגליכע פּראָקלאַמאַציע געלייענט געוואָרען ביים שלאָס. די פּראָקלאַמאַציע האָט ערקלערט, אַז דייטשלאַנד וועט פון היינט אָן און ווייטער ניט זיין מעהר קיין פעדעראַציע פון שטאַאַטען, נאָר איין פעדע־רירטער שטאַאַט (אַ בונדעסשטאַאַט אָנשטאָט אַ שטאַאַטענבונד), מיט אַן אַלגעמיינעם פּאַרלאַמענט און אַלגעמיינער אַרמיי, מיט אַ פרייער עמיגראַציע, פרייען האַנדעל און אַ פרייער פּרעסע. דער עולם האָט געדונערט „הורא". עס האָבען זיך אויך געהערט גע־שרייען: „אַוועק מיט די סאָלדאַטען!" און עטליכע שטיינער זיינען געוואָרפען געוואָרען. דער קאָמאַנדיר, דער באַוואוסטער גענעראַל פּפיל האָט פאַרבאָטען די סאָלדאַטען צו שיסען, האָט די דראַגונען געהייסען אַרונטער פון די פערד, און האָט שטאַרק גע־לויבט זייער דיסציפּלין, וואָס זיי האָבען תיכף געפאָלגט, ניט קוקענדיג דערויף וואָס זיי זיינען געווען אַזוי אויפגעבראַכט. עס האָט געשיינט, אַז די שטאָדט איז רוהיג און ער איז אַוועק אַהיים אויף אַ ווײַלע.

פאַר דער צייט פון זיין אַבוועזענהייט איז אָנגעקומען אַ רע־גימענט דראַגונער. דורך וועמעס באַפעהל זיי זיינען אָנגעקומען ווייס מען נישט, און דער אויפגערעגטער עולם האָט דערינען באַ־שולדיגט דעם פּרייסישען קרוינפּרינץ, דעם צוקונפטיגען קייזער ווילהעלם. דער המון האָט אָנגעהויבען צו שרייען: אַוועק! אין דער צייט האָבען די דראַגונען זיך דורכגעדרעהט, דער עולם האָט שוין געווען אָנגעהויבען שרייען „בראַוואָ" — ווען די דראַגונען האָבען זיך אַריינגעשניטען אינ'ם עולם מיט בלויזע שווערדען. אין דערזעלבער צייט איז אַ באַטאַליאָן אינפאַנטעריע אויך אַרויס פון שלאָס־טויער און איז באַפאַלען דעם עולם מיט אויסגעשטרעקטע באַיאָנעטען. עס זיינען אויך געווען אַ פּאָר, משמעות צופעליגע, שיסערייען. מיט אַ געשריי איז דער עולם זיך פאַנאַנדערגעלאָפען. ערשט מיט אַ ווײַלע פריהער איז דער עולם געווען אין דעם העכ־סטען עקסטאַז, פרעמדע מענשען האָבען זיך אַרומגענומען, האָבען געפאַכט מיט די היטלען און האָבען געשריען: הורא פאַר'ן קעניג! און איצט זיינען, ווי דורך אַ כשוף, אויפגעשטעלט געוואָרען באַ־ריקאַדען איבער דער גאַנצער שטאָדט, פּונקט ווי דאָס איז געשעהן

אין וויען. די שטאָדט האָט אויסגעזעהן ווי אַ קריעגס־לאַגער מיט גאַנצע צוויי הונדערט באַריקאַדען אויפגעשטעלט פון שטיינער, ברעטער און וועגענער. פון אַלע דעכער האָט מען געשאָסען אויף דעם מיליטער און אַ טהייל האָבען זיך באַגנוגענט מיט וואַרפען שטיינער. מען האָט זיך אויך באַנוצט מיט העק און מיט גראָבע שטעקענס.

מען האָט גאַנצע דעכער אַפּגעריסען פון די ווינקעלהייזער און מען האָט צונויפגעשלעפּט שטיינער פון ברוך. די באַוואָפענטע סטודענטען האָבען זיך באַגעגענט פאַר'ן אייניווערזיטעט, האָבען אויף די היטלען אַנגעטאָן קאָקאַרדעס פון דריי קאָלירען און זיינען אַוועק אַנפיהרען די אַרבייט ביי די באַריקאַדען. די סוחרים האָבען צוגעשטעלט פּולווער און קוילען, העק און אייזערנע בראָכשטאַנגען. פון אַוועגט האָט מען געעפענט אַן אַרטילערישען פייער אויף קעניג־שטראַסע. דער קעניג האָט דאָס אַלץ אָנגעקוקט דורך די פענסטערן פון זיין שלאָס, און איז געווען זעהר אויפגעבראַכט צוליעב די דע־פּוטאַציעס, וואָס זיינען צו איהם געקומען, בעטענדיג ערנסט אַפּ־צוציהען דאָס חיל. דער עיקר האָבען איהם אויפגעבראַכט די דריי־קאָליר פלאַגען פון די באַריקאַדען. ער האָט געזאָגט, אַז ער איז גרייט נאָכצוגעבען אַ סך צו ערנסטע בקשות, אָבער ער וועט גאָרניט נאָכגעבען ווען מען וועט באַגעהן גוואַלדטאַטען.

וואַרנהאַגען באַשרייבט אין זיין טאַג־בוך וואָס ער האָט גע־זעהן און געהערט פון זיין פענסטער יענע נאַכט: „אַ קליינע צאָהל בירגער, אונטער גוטע און באַגלויבטע פיהרער, האָבען גע־האַלטען די גאַסען,און וויל זייער צאָהל איז געווען אַזאַ קליינע זיינען זיי באַזונדערס געווען אויף דער וואַך. עטליכע שעה ביינאַכט איז געווען אַבסאָלוט פינסטער און שטיל. צו מאָרגען צו האָבען זיך געהערט פויקען פון ווייטען — ווייזט אויס אַז נאָך מיליטער האָט זיך דערנעהנטערט. תיכף איז יעדער געווען אויף זיין אָרט און עס האָט זיך געהערט דער באַפעהל פון זייער קאָמאַנדיר, נאָך גאָר אַ יונגערמאַן: „אויף די דעכער, בירגער!" און איטליכער האָט פאַרנומען זיין פּלאַץ. דער דאָזיגער רוהיגער, זיכערער, כּאָטש איינפאַכער באַפעהל האָט געקלונגען שרעקליך, און האָט אַריינגעבראַכט דעם עולם אין גרויס התלהבות. איטליכער האָט

בעזונדערס געפיהלט די גרויסע געפאהר אין וועלכער עס האָבען זיך געפונען די, וואָס האָבען געגעבען די באַפעהלען. זייער צאָהל איז געווען גאַנץ קליין, און עס האָט געשיינט, אַז זיי האָבען אַלע פאַרשפּיעלט און ועלען, נאָך אַן אומ־זיסטען קאַמף, באַגעגענען דעם טויט אָדער ארונטערפאַלענדיג פון די דעכער, אָדער דורך די סאָלדאַטסקע באַיאָנעטען, אָדער אויף דער תליה". ווארנהאַגען איז געווען אַן עלטערער אָפיצער מיט אַ סך ערפאַהרונג און ער ענדיגט מיט די ווערטער: „דער העלדישער קוראַזש און עקשנות פון די דאָזיגע יונגע־לייט איז געווען ווערט די העכסטע באַוואונדערונג".

אין דער נאַכט פונ'ם 18טען אויפ'ן 19טען מערץ, זיינען די פענסטער אין אַלע גאַסען, וואו מען האָט געבויט באַריקאַדען, געווען באַלויכטען. ווי נאָר סאָלדאַטען זיינען אַנגעקומען איז גלייך געוואָרען פינסטער. ווען די סאָלדאַטען זיינען אריין אין די הייזער האָבען זיי געהאַקט און געבראָכען רעכטס און לינקס, און האָבען זיך באַגאַנגען מיט געפאַנגענע אויפ'ן העכסטען אופן ברוטאַל. צו מאָרגען צו איז דער אַרסענאַל פון די לאַנדוועהר־גוואַרדיע פאַר־כאַפּט געוואָרען דורך די רעבעלען; זיי האָבען אָבער געפונען, אַז די שלעסער פון אַלע האַרמאַטען זיינען ארויסגעבראַכט געוואָרען פון אָרדנונג, און תיכף האָבען די שמידען פון דער אומגעגענד זיך גענומען זיי פאַרריכטען.

ענדליך, איז אין דער פריה ארויס אַ פּראָקלאַמאַציע פון קעניג, מיט'ן קעפּיל: „צו מיינע ליבע בערלינער". אין דער פּראָקלאַמאַ־ציע איז געווען אַ פאַרזוך צו ערקלערען די פּאַסירונגען פונ'ם פריהער־דיגען טאָג, ווי אַן אומגליקליכע מיספאַרשטענדניס. „מען האָט געדאַרפט אָפּליידיגען דעם פּלאַץ פאַר'ן שלאָס מיט קאַוואַלעריע, וועלכע האָט געהאַט אַ באַפעהל צו געהן פּאַמעלאַך און מיט די שווערדען אין די שיידען; דורך אַ צופאַל האָבען צוויי ביקסען אויסגעשאָסען, כאָטש קיינער איז ניט פאַרוואונדעט געוואָרען. אַ בייזוויליגע ראָטע, וועלכע איז דערהויפּט באַשטאַנען פון פרעמ־דע, האָט אויסגענוצט די געלעגענהייט אויפצוהעצען נקמה ביים אויפגערעגטען המון; די סאָלדאַטען האָבען גענוצט זייער געוועהר, אמת, ניט פריהער, איידער מען האָט אויף זיי אַ פּאָר מאָל געשאָ־

סען". דער קעניג פאַרשפּרעכט אַרויסצופיהרען דאָס חיל פון בערלין און פאַרענדיגט מיט דער האָפנונג, אַז ביידע צדדים וועלען פאַרגעסען אַלץ, וואָס עס האָט פּאַסירט.

דערווייל איז דער קאַמף אַנגעגאַנגען זעהר פאַרביטערט. אונטערהאַנדלענדיג מיט די דעפּוטאַציעס וואָס זיינען געקומען צו איהם דעם 19טען מערץ אין דער פריה, האָט דער קעניג געפּרואווט האַלטען זיין פאַרשפּרעכען אַרויסצופיהרען דאָס חיל פון שטאָדט מיט'ן תנאי, אַז די באַריקאַדען זאָלען פריהער פאַנאַנדערגענומען ווערען. נאָר סוף כל סוף איז אַלץ נאָכגעגעבען געוואָרען — סיי אַן ענדערונג אין מיניסטאַרען-קאַבינעט, סיי די באַפרייאונג פון די געפאַנגענע, סיי דאָס אָפּציהען פונ'ם מיליטער. אונטער די געשרייען און כאַר-געזאַנגען פונ'ם פרעהליכען עולם זיינען די סאָלדאַטען מיט פויקען אַרוים פון בערלין, זיך פיהלענדיג טיעף באַליידיגט פון זייער קעניגליכען הויפּט-קאָמאַנדיר.

אַ גוואַלדיגער עולם איז געווען אַרום דעם שלאָס, באַשטעהענדיג טיילווייז פון די, וואָס האָבען דורך זייער גרויסער צאָהל געוואָלט באַאיינפלוסען זייערע באַצוואונגענע הערשער, זיי זאָלען וואָס מעהר מוזען נאָכגעבען, די רעשט פון דער מחנה איז באַשטאַנען פון גלאַט קוריאָזע ליידיג-געהער. אַלע לויות פון די דערהרג'עטע אינ'ם גאַס-געשלעג האָבען זיך אויך פאַרבייגעצויגען פאַר'ן שלאָס. די טויטע קערפּערס האָט מען געטראָגען מיט די הענט, אַ חוץ אין יענע פאַלען, וואו זיי זיינען געווען צו פיעל אינאיינעם; אין דעם לעצטען פאַל האָט מען זיי געפיהרט אין אָפענע וועגענער, וועלכע זיינען געווען דעקאָרירט מיט בלומען און מיט בענדער, און די טויטע זיינען אויך געווען באַשאָטען מיט בלומען.

דער פּלאַץ פאַר'ן שלאָס איז געווען שרעקליך געפּאַקט. דער עולם האָט געפאָדערט, אַז דער קעניג זאָל אַרויס צו זיי. ער איז אַרויס, אַ בלייכער און דערשראָקענער. דער עולם האָט אָנגעהויבען שרייען: „באַפריי די געפאַנגענע!" און דער קעניג האָט געמוזט באַפוילען, אַז מען זאָל באַפרייען אַלע געפאַנגענע, וואָס האָבען זיך געפונען אין די קעלערען פונ'ם שלאָס. מען האָט אויך גענומען אַריינטראָגען אַ סך פון די שווער פאַרוואונדעטע רעבעלען אינ'ם פּאַלאַץ אַריין, וואו מען האָט פאַרבאַנדאַזשירט זייער'ע וואונדען.

אונטער דער צייט זיינען אנגעהויבען אנצוקומען די לויה־פּראָ־צעסיעס און דער עולם איז דערביי אריינגעפאַלען אין דער ווילד־סטער אויפרעגונג. פאַר דער צייט, ווען מען האָט געטראָגען די הרוגים אינ׳ם אונטערשטען גאָרן פונ׳ם שלאָס, האָט איין רעדנער נאָכ׳ן אַנדערען גענומען אדרעסירען דעם עולם. מעהר פון אַלע האָט אויסגענומען ביים פאָלק די רעדע פון קאַרל גוצקאָוו, פון וועלכער דער רעפריין איז געווען — „אַלגעמיינע באוואַפנונג פון די בירגער". די ניי־באַשטימטע מיניסטאָרען, וואָס האָבען זיך גע־פונען אויפ׳ן פּלאַץ האָבען אומזיסט געזוכט צו באַרוהיגען דעם עולם און האָבען די לעצטע פאָדערונג ניט געוואָלט נאָכגעבען; זיי זיינען אָבער דערצו געווען אין גיכען געצוואונגען, צוליעב אַ סצענע וואָס איז באַלד פאָרגעקומען און ביי וועלכער עס איז אוממעגליך געווען ניט נאָכצוגעבען די פאָרלאַנגונגען פון פאָלק.

עס איז אָנגעקומען אַ נייע לויה, וואָס איז באַשטאַנען פון פיער טויטע קערפּערס, וואָס זיינען געטראָגען געוואָרען דורך דעם עולם, מיט זייערע פאַרבלוטיגטע וואונדען אויפגעדעקט, מיט דער כונה אויפצורעגען דעם עולם, ער זאָל פאָדערען נקמה. די טראָגעס (נאָסילקעס) האָט מען אוועקגעשטעלט אונטער דעם קעניג׳ס באַל־קאָן און די טרעגער האָבען אָנגעהויבען ווילד צו שרייען: „דער קעניג! די קעניגין!" און דער עולם האָט נאָכגעשריען. צוויי פון די נייע מיניסטאָרען, שווערין און אַרנים, האָבען אומזיסט געפּרואווט זיך צו לאָזען הערען; זיי זיינען פאַרשריען געוואָרען דורך די קולות: „דער קעניג, די קעניגין!"

ווען דער קעניג און די קעניגין זיינען אַרויס אויף דעם באַל־קאָן איז דעם פאָלק׳ס עקסטאַז געווען ממש אָהן אַ ברעג. דער קעניג האָט זיך געפּרואווט רעדען, נאָר די טרעגער האָבען געהאַל־טען הויך די טראָגעס מיט די פאַרבלוטיגטע הרוגים, און דער המון האָט געשריען: „אַראָפּ דעם הוט". און דער קעניג איז געווען געצוואונגען אַרונטערצונעהמען דעם הוט, ווען מען האָט פאַרביי־געטראָגען איטליכען פון די הרוגים.

אין פרייליגראַט׳ס גרויסער פּאָעמע, וועלכע איז געשריבען גע־וואָרען דעם קומענדען יאָהר, דעם יאָהר פון ענטוישונגען, לייענען מיר:

„מיט דורכגעשאָסענע ברוסטען און געשפּאָלטענע שטערענס האָט איהר אונז געהאַלטען הויך אויף די בלוטיגע ברעטער; יע, הויך, הויך איבער׳ן עולם האָט איהר אונז געהאַלטען, כדי דער, וואָס האָט אונז געבראַכט דעם טויט, זאָל קענען זעהן די בלוטיגע פּנימ׳ער און זיי זאָלען ווערען פאַר איהם אַ קללה אויף אייביג! סיי אויפ׳ן וואָהר און סיי אין חלום, בייטאָג און ביינאַכט זאָל ער זיי זעהן — סיי אין דער ביבעל וואָס ער עפענט, סיי אין שאַמפּאַניער שוים וואָס ער טרינקט. און זאָל דאָס ברענען ווי אַ בראַנד אין זיין זעל און ער זאָל פון דעם אין ערגעץ און קיינמאָל ניט קאָנען אַנטלויפען. — אַזוי אַז יעדע אָפענע וואונד און יעדער דרויסענדער פּנים זאָל איהם מאַכען ציטערן ביז׳ן טויט אַריין און ביז זיין לעצטער שעה!...“

דעם 21טען מערץ איז דער קעניג אַרויסגעפאָהרען פון שלאָס מיט אַ געל־שוואַרץ־רויטען באַנד אויף זיין אָרים און האָט אַליין געטיילט אַזוינע באַנד־שלייפען. ער איז געווען באַגלייט פון די פּרינצען און די מיניסטאָרען, וועלכע זיינען געווען פאַרצווייפעלט דורך אַזאַ ערנידערונג. ביי זיין זייט איז געפאָהרען אַן אַלטער דאָקטאָר, מיט׳ן נאָמען אורבאַן. איינער פון זיינע גענעראַלען האָט געפּרואווט אָפּצורייזען איהם פון צו נעהמען אַזוינע שריט. ער האָט איהם אָפּגעענטפערט אויף פראַנצויזיש: „ניין, ניין, ס׳איז באַשלאָסען, מיר געהען אַרויף אויפ׳ן פערד“. דער קעניג האָט אָנגענומען דעם פערד׳ס צוים און האָט אַזוי געזאָגט: „איך נעהם ניט צו קיינעמס רעכט, ווען איך ערקלער, אַז איך האַלט, דאָס איך בין באַשטימט צו זיין דער, וואָס זאָל ראַטעווען די איינינקייט און פרייהייט פון דייטשלאַנד, די דאָזיגע איינינקייט און פרייהייט, וואָס איז באַזירט אויף אַ פרייער קאָנסטיטוציע, און איך וועל זי פאַרטיידיגען מיט דער הילף פון דייטשער לאָיאַליטעט“. ביים אוניווערסיטעט האָט ער אַרויסגערופען די פּראָפעסאָרען און די סטודענטען און ער האָט צו זיי געזאָגט:

„פאַרשרייבט זיך דאָס, מיינע העררען! פאַרשרייבט מיינע ווערטער, ווייל זיי וועלען בלייבען פאַר דער צוקונפט. איך שטעל זיך אַוועק אַן דער שפּיץ פון דער דייטשער נאַציע. פון היינט אָן איז די עקזיסטענץ פון פּרויסען פאַרבונדען מיט דייטשלאַנד׳ס איינינקייט און פריי־

חיים און קאן פון איהר ניט אפגעטיילט ווערען. פארשרייבט דאס!"

אין דעם ארסענאל, ווען ער האט ווידער איבערגע׳חזר׳ט די דערמאנטע הבטחות, האט מיט אמאל א שארפער קול אויסגע־שריען:

„גלויבט איהם ניט! ער ליגט! ער האט שטענדיג געליגט און ער טוט דאס איצט אויך. איהר מעגט מיך צורייסען אויף שטיקער — איך זאג אבער, אז ער ליגט, און איהר זאלט איהם ניט גלויבען!"

אין א פאר טעג ארום איז אין וויען ערשיענען אזא ליעד:

„פריסישע מיספארשטענדניסע".

„וואונדער פאסירען איצט אינ׳ם גרויסען, אלטען בערלין. צוויי טעג אהן אן אויפהער האט מען דארטען געשטורעמט, געשאסען און גע־ברענט; טויזענדע ליגען אין בלוטיגען שטויב. דער קעניג איז שטארק באטריבט פון די פאסירונגען און ער זאגט: די ביקסען האבען געשאסען פון זיך אליין, עס איז געווען ניט מעהר ווי א מיספארשטענדניס.

„אינ׳ם גרויסען אונגלויביגען אלט־בערלין קומען פאר מאדנע ווי־צען. דער קעניג טוט זיך אן אין שווארץ־רויט־געל און ערקלערט זיך אן שפיץ פון גאנץ דייטשלאנד, פארשטעלט זיך פאר א הויפט־דעמאגאג, וועלכער איז אנגעשיקט פון הימעל. גאנץ דייטשלאנד אבער לאכט און שרייט הויך אויס: דאס איז ניט מעהר ווי א מיספארשטענדניס!.."

אן אנדער ליעד מיט סימנים פון דעם אויפגערעגטען סאר־קאסטישען געפיהל פון יענע טעג, הייסט „וואלד־קעניג", און הויבט זיך אן:

„ווער שיסט דאס אזוי שפעט אויפ׳ן אומבאוואפענטען פאלק? דאס איז א קעניג מיט זיין חיל. ער האלט פעסט דאס פאלק מיט זיינע ארעמס און צאמט זיי זיכער מיט זיינע זשאנדארען.

„בירגער, בירגער! הערט איהר דען ניט אלע, וואס דער קעניג פארשפריים אין די ציימונגען? א. אז. וו."

די מערץ־רעוואלוציע אין די דייטשע הויפט־שטעדט האט ניט ארויסגעבראכט קיין באזונדערס גוטע פאעטישע שאפונגען. עס זיינען דער עיקר געווען ענטוזיאסטישע גאסענלידער. דערפאר האט די קאנטר־רעוואלוציע, ווען וויען איז צוריק פארנומען געווארען אין אקטאבער און בערלין — אין נאוועמבער 1848 — ארויסגע־בראכט א סך שעהנע פאעמען.

די פּאָעטען האָבען שטאַרק באַזונגען דעם מאַרטירער טויט פון רעוואָלוציאָנערען, וועלכע זיינען אָדער געפאַלען אין קאַמף, אָדער זיינען דערנאָך געריכטליך ערמאָרדעט געוואָרען, ווען די רעוואָלוציע אַז אונטערדריקט געוואָרען. דער אונגאַרישער אויפ־שטאַנד, וועלכער איז אונטערגעדריקט געוואָרען דורך דער רוסישער אַרמיי האָט אויך געפונען אַן אויסדרוק אין אַ סך ריהרענדע לידער.

לאַנג האָט דער ענטוזיאַזם אין וויען ניט געדויערט. די דע־מאָקראַטען האָבען די פרייע קאָנסטיטוציע ניט געהאַלטען פאַר גענוג פריי. אַ צענטראַלער פּאָליטישער קאָמיטעט איז געגרינדעט געוואָרען, כדי אויסצואיבען אַ דראַנג אויף דער רעגירונג. די רע־גירונג האָט דערקלערט די עקזיסטענץ פון אַזאַ קערפּערשאַפט פאַר אונגעזעצליך, נאָר אונטער׳ן דרוק פון פאָלק האָט די רעגירונג שפּעטער געמוזט צוריקציהען איהר דעקלאַראַציע און סוספּענדירן די קאָנסטיטוציע. אין אָנהויב מאַי איז דער קייזער אַנטלאָפען קיין אינסברוק. די רעגירונג האָט געפּרואווט פאַנאַנדערטרייבען די סטודענטען־בריגאַדע, נאָר וויייל דאָס האָט געפיהרט צו דער באַנייאונג פון באַריקאַדען־געשלעג האָט די רעגירונג געמוזט נאָכ־געבען. דער קייזער האָט זיך צוריק אומגעקעהרט אין אויגוסט. דורך דער גאַנצער צייט איז די הויפּטשטאָדט געווען אין אַ זעהר אויפגערעגטען צושטאַנד. די רעוואָלוציע האָט אָפּגעשטעלט יעדען סאָרט האנדעל און אינדוסטריע און די אַרבייטסלאָזיגקייט האָט פאַרגרעסערט די אַלגעמיינע אונצופרידענקייט. אַ טיפען איינדרוק האָט אויך געמאַכט די נייעס וועגען די יוני־פּאַסירונגען אין פּאַריז. קאַווייניאַק׳ס נצחון האָט מען באַטראַכט ווי די אונטערדריקונג פון דער רעוואָלוציע אין פראַנקרייך. אין דערזעלבער צייט איז אויך אָנגעקומען די נייעס, אַז יעלאַטשיטש, דער באַן פון קראָאַציע, האָט זיך געגרייט צו באַפאַלען אונגאַרן. בריעף, וועלכע מען האָט איבערגעכאַפּט, האָבען געוויזען, אַז ער ווערט געשטיצט דורך דעם וויענער הויף און אויך דורך לאַטור, דעם קריעגס־מיניסטער. עס האָט זיך אויסגעלאָזען, אַז לאַטור׳ס שליח, גראַף לאַמבערג, איז זריסען געוואָרען אויף שטיקער דורך דעם בודאַפּעשטער המון„ און לאַטור אַליין, ווען ער האָט דערקלערט, דאָס ער האָט בדעה אַריבערצושיקען חיל קיין אונגאַרן, איז דורך דעם אויפגערעג־

טען עולם פון וויען דער׳הרג׳עט געוואָרען (דעם 7טען אָקטאָבער). איבער לאַטור׳ס טוידט, באַנוצט זיך רינגעלשטעדט מיט דער געלעגענהייט זיך אָפּצוטיילען פון דער רעוואָלוציע מיט איהרע אויפטואונגען.

א צווייטען מאָל איז שוין דער קייזער אַנטלאָפען פון וויען. אין דער צייט ווען ראַדעצקי האָט אונטערדריקט דעם אויפשטאַנד אין לאָמבערדי, האָט ווינדישגיעץ, וועלכער איז געוואָרען באַשטימט אַלס הויפּט־קאָמאַנדיר, אַרומגערינגעלט די הויפּטשטאָדט מיט זיין חיל. נאָך אַ קאַמף, וואָס האָט געדויערט פון דעם 24טען ביז דעם 29טען אָקטאָבער, זיינען גענומען געוואָרען די געגענד און די פאָרשטעדט אַרום וויען, און די שטאָדט אַליין איז, צוליעב דעם דוחק אין אַמוניציע און לעבענסמיטעל, געטריבען געוואָרען צו קאַפּיטולירען לויט ווידעשגריץ׳ס פאָדערונג, — ווען מען האָט פּלוצלינג אויפגעהויבען אין די גאַסען אַ געשריי, אַז „די אונגאַרען קומען אָן!“ מען האָט די אונגאַרען געזעהן אַנקומענדיג, קוקענדיג פון׳ם טורעם פון דער קירכע פון הייליגען סטעפאַן. די שמחה איז געווען אומגעהייער גרויס און מען האָט גלייך פאַרוואָרפען דעם פאָרשלאָג וועגען אונטערגעבען זיך. מען האָט זיך צוריקגענומען צום געוועהר, וואָס איז שוין צונויפגעפיהרט געווען אין די אַרסענאַלען און זיך אויך געקליבען דורכצורייסען די באַלאַגערונג כדי אַרויסצוהעלפען דעם אונגאַרישען חיל, וועמעס קאָמאַנדיר מען האָט שוין געהערט אין וויען. יעלאַטשיטש אָבער האָט די אונגאַרען צעשלאָגען. ווינדישגיעץ איז דעם 31טען אָקטאָבער אריין אין וויען, און יעלאַטשיטש — דעם 2טען נאָוועמבער. באַלאַגערונגס־צושטאַנד איז ערקלערט געוואָרען און קריגס־געריכטען, טויטשטראָף זיינען געוואָרען אַ טאָג־טעגליכע ערשיינונג.

גלייכצייטיג מיט די וואַהלען צו דעם ערשטען דייטשען פאַרלאַמענט אין פראַנקפורט־אַם־מאַין, זיינען אויך אַנגעגאַנגען וואַהלען צו דער פּרייסישער קאָנסטיטוציאָנעלער פאַרזאַמלונג, וועלכע דער קעניג האָט ערעפענט אין מאַי. די לעצטע האָט פאַרמאָגט וועניג באַדייטענדע פיהרער, ווייל די בעסטע מענשען זיינען געווען אין פראַנקפורט. בערלין איז געווען אין אַן אַנאַרכישען צושטאַנד: דער אַרסענאַל געשטורעמט און צופּלינדערט, די פּאָליטישע קלו־

בען — טעראָריזירט און די קאָנסטיטוציאָנעלע פאַרזאַמלונג אײַ־בערגעשראָקען. די לעצטע האָט אָפּגעוואָרפן די קאָנסטיטוציע, וועלכע די רעגירונג האָט פאָרגעבראַכט, ווייל זי איז ניט געווען גענוג דעמאָקראַטיש. דער רעזולטאַט איז געווען — די ערשטע דעמיסיע פון מיניסטאָרען־קאַבינעט. די פאָרשלאָגען, וואָס דער נייער קאַבינעט האָט געמאַכט האָבען שוין נעהענטער געשטימט מיט די פאָרשלאָגען פון די פאָלקס־פאָרטרעטער, — האָט זי אָבער ניט געקענט נאָכגעבען דעם פאָרשלאָג, אַז די אַרמיי־אָפיצערען, וועלכע זיינען ניט מסכים מיט דער קאָנסטיטוציע, זאָלען פאַרלאָזען די אַרמיי. עס האָט זיך דאַן פאָרמירט אַ דריטער קאַבינעט, אונטער דער פיהרערשאַפט פון פפיל. דעם לעצטען טאָג פון אָק־טאָבער, ווען אין דער פאַרזאַמלונג איז דעבאַטירט געוואָרען אַן אויפרוף צו דער רעגירונג, זי זאָל „מיט אַלע מיטלען, וואָס זי פאַר־מאָגט, אונטערשטיצען די פאָלק׳ס פרייהייט, וואָס שטעהט איצט אין געפאַהר אין וויען“ — איז אַ המון באַפאַלען די פאַרזאַמלונג, האָט געפּרואווט זיי בעאיינפלוסען מיט געוואַלד און האָט געזידעלט דעם פפיל־קאַבינעט. דער נייער קאַבינעט האָט אויך רעזיגנירט און דעם 2טען נאָוועמבער האָט דער קעניג איבערגעגעבען די רע־גירונג אין די הענט פון אַ קריעגס־מיניסטעריום אונטער זיין שטיף־אָנקעל גראַף בראַנדענבערג. די נייע רעגירונג האָט, דורך אַ דעק־רעט, די קאָנסטיטוציאָנעלע פאַרזאַמלונג איבערגעפיהרט קיין בראַנדענבורג און האָט קיין בערלין אַריבערגעבראַכט דעם דייטשען חיל, וואָס האָט זיך, אונטער גענעראַל וראַנגעל, נאָר וואָס אומ־געקעהרט פון דענמאַרק. די בירגער האָט מען ענטוואָפענט און באַלאַגערונגס־צושטאַנד איז דערקלערט געוואָרען.

די רעוואָלוציעס אין וויען און אין בערלין האָבען געבראַכט צו גאָרנישט. דאָס זעלבע האָט אויך פּאַסירט מיט דעם ערשטען דייטשען רייכסטאַג, וועלכער איז זיך צונויפגעקומען אין פראַנק־פורט, דעם 18טען מאַי 1848, און איז צעטריבען געוואָרען אין שטוטגאַרט דעם 18טען יוני 1849.

ערצהערצאָג יאָהאַן, וועלכער איז געווען אויסגעקליבען אַלס פּרעזידענט פון דעם רייכסטאַג, האָט געטאַן אַלץ איהם אונטערצו־וואַרפען אונטער עסטרייך. אומזיסט האָט דער רייכסטאַג, איז

אפריל 1849, פאַרגעלעגט די קרוין פון דייטשלאַנד צו פרידריך ווילהעלם דעם פערטען. די סואווערניטעט פונ'ם פאַרלאַמענט איז צושטערט געוואָרען שוין אין נאָוועמבער 1848, ווען ווינדישגרעץ האָט באַפוילען די עקזעקוציע פון איהרען אַ מיטגליעד — ראָבערט בלום. די קאָנסערוואַטיווע מיטגלידער האָבען דעם פאַרלאַמענט פאַר־לאָזען און ער האָט פאַרלוירען אַ סך פון זיין באַדייטונג. ווען מען האָט איהם פאַנאַנדערגעטריבען אין שטוטגאַרט האָט די רעאַקציע ווידער טריאומפירט אין גאַנץ אייראָפּאַ.

„דאָן זיינען די לעצטע צווישען די, וועלכע זיינען געבליבען געטריי צו זייער רעטער, פאַרטריבען געוואָרען אין אַלע זייטען צו פאַרשפּרייטען דאָס וואָרט פון דער ישועה, וויסענדיג צו דער זעלבער צייט, אַז די איינציגע זאַך וואָס ערוואַרט זיי איז נאָר גלות, נויט, הונגער, אָרעמקייט, פּיין, תפיסה און טויט. „דאָס וואָרט פון ישועה וועט זיי אַריבערלעבען" — געדענקט דאָס, איהר בלוטיגע האַרדעס, איהר קנעכט — דאָס דאָזיגע וואָרט האָט זיך באַקליידט מיט פלייש און איז געוואָרען גלייך צו גאָט!"

אזוי האָט געזונגען מאָריטץ האַרטמאַן, איינער פון די לעצטע פון די געטרייע.

צום סוף פון יאָהר 1848, איז פאַר די רעוואָלוציאָנערע פּאָעטען מעהר ניט איבערגעבליבען ווי צו באַזינגען די געפאַלענע העלדען און די אויסגעלאָשענע האָפנונגען. צווישען די דאָזיגע פּאָעטען זיינען די גרעסטע — פרייליגראַט און האַרטמאַן. אַלס טיפּיש פאַר אַלע עלעגיעס, וועלכע זיינען געשריבען געוואָרען אויפ'ן טויט פון געפאַלענע העלדען, קאָנען מיר נעהמען די ליעדער, וואָס די דערמאָהנטע צוויי פּאָעטען האָבען געשריבען וועגען ראָבערט בלום, וואָס זיין איידעלער און שטאַרקער כאַראַקטער, זיין איינפאַכקייט און חכמה האָט איהם אין די אויגען פון זיינע צייטמענשען אוועק־געשטעלט אַלס אידעאַל פון אַ פאָלקס־העלד.

אין זיין „ריימכראָניק" קלאָגט האַרטמאַן אזוי:

„רוה שטיל און אין פרידען, מיין ראָבערט! מיר דאַרפען גאָר ניט ווינשען אַז די, אין בלוט אויסגעווייקטע, וויענער ערד, וועלכע דו האָסט איינגענומען זאָל דיר זיין גרינג. דו ביסט ניט טויט, ניט קוקענדיג אויף אַלע קלאָגען פון דייטשען פאָלק... אַ לעגענדע געהט

ארום: ראבערט אונזערער, ראבעט בלום, ווענען די טיראנען האבען דערשאסען, לעבט. — אזוי שלאגט יעדע דייטשע הארץ. דאס טייערע בלום איז ניט פארגאסען געווארען — אזוי קלינגט די האפנונג אין יעדען אויער. דעם דרייפארביגען פלאג לאז ארונטער — דייטשלאנד אבער איז נאך ניט פארלארען.... אומעטום איז ער פאראן — ער שטעהט מיט דער אפענער ברוסט און ווענדט אזוי אפ די קוילען פון אונז, די קוילען, וואס די „פאטערס פון לאנד“ מאכען האגלען אויף אונז... און ער מוז ארומוואנדערן ביז דער דייטשער פאלק ווערט באפרייט פון די פאררעטער און ווערט פריי פון זייגע פרינצען און גלחים“.

א וואך נאך בלומ׳ס טויט שרייבט פרייליגראט אן א שעהנע פאעמע לכבוד דעם אנדענקונגס גאטעס־דיענסט אין דעם קאטהעדראל פון קעלן, וואו עס האט געשאלט נייקאמוס רעקוויום־מוזיק פון דעם מעכטיגען ארגאן:

„היינט, אין דעמזעלבען קעלן, איגאיינעם מיט׳ן ברומען פונ׳ם קאלטען ווינט, וויינען די ארגאן־טענער און דאס קבורה־ליעד פון אונזער שטאדט׳ס זוהן. ניט די מוטער, וועלכע איז איבערגעבליבען צו טרויערן, זינגט דאס איבער איהר זון — נאר גאנץ קעלן באוויינט זיין טויט. און זי זאגט: דו, וואס האסט איהם אויסגעהאדעוועט, בלייב שטיל און בויג פאר גאט דיין גראהען קאפ און גיס דיין הארץ אויס פאר איהם. ווארים איך בין אויך זיין מוטער, און א שטארקערע נאך איז אויך די רעוואלוציע, פאר וועלכער ער האט זיך מקריב געווען. בלייב דא איבער מיט דיין וועהטאג — בלייב דא פון אונזער כבוד וועגען, און די רעוואלוציאנערע קעלן וועט וואכען איבער איהם און זינגען איהרע רעקוויעם....

„פארוואס געהמט איהר ניט אן, אין אייער צארן, די שווערדען, איהר, זינגער, און איהר, גאטבעטער? און איהר, ארגאן־רעהרען — פארוואס ווערט איהר בעסער ניט קיין טרומייטען, כדי צו לאזען הערען וועגען דעם נייעם טאג אין די אויערען פון די תליונים, וואס האבען איהם אומגעבראכט, ווען ער איז, אקוראט מיט אכט טעג צוריק, שטיל אנידערגעפאלען אויף די קניה, מיט צוויי קוילען אין ברוסט און איינע אין זיין קאפ?“

אויב מיר ווילען וויסען וועגען אלע פאסירונגען און איבערלעבונגען פון יאהר 1848, ווי זיי ווערען אפגעשפיגעלט אין דער

דיכטונג, מוזען מיר ווענען דעם זוכען אין האַרטמאַנ׳ס „רײמ־ כראָניק דעם פּפאַפעס מאוריציוס“. אַ סך פון די אײנצעלהייטען פון דער דערמאָנטער פּאָעמע זיינען געוואָרען אונפאַרשטענדליך. דער מאָדערנער לעזער שטויסט זיך דאָרטען אָן אויף נעמען, וועלכע זיינען היינטיגען טאָג שוין פאַרגעסען, — געוויסע מיטגלידער פון דעם לאַנדטאַג אין פראַנקפורט, וואָס דעמאָלט זיינען זיי געווען באַריהמט. פון געוויסע טהיילען אָבער קאָנען מיר אַרויסקריגען אַ זעהר לעבעדיגען אויסדרוק פון די געפיהלען פון יענער צייט פון רעוואָלוציע. זעהר ריהרענד איז דער פּלאַץ, וואו דער פּאָעט ברעכט אויס און באַקלאָגט דעם מאַנגעל אין וויכטיגע מענער:

„איך זעה וויסענשאַפטס לייט, פּראָפעסאָרען, אַסעסאָרס, פּרעזי־ דענטען, ווײנהענדלער, רעדאַקטאָרען, דירעקטאָרען מיט אַקושאָרען; איך זעה פינאַנסירען מיט זשורנאַליסטען; איך זעה אַסטראָנאָמען און צינז־ אויפמאַהנער, לומפען־סוחרים מיט אַנטיקווערען; איך זעהר בידער־ מענער, האַנסינמענער, באַסערמענער — וואו אָבער זיינען די גרויסע מענער, די אמת׳ע מענער?“

ווען האַרטמאַן האָט דאָס דאָזיגע געשריבען איז ער געווען אַן אַנטלאָפענער פון דייטשלאַנד און האָט געלעבט ביים גענפער זעע, אין דער שווייץ. אַלע בעסטע מענער פון דייטשלאַנד און פון עסטרייך, וועלכע האָבען איבערגעלעבט די פאַרווירטע צייט זיינען אָדער געווען אין טורמעס אָדער, ווי ער, פאַרטריבען פון זיין לאַנד.

דער יאָהר 1848 איז ניט געווען קיין יאָהר פון ענטשיידענדער פּאָליטישער ענדערונג, ניט קוקענדיג דאַהויף וואָס, גלייכצייטיג במעט אין יעדער לאַנד אין אייראָפּאַ, איז די אַלטע אָרדנונג צום ערשטען מאָל געריהרט געוואָרען פונ׳ם אָרט. די לאָקאַלע רעוואָ־ לוציעס אין יאָהר 1789 און אין יאָהר 1830, וואָס זייערע רעזולטאַ־ טען זאָלען ניט געווען זיין, זיינען אָבער געווען ערפאָלגרייכע. די אַלגעמיינע אייראָפּייאישע רעוואָלוציע פון יאָהר 1848, איז אין קיין לאַנד ניט געווען מעהר ווי אַ פאַרזוך, וואָס איז דורכגעפאַלען.

און פאָרט בלייבט דער יאָהר 1848 אַ יאָהר פון גרויסער גייס־ טיגער באַדייטונג. זינט דאַן קלעהרען מענשען און שרייבען אַנ־ דערש ווי פריהער. אין דער ליטעראַטור שטעלט ער מיט זיך פאָר די רויטע ליניע וואָס טיילט אָפּ אונזער יאָהרהונדערט און

הויבט אָן אַ נייע ערע. עס איז געווען אַ יובל־יאָהר, ווי יענער יובל, וואָס דער אַלט־העברעאישער געזעץ האָט איינגעפיהרט; יענער יאָהר פּלעגט געהאַלטען ווערען הייליג און מען פּלעגט אין גאַנצען לאַנד בלאָזען מיט שופרות און פרייהייט איז פּראָקלאַמירט געוואָרען „אין גאַנצען לאַנד אונטער אַלע איהרע איינוואוינער“ (ויקרא כ״ה, 8). דער יאָהר 1848, מיט זיין גאַנצען יונגען פייער, מיט זיין גיכען טעמפּאָ, איז געווען גלייך צו דעם ביבלישען יובל־באַפרייאונג, ווען אַלץ, „וואָס איז פריהער פאַרקויפט געוואָרען ווערט אומגעקעהרט צוריק“. מיר זויגען זיך אָן מיט יונגען ענטוזיאַזם אין די טעג פון מערץ און לערנען אָפּ וויכטיגע לעקציעס פון איהרע נאָוועמבער־טעג.

עס איז דער יאָהר פון יובל, דער יאָהר פון קלאָגען, און דער יאָהר, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ נייע גרענעץ.

.20

דער סך־הכל.

אַ מעכטיגע פּאַנאָראַמע עפענט זיך פאַר אונזער אויג ווען מיר שטודירען די געדאַנקען און די געפיהלען פון דייטשלאַנד, וועלכע איז געוועזן פריהער אָפּאָזיציאָנעל, דערנאָך רעוואָלוציאָנער, צווישען 1815 און 1848. מיר זעהען דעם גייסט פון מעטערניך, דעם גייסט פון אויבערפלעכליכקייט, ווי ער לויערט איבער עסטרייך און איבער גאַנץ דייטשלאַנד. מיר פאָלגען נאָך די נייע אינטעלעקטועלע באַוועגונג, וועלכע האָט געפונען איהר ערשטען אויסדרוק אין דער וואַרטבורג פייערונג, אין 1817. מיר זעהען ווי דער אַטענטאַט אויף קאָטצעבו ברענגט די געלעגענהייט צום אָפענעם פאַרפאָלגען פון ליבעראַליזם און פיהרט צו אַלענגערען פעריאָד פון רעאַקציע און אונטערדריקונג. אין דער דאָזיגער צייט ווערט געטע באַטראַכט אַלס אַ קוויעסטעטישער שונא פון פרייהייט, און ווערט, אַלס אַזעלכער, געלויבט אָדער געשענדט, און די דייטשע פילאָסאָפיע, אונטער דעם שוץ פון העגעלין ווערט — כאָטש אין אַ אָפּגעפרענטען זינען — קאָנסערוואַטיוו. די אָפּאָזיציאָנעלע טענדענץ געפינט אַן אויסדרוק אין די שריפטען פון אַזוינע פּאָעטען ווי שאַמיסאָ, פּלאַטען און היינע, אָבער דער אַלגעמיינער אינטעלעקטועלער צושטאַנד איז אַ געדריקטער, וועלכער ווערט נאָר פון צייט צו צייט פאַרגרינגערט דורך אַן אויסברוך פון חוזק מאַכען פון זיך אַליין. די נייעם וועגען דער רעוואָלוציע פון 1830 מאַכט אַ סוף צו דעם דאָזיגען צושטאַנד און גיט סיי דיכטער סיי פּראָזע שרייבער נייעם קוראַזש און התלהבות. דער אָנדענקען פון בייראָנ׳ס לעבען און זיין טויט, און דער פּוילישער אויפשטאַנד — ניט קוקענדיג

אויף דער ראָל, וואָס דייטשלאַנד שפּיעלט, מיטהעלפענדיג צו פאַרטיליגען פוילען — דערוועקען ענטוזיאַזם און סימפּאַטיע. בערנע ווערט דער גרעסטער פּאַרטיי־דיכטער פון ליבעראַליזם אין דער פּאָליטיק, האַלט הויך די פאָן פון פרייהייט און גערעכטיגקייט, ווייזט אַ נאָבעלען ביישפּיעל פון זיין שטאַרקען כאַראַקטער און איבערצייגונג, אין דערזעלבער צייט ווייזט ער אָבער אַרויס אַ נאַאיווען, פאַנאַטישען אָפּטימיזם, וועלכער באַווייזט, אַז ער פאַרמאָגט ניט דעם טעמפּעראַמענט, וועלכער פאָדערט זיך פאַר אַן אמת'ן שטאַאַטסמאַן. אין היינע, וועלכער איז דער גרעסטער פּאָעט פון דער עפּאָכע, פיהלען מיר די וויבראַציע פון יעדען נערוו פון דער עפּאָכע. אין איהם וואַרפט די מאָדערנע פּאָעזיע אַראָפּ די ווי־קעלאַך פון דעם ראָמאַנטיזם. אין דער אָפּשאַצונג פון דער נאַטור, אין דער ליעבע, אין זיינע פּאָליטישע, סאָציאַלע און רעליגיעזע אַנשויאונגען, אין זיין שילדערענדען, סאַטירישען סטיל איז ער דער מענש פון אונזער צייט — פּאַסיגער ווי ווער ני טאָיז אַנדערש זיך צו פאַרמעסטען מיט'ן מאָדערנעם לעבען מיט זיין גאַנצער שווערקייט און מאָס, זיין חן, זיין אונרוהיגקייט און זיין רייכקייט אין שאַרפע קאָנטראַסטען. אומגעפעהר אין דערזעלבער צייט, כאָטש אויף אַן אַנדער אופן, ווייזט אימערמאַן, אין זיין בעסטען בוך, אויך אַרויס דעם איבערגאַנג צו דעם רעאַליסטישען סטיל אין דער קונסט.

די יולי־רעוואָלוציע האָט ניט נאָר געענדערט דעם טאָן פון דער ליטעראַטור, נאָר זי האָט אויך געענדערט דעם כאַראַקטער פון דער העגעליאַנער פילאָסאָפיע, וועלכע ווערט פון דער צייט אָן אויך ווייטער פאַררעכענט ווי איינע פון די שטאַרקסטע איינ־פלוסען אין'ם רעוואָלוציאָניזירען דעם מענשענס קאָנצעפּציע וועגען לעבען; פון די לעהרעס פון דעם רבי'ן, וועלכער איז געשטאָר־בען אַזאַ שטאַרקער רעאַקציאָנער, האָבען זיינע תּלמידים געצויגען רעפאָרמאַטאָרישע אָדער רעוואָלוציאָנערע שלוסען און פּרינציפּען. איצט, אינאיינעם מיט די עפּאָכע פון דער יולי־רעוואָלוציע אין זייערע אויערען, ערשיינט אַ גרופּע יונגע שרייבער; אַלע באַ־איינפלוסט דורך דער העגעליאַנישער פילאָסאָפיע און דער פּאָעזיע פון גערטע, וועלכער ווערט איצט אויסגעטייטשט ווי אַן אַנטי־קריסט;

היינע און בערנע זיינען זייערע מייסטערס, זשאָרזש זאַנד און ראַהעל — זייערע מוזעס; זיי ווערען אַלע באַקאַנט אונטער׳ן נאָמען יונג־דייטשלאַנד; זייער שטרעבען צו אַסימילירען ליטע־ראַטור מיט לעבען; איבערצושאַצען עקזיסטירענדע רעליגיעזע און מאָראַלע ווערטען; איינצופיהרען אַ פרייערע מאָראַליטעט בנוגע צו חתונה און גט; און זיי טראָגען אַריין אַ נייעססאָרט פאַנטהעאיסטישע פיעטעט.

מענצעל׳ס פאַרקלאַגען די דאָזיגע מענשען, אין יאָהר 1835, האָט געדיענט אַלס אַ סיגנאַל פאַר אַ נייער סעריע פון פאַרפאָל־גונגען קעגען אַלע און אַלץ וואָס איז אין יענער צייט געגאַנגען אונטער׳ן נאָמען פון „באַוועגונגס־ליטעראַטור”. זעהר וועניג פון די פאַרשטעהער פון דעם יונגען דור ווייזען אַרויס אַ שטאַרקען כאַראַקטער, ווען זיי ווערען אויסגעפּרואווט, אָבער די הויכבאַ־גאַבטע פון זיי (גוצקאָוו) און די מיטעלמעסיגע (לאָובע און אַנד.) ענטוויקלען זייערע טאַלאַנטען אונטער די דערמאָנטע פאַרפאָל־גונגען און זיי שאַפען ווערק, וועלכע שפּיגלען אָפּ גענוי די האָפ־נונגען אין דעם קאַמף פון דער צייט, די געדאַנקען, געפיהלען, טעותים און נצחונות פון דעם אינדיווידואום.

צווישען די יאָהרען 1830 און 1840, האָט עפּעס פאַסירט טיעף אין דעם מענשליכען גייסט — געטע׳ס פאָעזיע און זיין וועלט־אַנשויאונג ,וועלכע איז לכתחילה פאַרטיידיגט געוואָרען אויסשליס־ליך דורך ענטוזיאַסטישע פרויען, — ווי זיי האָבען שטופּענווייז אַלץ מעהר בעאיינפלוסט די אינטעליגענץ, און זי געמאַכט זיכער נעגען טהעאָלאָגישע איינפלוסען און פעהיג אַנצונעהמען יעדע גרויסע מענשליכע אידעע. דער געטע־קולט ברענגט, אַפילו ביי די פרויען, פאַמעליך צו דעם קולט פון פּאָליטישער פרייהייט און סאָ־ציאַלע רעפאָרמען.

אין 1840 הויבט די דייטשע פילאָסאָפיע זיך אָן צו ענטוויקלען אויפ׳ן וועג פון ראַדיקאַליזמוס און די פּאָעטען הויבען אָן אָפען צו פאַרטיידיגען פּאָליטישע פרייהייט. די מענשען פון דער צייט האָבען אויך צו פאַרדאַנקען זייערע פילאָסאָפישע אַנשויאונגען צו העגעל׳ן, וועמעס לעהרע זיי האָבען איצט אויסגעטייטשט ווי אַן אַטעאיסטישע, אַנטי־מאָנאַרכיסטישע דאָקטרינע. זיי באַטראַכ־

טען מיט פאַראַכטונג דעם שטאַנדפּונקט פון יונג־דייטשלאַנד ווי א ריין בעלעטריסטישע, און אליין באַשעפטיגען זיי זיך מיט דעם שטודיום פון דער נאַטור פון קריסטענטום און מיט דער אידעע פון שטאַאַט.

אויפ׳ן פּרייסישען טראָן איז אין דער איבערגאַנגס צייט געזעסען אַ קעניג מיט אַ מאָדנעם קאָמפּליצירטען כאַראַקטער, מיט פיעל פעהיגקייטען, און דאָך איז ער ניט מעהר ווי אַ טיפּישער איבערגאַנגס־טיפּ. אין דרום־דייטשלאַנד איז דאָס מעטערניך און אין צפון־דייטשלאַנד איז דאָס געוועזן פרידריך ווילהעלם דער פערטער, וועלכער רעגולירט אויסערליך דעם גאַנג פון די פּאַסירונגען. מיר זעהען ליטעראַרישע און פּאָליטישע באַריהמטהייטען, וועלכע ווערען צוגעצויגען דורך איהם, קומען מיט איהם אין צוזאַמענשטויס און קעהרען זיך אָפּ פון איהם. די אינוואַלידען אין דער ליטעראַטור, מענשען ווי טיעק און שעלינג, לעבען אָפּ זייערע לעצטע טעג אונטער זיין שוץ. הערוועג און פריילינגראַט ווערען פון אָנהויב צו איהם צוגעצויגען, דערנאָך — אָפּגעוואָרפען צוריק; יאַקאָבי פאַלט אַן אויף איהם און דינגעלשטעדט לאַכט איהם אויס.

איצט פאָלגען מיר נאָך די ענטוויקלונג פון פּאָליטישער פּאָעזיע, פון איהר גרינדער אַנאַסטיוס גרין ביז הערוועג און דינגעלשטעדט, דערביי באַמערקענדיג וואָס פאַר אַ טיעפען איינדרוק עס לאָזט איבער אויף דעם אונטעלעקטועלען לעבען פון זיינע צייט־מענשען אַזאַ דענקער ווי לודוויג פייערבאַך. מענשען ווי פריילינגראַט און פּרוטץ, סאַללעט און הארטמאַן זיינען די שטורמפויגלען וואָס זאָגען פאָר דעם שטורם. אין 1848 הערען מיר דאָס ליעד פון געוויסע טאַלאַנטירטע פּאָעטען העכער איבער דעם טומעל פונ׳ם פּאָלטישען אוראַגאַן, און מיר באַמערקען אויך, ווי אַזוי געוואַלדיגע פּאַסירונגען מאַכען מענשען פון קליינעם אָדער אונענטוויקעלטען טאַלאַנט פאַר אויסדריקער פון גרויסע צייטבאַוועגונגען.

אין דער צייט פון אונזער שטודירען דעם דאָזיגען טייל פון ליטעראַטור־געשיכטע האָבען מיר געזעהן אַ גאַנצע גאַלעריע פון אינטערעסאַנטע פיגורען, דערביי אָפּגעבענדיג די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט צו דאָס, וואָס איז דאָס סאַמע וויכטיגסטע און סאַמע טיפּישע.

מיר האָבען געזעהן, ווי נאַפּאָלעאָנ'ס גרויסע פּערזענליכקייט אין איהר לעגענדאַרישער פאָרם, האָט אויסגעאיבט איבער מענשענס-געמיטער כמעט אַזאַ שטאַרקען איינפלוס ווי בייראָנ'ס. פון די גרויסע אינטעלעקטועלע כוחות פון דעם אַכצעהנטען יאָהרהונדערט, זיינען געטע, זשאַן פּאול, היינע און העגעל די יעניגע, דורך וועלכע אונזער פּעריאָד איז הויפּטזעכליך באַאיינפלוסט. אַ טייל פון די ראָמאַנטיקער בעאיינפלוסען אַלס לערערס און מייסטערס (ווילהעלם שלעגעל, ברענטאַנאָ, שאַמיסאָ), אַנדערע — אַלס אַנטאַגאָניסטען (טיעק). בערנע און היינע, געניען פון די סאַמע אונגלייכסטע טיפּען, ווירקען אויף דעם גאַנצען פּעריאָד צוליעב דער פּאָלעמישער קוואַליטעט וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש צו זייביידען.

וואָס פאַר אַ רייכקייט פון וואונדערבאַרע אָריגינעלע כאַראַקטערען! קוק דורך אונזער פּרויען-גאַלעריי: ראַהעל און בעטינאַ, געטע'ס פריינד; בערנעס פריינד — הענריעטאַ הערץ און זשאַנעט וואָהל; היינעס — לאַ מוש; אימערמאַנס — עליזאַ און פּרינצעסין פּיקלער און שאַרלאָטע שטיעגליץ — טאַלאַנטירטע פרויען און געטרייע ווייבער! אָדער לאָז דיינע אויגען וואַנדערן איבער אונזער קאָלעקציע פון מענער-פּאָרטרעטען — שרייבער און וועלט-מענשען, ווי וואַרנהאַגען און פּיקלער; שטייפע פיגורען ווי פּלאַטען און אימערמאַן; אַנדערע ווי היינע און בערנע, וועלכע באַשטעהען פון הוילען לעבען און פייער; שטאַרקע עקסצענטריקער ווי יאַקאָבי; קעניגליכע פיגורען ווי פייערבאַך; פאַנאַטיקער ווי מענצעל; אונאַבהענגיגע פּאָעטען, סיי גרויסע, סיי קליינע, ווי ריקערט, העבעל, לודוויג און שערענבערג; אַגיטאַטאָרס, ווי ווינדבאַרג און גוצקאָוו; מענשען פון בויגזאַמען טאַלאַנט, ווי לאַובע און מונדט; שוואַכע פּערצווייפלערס ווי שטיעגליץ; מוטיגע באַזינגערס פון פרייהייט, ווי האָפמאַן און פריילינגראַט; אומצייטיגע כאַראַקטערען, ווי הערוועג; פּראָבלעמאַטישע כאַראַקטערען, ווי דינגעלשטעדט און מייסנער; בראַווע מענשען ווי סאַללעט, האַרטמאַן און פּרוטץ. אפילו ווען זייערע שאַפונגען זיינען ניט פון דער העכסטער קוואַליטעט, שטודירען מיר זיי דאָך מיט אינטערעס.

און פאַרט קאָן אַלץ, וואָס ווערט פאַרגעלעגט דאָ אין דעם דאָזיגען באַנד, פאַרשטאַנען ווערען בלויז דורך יענע, וועלכע לייע־נען עס אין פאַרבינדונג מיט די פריהערדיגע בענד פון דער אַר־בייט, פון וועלכער דער דאָזיגער באַנד איז בלויז אַ טייל; פון די יעניגע, וועלכע באַטראַכטען עס אינ'ם ליכט פון דעם לעצטען אַקט פון אַ גרויסער היסטאָרישער דראַמע. דער פּלאַן פון דער גאַנצער אַרבייט איז ערקלערט. אין דעם פאָרוואָרט צו דעם ער־שטען באַנד, און דער פּלאַן ווערט נאָכגעפאָלגט דורך אַלע בענד.

ווי עס איז אָנגעוויזען אין אָנהויב בוך, איז דעם מחבר'ס כונה געווען, דורך דעם שטודירען די הויפּט שטרעמונגען אין דער איי־ראָפּייאישער ליטעראַטור, אַרויסצוברייגנען די פּסיכאָלאָגיע פון דעם ערשטען העלפט פון דעם נייַנצעהנטען יאָהרהונדערט. דער יאָהר 1848, וועלכער שניידט אָפּ די געגעבענע שטיק צייט — איז אָנגעגעבען געוואָרען אַלס דער גרענעץ ביז וועלכען ער וויל דער־פיהרען זיין אַרבייט. די זעקס גרופּעס, וועלכע זיינען, לויט דעם אָריגינעלען פּלאַן, פאַרטרעטירט געוואָרען, זיינען — די פראַנצוי־זישע רעאַקציע, דער ענגלישער נאַטוראַליזם, דער פראַנצויזישער ראָמאַנטיזם, און יונג־דייטשלאַנד. יעדער איינער פון די זעקס בענד איז אין פאַרלויף פון יאָהרען איבערגעאַרבייט און פאַרריכט געוואָרען.

דעם מחבר'ס ערשטע אויפגאַבע איז געווען אָפּצוטיילען די ערשטע העלפט פון דעם 19טען יאָהרהונדערט; די צווייטע — אויסצוגעפינען זייער אַלגעמיינע ווענדונג אָדער געזעץ פון פאָר־אויסגעהן — דאָס הייסט: אַן אויסגאַנגס־פּונקט און אַ צענטראַל־פּונקט.

די דאָזיגע ווענדונג האָט ער אויסגעפונען איז אַ גרויסער ריט־מישער אָפּפלוס און צופלוס — דאָס שטופּענווייזע אָפּשטאַרבען און פאַרשווינדען פון די אידעען און געפיהלען פון דעם אַכצעהנטען יאָהרהונדערט ביז אויטאָריטעט, דער ירושה־פּרינציפּ און אַלטער מנהג האָט ווידער רעגיערט, דאַן דאָס צוריקערשיינען פון די אי־דעען פון פרייהייט אין אַלע העכערשטייגענדע כוואַליעס. דער אויסגאַנגס־פּונקט איז איצט קלאָר פון זיך אַליין, נעמליך, די

גרופּע פון פראַנצויזישע ליטעראַרישע ווערק וואָס האָט דאָמינירט די עמיגראַנטישע ליטעראַטור, פון וועלכער די ערשטע, עפּאָכעמאַכענדע איז געווען פון יאָהר 1800. דער צענטראַלער ווענדונגס־פּונקט איז אויך געווען פּונקט אַזוי קלאָר. פון דעם ליטעראַרישען שטאַנדפּונקט איז דאָס געווען בייראָנ׳ס טויט, פון דעם פּאָליטישען — די גריכישע באַפרייאונגס־מלחמה, אין וועלכער בייראָן איז געפאַלען טויט. די דאָזיגע דאָפּעלטע פּאַסירונג איז אַן עפּאָכעמאַכענדע אין דעם אינטעלעקטועלען לעבען און אין דער ליטעראַטור פון איירופּאַ. דער ענדפּונקט איז אויך קלאָר אַנגעוויזען געוואָרען — די איירופּעאישע רעוואָלוציע פון 1848. אַזוי ווי בייראָנ׳ס טויט פאָרמירט דעם צענטראַלען פּונקט פון דער אַרבייט, איז די ענגלישע שולע אין דער ליטעראַטור, צו וועלכער ער געהערט, געוואָרען אַזוי ווי דער אַקס, אַרום וועלכען אַלץ האָט זיך געדרעהט. די הויפּט שטריכען שטעהען איצט קלאָר געגנוג: די ערשטע רעאַקציע, וואָס עס האָבען געבראַכט די פּאָליטישע עמיגראַנטען, וועלכע איז געצאַמט געוואָרען דורך די רעוואָלוציאָנערע אידעען, וועלכע זיינען נאָך געווען אין מאָדע; דאָס וואַקסען פון דער רעאַקציע אין דער דייטשלאַנד פון ראָמאַנטיזם; זיין העכסטען אויס־וואַקסען און טריאומף פאַר׳ן ערשטען יאָהר פון דער פראַנצויזישער רעסטאַוראַציע; די פּולע ענדערונג, וואָס איז מערקבאַר אין דעם, וואָס ווערט אָנגערופען דער ענגלישער נאַטוראַליזם; דער שנוי, וועלכער קומט פאָר ביי אַלע גרויסע פראַנצויזישע שרייבער גלייך נאָך דער יולי־רעוואָלוציע, אַ שנוי וועלכער ברענגט צו דער באַשאַפונג פון דער פראַנצויזישער ראָמאַנטישער שוהלע; און, צום סוף, די ענטוויקלונג אין דער דייטשער ליטעראַטור, קול־מינירט אין די פּאַסירונגען פון מערץ 1848.

עס איז קלאָר, אַז דער אָנגענומענער שטאַנדפּונקט איז אַ ריין פּערזענליכער. עס איז שטענדיג פּערזענליכער שטאַנדפּונקט, פּערזענליכע באַהאַנדלונג, וואָס ברענגט אַרויס ליטעראַרישע ווערק, קלאַסיפיצירט זיי אין גרופּען און אַזוי אָנטקעגענגעשטעלט ברענגט זי איין טייל אַרויס שטאַרק בולט און דעם צווייטען טייל לאָזט זי איבער אין שאָטען. פון אַן אונפּערזענליכען קוק איז די ליטעראַטור פון אַ האַלבען יאָהרהונדערט ניט מעהר ווי אַ כאַאָס פון

הונדערטע טויזענדע ביכער אין פערשיידענע שפּראַכען.

דער פּערזענליכער שטאַנדפּונקט איז אָבער ניט קיין הפקרדיגער. עס איז געווען דעם מחבר׳ס צוועק צו זיין גערעכט, ווי נאָר מעגליך, צו יעדער פּערזאָן און יעדער ערשיינונג, וועלכע ער האָט באַשריבען. קיין שום פּאַרזוך איז ניט געמאַכט געוואָרען זיי צו פּאַרגרעסערן אָדער צו פּאַרקלענערן, און זיי צו געבען אַן אַנדער פּלאַץ, ווי דעם, וועלכען זיי האָבען אַקטועל פּאַרנומען. עס איז ניט געווען קיין איינפאַל אָדער אַ פּאַראויסבאַקלערטע כונה פון׳ם מחבר, וואָס דאָס ווערק איז לויט דעם געשטאַלטעט געוואָרען. די קראַפט, וועלכע האָט גרופּירט, פּאַרגליכען, ארויפגעהויבען צי ארונטערגעדריקט, פּאַרגרעסערט צי פּאַרקלענערט, אָוועקגעשטעלט אין פולער צי אין האַלבער באַלויכטונג, צי גאָר אין דער פינסטער—איז ניט געווען קיין אַנדער זאַך, ווי יענער פּאַלשטענדיג אומבאַוואוסטזיניגער כח, וועלכען מיר רופען געוועהנליך אַן קונסט.